STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01993

IN ROYTEN SHEYN

Leon Bassein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן עלבּע (ל. בּאַסיין)

אין רויטע שיין

ניו־יאָרק
1919 — תרע״ט

Copyright 1919 by Leon Bassein

שיינען זאָל דורך די שורות,
ווי אַ ליכטיגער שטערן,
די נשמה
פון מיין פרוי און חבר
לאה'קע
וועלכע איז געשטאָרבען, ניט מיט
איהר טויט, כ"ד אָב תרע"ז
(דעם 12טען אויגוסט 1917)

עטליכע ווערטער

די זאכען וואס געהען דא אריין זיינען א טייל פון דעם וואס איך האב אנגעשריבען אין די יאהרען פון 1905 ביז 1917, דאס יאהר, איז וועלכען מיין ווייב און חבר, לאה'סע, איז פאר דער צייט אוועק פון דער וועלט.

די זאכען זיינען צום ערשטען געדרוקט געווען אין פארשיידענע צייטונגען און זשורנאלען אונטער פארשיידענע פסעוודאנימען וועלכע איך האב אנגענומען, מעהרסטענס אונטער'ן נאמען ליבע דער רויטער.

דאס „רויטע העמדעל" איז געווען מיין ערשטע זאך, און דער פאר געהט דאס דא אין בוך צום ערשטען. אבער ווייטער געהען ניט די זאכען אין א כראנאלאגישען סדר. איך האב בכלל דא ניט אפגעהיט קיין סדר, אויסער די איינטיילונג אין סקיצען און בילדער, הומארעסקעס און פעליעטאנען.

די „מלחמה מיט'ן בעל" איז צום ערשטען ערשיענען אונטער'ן נאמען „אליהו הנביא", און איז געווען געווידמעט מיין ערשטען רעדאקטאר און וועגווייזער דוד פינסקי.

סקיצן און בילדער

דאָס רויטע העמדעל.

— מיסטער טעמקין ! — האָט זיך איינמאָל אָפּגערופען מי־סעם אייבעלסאָן צו איהר באָרדער, — איך האָב היינט אייער רויט העמדעל ארויסגעוואָרפען.

— וואָס ? ! — האָט אויף איהר טעמקין אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען. — וואָס זאָגט איהר ? די רויטע ר ו ב א ש ק ע ? !

— יעס סער ! — האָט מיסעס אייבעלסאָן געענטפערט מיט אַ שמייכעל, — די רויטע ר ו ב אַ ש ק ע... מען האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט אַרויסוואַרפען... אויף וואָס טויג זי ? זי איז דאָך פּול מיט לעכער, מען קען זי דאָך שוין ניט וואַשען... וואָס האָט איהר זיך אין איהר אזוי איינגעליבט ? איהר זיינט שוין, דאַנקען גאָט, ניט קיין גרינער. שוין צוויי יאָהר אין לאַנד. מען דאַרף געהן אָנגעטאָן ווי א מענש : מיט אַ דזשאָמפּער, מיט א קאַלער.

— און דאָ האָט איהר זיך איינגעליעפּעט אין א רויט העמדעל, אָדער ר ו ב אַ ש ק ע ווי איהר רופט עס... איך וויים, וואָס אַ מענשען קען געפעלען זיין ! אַנטאָן אַ העמ־דעל אַ רויטס, ארויסגעלאָזען איבער די הויזען... ס'איז דאָך מיאוס... ווער געהט דאָס דאָ אזוי ? דאָ איז ניט יוראָפּ. איהר וואָלט מיר פאָלגען און אַרויסשלאָגען פון זינען יוראָפּ מיט די רוסישע לידעלעך מיט די אַלע איבעריגע נאַריש־קייטען... און דאָס — אַ מענש שוין צוויי יאָהר אין לאַנד און רק רוסלאַנד, רוסלאַנד... כ'לעבען, שוין צייט איך צו פערגעסען זיך אָן דאָס חזיר'שע לאַנד...

טעמקין איז די גאנצע צייט געשטאנען פערטראכט און האט געשפיצעלט מיט דער לינקער האנט זיין ניט גרוים קיילעכדיג בערדעל.

— אך, מיסעס אייבעלסאן! — האט ער ענדליך ארויסגע־רעדט, — צו וואס האט איהר דאס געטאן? וואס איז אייך גע־ווען פאר א היזק, אז זי איז געהאנגען אין בעדרום?... וואו האט איהר זי ארויסגעווארפען?

— אין יארד... זי מוז נאך אפשר ליגען דארט, אויב א רעגנסמאן האט זי ניט צוגענומען.. אויב זי איז אייך זעהר טייער, קען מען געהן א קוק טאן...

זי האט געמאכט מיט די פלייצעס, קוקענדיג שוין מיט מיטלייד אויף טעמקינ'ס פערכמארעטע און פערצאגטע פנים...

טעמקין איז גלייך ארוים פון הויז.

„יעדער מענש האט זיך זיינע משוגעת", האט מיסעס איי־בעלסאן געטראכט. „געזעהן? א גאנצע מציאה! א צוריסען העמדעל! און דאכט זיך, א קלוגער מענש, א געלערנטער..."

אין א ווילע ארום איז טעמקין געקומען צוריק.

— נו, וואס? — האב איהם געפרעגט מיסעס אייבעלסאן.

— ניטא. — האט טעמקין טרויעריג געענטפערט. — אך, צו וואס האט איהר דאס געטאן? א דאגה אייערע א גרויסע... איז א צוריסענע... איהר ווייסט ניט, ווי טייער זי איז ביי מיר געווען... אך, א־א־א....

— מען קען אויפנעהען אן אנדער העמדעל, וואס זאל זיין פונקט ווי דאס אלטע... נאר ווער טראגט דאס דא אזוינע העמדלעך?...

— וואס רעדט איהר? — האט ער געטשמאקעט מיט די ליפען. — איך דארף דוקא דאס צוריסענע... יאהרען און יאה־רען האב איך עס געהיט...

— דאס איז אפשר געווען א פרעזענט, מיסטער טעמקין?

טעמקין האט ניט געענטפערט.

— ווער זאָל דאָס וויסען? — האָט מיסעס אייבעלסאָן ארויסגערעדט מיט פערדרוס. — איך האָב געמיינט, אַ העמדעל ווי אַלע... עס איז דאָך נאָך געווען אַ צוריסענס... צוליב אַ העמדעל מאַכען אַזאַ וועזען! אַ דזשאָמפּער קאָסט 20—25 סענט...

טעמקין האָט זי שוין ניט געהערט. ער איז אריין צו זיך אין צימער, האָט פערמאַכט די טיר און אויסגעצויגען זיך אויפ'ן בעט. ער האָט געבענקט נאָך דאָס העמדעל, און אויפ'ן הארצען איז איהם געווען אַזוי מאָדנע שווער.

יאָהרענלאַנג האָט ער עס נאָך געטראָגען אין רוסלאַנד, דורכגעמאַכט אין דעם זעהר אַ סך פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף. עפּעס די גאַנצע קדושה איז געווען אויסגעגאָסען אויף דעם, און ער האָט עס דאָ געטראָגען ווי אַ פּאַנצער געגען די הערשענדע קאָרופּציאָן. יעצט האָט אַ רענגסמאַן עס צוגענומען און אריינגעלעגט אין זיין זאַק מיט אַלע שמאַטעס צוגלייך...

יאַ, עס איז שוין געווען אַלט, צוריסען, דער קאָ־ליר אָביסעל אראָפּ... איין ריס האָט עס געהאַט נאָך פון רוס־לאַנד... אויפ'ן רעכטען ארבעל: אויף אַ דעמאָנסטראַציע האָט איהם דער גאָראָדאָוואָי געשלעפּט אין אוטשאַסטאָק... דער גאָ־ראָדאָוואָי האָט איהם אַזוי שטייף אָנגענומען מיט זיינע איי־זערנע לאַפּעס, דאָס ער האָט איהם דאָס העמדעל צוריסען...

ער האָט איהם דאַמאָלסט אַ שטיק פליייש פון לייב שיער ניט אויסגעריסען... ער האָט דעם ריס נאָכדעם פערנעהט... פּאַרענט איז עס געווען פערפלעקט אין טינט: ער האָט איינמאָל, העק־טאָגראָפירענדיג פּראָקלאַמאַציעס, ניט ווילענדיג אויסגעגאָסען די טינט... דאָ, אין אַמעריקע, איז פון דעם העמדעל גאָר געוואָ־רען אַ תל... די גאַנצע צייט, וואָס ער איז דאָ, האָט ער עס אַלץ געטראָגען: אין שאָפּ, אין שטוב, אין גאַס, אויף פערזאַמלונ־גען... אין שאָפּ האָט ער עס גאָר גע'פּטר'ט: איינגעשמירט אין אויל, פערשטויבט, געמאַכט בלאָטיג און שמוציג, אַז מען האָט שוין די פאַרב ניט געקאָנט דערקענען... ער האָט עס געגעבען אויס־

וואשען... דער בעל הבית פון לאנדרי האט צוגעשמייכעלט נעה־מענדיג עס אין האנט.

„וואס, מיסטער, א גרינער נאך? פון וואנען איז א לאנדס־מאן?"

דאס העמדעל איז געווארען ריינער, אבער די פארב איז געוועזען אזוי גוט ווי אין גאנצען אראפ. דאן האט עס זיך אנ־געהויבען צו רייסען... ער האט עס אלץ פעררריכט, געלאטעט, געזוכט רויטע שטיקלעך סחורה אויף צו לאטען עס... איין לאטע איז געוועזען פון געוואנט: ער האט ניט געפונען קיין אנדער סחורה, און אין שאפ האט זיך געוואלגערט אן אלט שטיקעל רויט געוואנט... אין שאפ האבען אלע געלאכט פון איהם... אנט־קעגען איהם, א מאשין איבער א מאשין, זיצט זיינער א לאנדס־מאן און ארבייט... אין דערהיים איז ער מיט איהם געוועזען אין איין ארגאניזאציע... שימחאוויץ... דאכט זיך, אין דערהיים גאר נישקשה פון א בחור געוועזען... האט געארבייט אין דער בעוועגונג זעהר גוט...

— טעמקין! — האט שימחאוויץ צו איהם איינמאל גע־זאגט. — איך איז שוין צייט אויסצוטאן דאס העמדעל... גע־נוג, דאכט זיך, דאס אנגעטראגען אין רוסלאנד... דא — איז אמעריקע, א פריי לאנד... און גלאט, ווען עס וואלט נאך געווען א גאנצעס, און דאס איז עס שוין צוריסען אויף שטיקלעך, פערלאטעט... ס'איז מיאוס... מען קען זיך זיין א סאציא־ליסט און געהן אנגעטאן ווי א מענש... איהר האט דאך געזעהן דא, אין אמעריקע, די סאציאליסטען? וואס ס'איז שייך צום סאציאליזם — איז א סאציאליסט, און וואס ס'איז שייך צו מענטשעשאפט — דארף מען זיין א מענש... דא איז א לאנד א פראקטישעס... איהר ווייסט דאך, ווי די פרומע אידען זא־גען: וואס צו גאט — איז צו גאט, און וואס צו לייטען — איז צו לייטען... איך האב אויך געהאט א רויט העמדעל, איהר ווייסט דאך, האב איך עס שוין לאנג ארויסגעווארפען... ווער

וועט דאָס טראָגן אַזוינע העמדלעך? טאַקע, אַ חוזק אייך, טראָגט קיינער ניט, און אַלע קוקן אויף אייך ווי אויף אַ...

שימחאָוויץ האָט זיך פֿערהאַקט.

— וואָס ענדיגט איהר ניט? — האָט איהם טעמקין געפֿרעגט מיט פֿעראַכטונג. — ענדיגט, ענדיגט, שעמט זיך ניט... זאָגט ווי אויף אַ משוגענעם... אַה, שימחאָוויץ!... איהר געדענקט אין דערהיים...

אוי, האָט ער פֿיינט אַט אַ דעם שימחאָוויץ! עס עקעלט איהם פֿון זיין גלאַט־אָפּגעגאָלטען, זאַרגלאָזען פּנים, פֿון זיינע בלישצעדיגע האָר, וועלכע זיינען דאָ אין אַמעריקע פֿערקאַמט געוואָרען מיט אַ „טייל“, פֿון זיין „דזשאַמפּער“ מיט'ן „קאָלער“, מיט'ן „נעקטיי“... ער קען איהם ניט אָנזעהן, ווען ער שטעהט די הענט אין די „באַקעס“ און קוקט אַזוי צופֿרידען מיט זיינע שמאָלציגע אויגען... יאָ, ער האָט זיך דאָ גאַנץ פֿיין אַרויפֿגעאַרבייט, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס, ער פֿערדיענט גאַנץ פֿיין, ער האָט שוין „אָפּגעסייווט“ אַביסעל געלט אין באַנק, ער דענקט איינגיכען צו קויפֿען אַ סטאָרקע, ווערען אַ ביזנעסמאַן, חתונה האָבען...

יאָ, פֿיעלע פֿון זיינע בעקאַנטע האָבען זיך אַרויפֿגעאַרבייט דאָ... אַט זלאַטקין... ער געהט שוין אין קאָלעדזש... ער זיצט ביי אַ מיידעל אויף קעסט און דערפֿאַר וועט ער זי קרויגען אין עטליכע יאָהר אַרום מיט'ן טיטעל „דאָקטאָרקע“...

גרינמאַן איז שוין אויך אַ גאַנצער קנאַקער... פּערלמאַן... מאַלע ווער, יעדער איינער... שוין ווייניג פֿון זיינע בעקאַנטע פּלאָגען זיך... נאָר ער איינער אַליין פּלאָגט זיך אַזוי שווער... ער איז נאָך אַלץ אַן אָפּרייטאָר. ער ווייס גאָרניט, וואָס מיט איהם וועט זיין... אַ גאַנצען טאָג יאָגט ער די מאַשינקע, און אָוונט קומט ער צוגעהן אַהיים אַן אָפּגעמאַטערטער, די פֿיס טוען איהם זעהר וועה, אין קאָפּ רוישט, עס ווילט זיך אָפּרוהען. ער קאָן זיך פֿאַר קיין זאַך ניט נעהמען... ער קען נאָך ניט גוט

קיין ענגליש... און ער קאָן זיך דען לערנען?... ס'איז ניט נאָך זיינע כחות... און צו וואָס וועט ער זיך גלאַט לערנען? ער וועט דען ווערען אַ דאָקטאָר אָדער אַ לאָיער? ער קען זיך דען אַמע־ריקאַניזירען? ער דענקט דען גאָר צו בלייבען אַז אַמעריקאַ־נער?... ער פיהלט, אַז ער איז געקומען אַהער אויף אַ ווײַלע... דאָ איז ניט זיין היים... איהם ציהט אַהין, צו דער אַלטער היים, וואו עס שמאַכטען און ליידען זיינע ברידער.

ער וועט דאָ פערפאַלען ווערען, ווי דאָס העמדעל דאָס רויטע זיינע, ווי פיעלע פון זיינע בעקאַנטע... דאָ איז פאַר קיי־נעם קיין אָרט ניט...

וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן פאַר די גאַנצע צוויי יאָהר? גאָרנישט מיט גאָרנישט! איהם עקעלט דאָ פון אַלץ: פון די מיטינגען, פון די מאַסענפערזאַמלונגען, פון די בעלער, פון די קאָנצערטען, פון די טעאַטערס, פון די צייטונגען, פון די דזשאָמפערס מיט די קאַלערס מיט די נעקטיים, פון די שיך מיט די שנירלעך... ניין, ס'איז ניט דאָס! דאָרטען, אין דערהיים, ליעגט עפּעס אויף אַלץ אַ שטעמפּעל פון קדושה — און דאָ איז עפּעס אַלעס אַזוי וואָכעדיג... אין דערהיים אַ פערזאַמ־לונג!... אַה, ס'אַראַ חיות! אין וואַלד, אונטער'ן פרייען הי־מעל, אַלע געהען אָנגעטאָן אין העמדלעך, מעהרסטענטיילס אין רויטע (אַזוי ווי זיינס, וואָס די מיסעס האָט ערשט אַרויס־געוואָרפען), די לאַנגע האָר, די ערנסטע פּנים'ער... אין מיטען שטעהט דער אָראַטאָר, מאַכט מיט די הענט און רעדט מיט אַזאַ התלהבות! אַלע שלינגען זיינע ווערטער... מען איז אָפּגעמאַ־טערט... אַרבייטער, זיי האָרעווען נעבעך, אַ גאַנצע וואָך מיט'ן ביטערען שוויים... אָבער קיינער ווייזט ניט אַרויס, אַז ער איז מיד, מען געהנעצט ניט, מען דרעמעלט ניט... אַלע שטעהען אַזוי מונטער און וואַרטען נאָר אויף דעם ערשטען סיגנאַל, וועל־כער וועט זיי רופען צוצושמעטערן דעם איצטיגען רויבערישען פערפוילטען בנין...

טעמקין האָט ניט געקענט מעהר איינליגען. ער איז אויפ־געשפּרונגען פון בעטעל און אָנגעהויבען ארומצושפּרייזען אי־בער'ן צימער. ער האָט זיך גע'חקרנ'ט, געוואָלט עפּעס בע־גרייפען, און אויפ'ן הארצען איז איהם געוואָרען אלץ שווערער און שווערער. סטייטש, דאַכט זיך דיזעלבע מענשען, און ווי זיי קומען אהער, ווערט פערלאָרען זייער התלהבות, זייער גבורה. אַך, אין דער היים! דאָרט האָט די בעוועגונג א צוציהונגס־קראַפט, זי עלעקטריזירט אַלעמען, און דאָ — איז אַלץ אזוי קאַלט... דאָ איז ניט א רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, נאָר קאָנצעלאַ־ריעס מיט בעאַמטע מיט קאַלטע פּנים'ער, וועלכע לייענען טרו־קענע פּראָטאָקאָלען...

און וואָס האָט ער דאָ געקאָנט טאָן? ער האָט די ערשטע צייט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין זיין לאַנדס־פעראיין, נאָר דאָס איז ניט די אַרבייט, וועלכע ער זוכט, צו וועלכער ער שטרעבט, צו וועלכער ער זאָל זיך קענען אָפּגעבען מיט לייב און זעלע... ער קאָן ניט זיין קיין בעאַמטער און ארומגעהן מיט דער פען פערשטעקט הינטער'ן אויער... דאָס איז פאַר איהם קיין אַרבייט ניט...

ניין! וואָס איז די פּעולה! ער קען זיך בשום אופן ניט צופּאַסען צו די היגע לעבענס־פאָרמען... שטענדיג דענקט ער, אַז ער איז אַהער פערשיקט געוואָרען אויף א געוויסער צייט, און ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער גליקליכער צייט, ווען עס וועט זיך ענדיגען זיין סראָק — און היידאַ אהיים!... אָבער ווען וועט זיך ענדיגען זיין סראָק?...

ער האָט זיך געשטעלט ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אין הויף, גלייך ווי ער וואָלט דאָרטען וועלען דערזעהן דאָס רווי־טע העמדעל. זיין פאַנצער, זיין פאַנצער האָט מען דאָס ארויס־געוואָרפען!

דאָס האָט איהם דאָך שטענדיג דערמאָנט אַן די פיזיש־שוואַכע און גייסטיג־שטאַרקע יונגע מענשען, וועלכע קעמפען

דאָרט אין דערהיים מיט אַזאַ איבערגעבענהייט, מיט אַזאַ שרעק־ליכען מוט!... דאָס האָט דאָך איהם דערמאָנט אָן די טייבען בלוט, וואָס ווערען פערגאָסען אין דערהיים, אָן די יונגע לע־בענס, וועלכע וועלקען און שמאַכטען אונטער דער נאַגאַיקע אין די טורמעס, אין דעם קאַלטען סיביר... דאָס האָט דאָך געהאַל־טען פריש אין זיין זכרון די גרויסע אידעאַלען און דאָס קענען אויפאָפפערען זיך פאַר זיי...

מען האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר.

— קאָם אין! — האָט טעמקין געענטפערט, ניט אָפּקעה־רענדיג זיך פון פענסטער.

דאָס איז געווען מרס. אייבעלסאָן, וועלכע האָט איהם גע־רופען צום סאַפּער.

טעמקין האָט זיך אָפּגעקעהרט פון פענסטער און גענומען קאַמען מיט זיינע לאַנגע דאַרע פינגער זיינע לאַנגע צושויבערטע האָר.

— איז וואָס זאָגט איהר, מיסעס אייבעלסאָן? דאָס רויטע העמדעל איז פערפאַלען?

— אַ דאגה אייערע אַ גרויסע! פון וואָס איהר קענט זיך אָפּעסען דאָס האַרץ... שלאָגט דאָס אַרוים פון זינען...

— אַזוי מיינט איהר, האַ?

— יאָ!... איך מיין, אַז איהר זאָלט נעהמען אַ העיר־קאַט און אַ שייוו, אַנטאָן אַ דזשאַמפּער, אַ קאָלער מיט אַ נעקטיי און זיין אַ מענש ווי אַלע... ניט אַרומגעהן אַזוי אָפּגעלאָזען, מיט אַ ווייסקע ווי אַ פרומער איד... שוין צייט אייך געל צו ווערען...

— אַך, מיסעס אייבעלסאָן! איך בין שוין דאָ געל און גרין געוואָרען...

— נעווער־מיינד... איך ווייס דאָ אַ פּולע, וואָס זיינען געווען אָפּרייטאָרס און יעצט זיינען זיי דאָקטוירים, לאָיערס... איהר זייט נאָך אַ יונגער מענש... די וועלט איז נאָך פאַר אייך... נאָר שלאָגט פריהער אַרויס יוראָפּ פון זינען...

— און איך מיין, אַז מען דאַרף פֿאַהרען אהיים! אַהיים! אַהיים! — האָט טעמקין געגומען שוין שרייען.

— מאַכט זיך ניט נאַריש און זייט אַ מענש... — האָט איהם מיסעס אייבעלסאָן געזאָגט מיט עטוואָס פֿעראַכטונג, — מאַכט זיך ניט נאַריש ווי אַ קליינער באָיטשיק... פֿע! איהר זייט דאָך אַ דערוואַקסענער מענש... קומט עסען סאַפּער.

ער האָט זיך אָנגעזעצט אויפֿ'ן בעט און גענומען נער־וועז שציפּלען זיין בערדעל. מיסעס אייבעלסאָן האָט געמאַכט מיט די פּלייצעס.

— קומט עסען סאַפּער, — האָט זי איבערגע'חזר'ט, אָנ־קוקענדיג איהם ווי מען קוקט אָן אַ ווילדען, און איז אַרויס.

אָבער ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפֿ'ן בעטעל און האָט זיך פֿערטראַכט...

1905.

טאטע־מאמע.

הירשעל צימבעלמאן איז האסטיג אראפגעשפרונגען פון דראשקע און איז אריינגעלאפען אין שטוב.

אין שטוב זיינען געזעסען און געווארט אויף זיין קומען, אויסער זיין טאטע און זיין מאמע, אויך פיעלע פון זיינע חברים און בעקאנטע, מיידלעך און בחורים.

ער האט נאך קיין צייט ניט געהאט אריבערצוטרעטען די שוועל, ווי מען האט איהם שוין אטאקירט פון אלע זייטען און איבער׳ן שטוב האבען זיך פונאנדערגעטראגען קלאנגען פון קושען...

הירשעל איז געשטאנען ווי א צוטומעלטער און האט ניט געוואוסט אויף וואסער וועלט ער איז. ווי אן אתרוג איז ער איבערגעגאנגען פון איינעם צום צווייטען... ער האט לחלוטין קיינעם ניט געקאנט דערקענען — ער האט קיין פנים׳ער ניט געזעהן, ער האט נאר געפיהלט הענט נעהמען איהם ארום, ליפען טשמאקען איהם און הערצער קלאפען...

זיין מאמע האט זיך געריסען צו איהם, האט איהם געוואלט ארומנעהמען, זיך צוקושען מיט איהם, האט אלעמען געשטוי־סען... ענדליך האט זי זיך דערשלאגען און מיט א היסטערישען געוויין איז זי איהם ארויפגעפאלען אויפ׳ן האלז...

זיין טאטע איז געשטאנען אינמיטען שטוב פערטראכט... זיין פנים איז געווען ווי מיט א כמארע פערצויגען. און ער האט

אפט צוגעטראָגען זיין לאַנגע שוואַרצע, עטוואָס גראָהליכע באָרד צום מויל...

ער האָט שוין עטליכע מאָל געמאַכט אַ בעוועגונג אויף צוצוגעהן צו הירשלען, אָבער די מאַמע האָט גאָרניט ברעה געהאַט אָפּצולאָזען איהר קינד. אַט לאָזט זי איהם אָפּ, און גלייך קריגט זי חרטה און פאַלט ווידער אַרויף מיט אַ געוויין איהם אויפ'ן האַלז און דריקט איהם נאָך שטאַרקער צו זיך.

דער טאַטע איז געשטאַנען און האָט געוואַרט...

ענדליך האָט די מאַמע בליפענדיג אָפּגעלאָזט הירשלען, און דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו הירשלען צוצוקושען זיך...

די מאַמע האָט אַ וואָרף געטאָן איהרע פערוויינטע אויגען אויף הירשעל'ס בעקאַנטע. זי האָט עפּעס אויף זיי געקוקט מיט אייפערזוכט, מיט האַס, מיט צאָרן... זי האָט זיך פון דאָס ניי היסטעריש פאַנאַנדערגעוויינט, אָפּגעשטויסען דעם מאַן פון הירשלען און איז איהם ווידער אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַרצען...

— מאַמע! — האָט זיך הירשעל גענומען בעטען ביי איהר און טרערען האָבען איהם געשטיקט. — וואָס איז מיט דיר? וואָס וויינסטו? מאַמע! הער אויף!... לאָז מיך אָפּ אַ ווײַלע... איך וועל אויסטאָן דעם שינעל...

— ניין, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען!... — האָט זי געבליפעט, — מיין קינד! פינף יאָהר האָב איך דיך ניט געזעהן... און שוין זיינען ז י י אָנגעפלויגען ווי די היישעריקען... ז י י האָבען ניט געלאָזען מיך אפילו צום ערשטען צוקושען זיך מיט דיר... אַ מאַמען...

— טו לאָז מיך, מאַמע! איך וועל זיך אויסטאָן... — האָט זיך הירשעל געבעטען, לייכט רייסענדיג זיך פון איהרע אָרעמס.

זי האָט איהם אָפּגעלאָזט.

הירשעל האָט אויסגעטאָן דעם סאָלדאַטסקען שינעל, אַראָפּגעוואָרפען דאָס היטעל און אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש.

— או—ף! — האט הירשעל אויפגעאטעמט, ארויפקע־מענדיג מיט די פינגער זיינע האר.

די מאמע האט זיך גענומען דרעהען ארום איהם, ווישענ־דיג די טרערען פון די אויגען... א ליכטע רויטקייט האט בע־דעקט איהרע איינגעפאלענע באקען, איהרע אויגען האבען גענו־מען שטראלען פאר שמחה. דאס טיכעל האט זיך איהר אראפ־גערוקט פון קאפ און עס האבען זיך בעוויזען איהרע טונקעלע שוין אין פיעלע ערטער גראה געווארענע האר...

— וואס, הירשעלע? — האט זי איהם געקוקט אין די אויגען אריין, — ווערסט טרינקען טיי, צי א קאטלעט מאכען דיר?

און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, איז זי גלייך אוועק־געפלויגען אין קיך...

דער טאטע האט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען הירשלען. גענומען גלעטען די בארד און בעטראכט הירשלען פון קאפ ביז די פיס.

הירשעל'ס בעקאנטע האבען זיך אויך געזעצט. וואו ווער עס האט געפונען אן ארט. זיי האבען זיך אנגעהויבען שטיל שוש־קען צווישען זיך...

איינער פון די בעקאנטע איז צוגעגאנגען צו הירשלען, און א קלאפ געטאן איהם איבער'ן פלייצע.

— הירשעל, איך דארף דיך אויף עפעס האבען...

הירשעל איז אויפגעשטאנען און אפגעגאנגען מיט איהם אן א זייט. דער בעקאנטער האט אנגעהויבען מיט איהם סוד'ען זיך. האלטענדיג איהם פאר'ן לאץ פון מונדיר. הירשעל האט דערביי צופרידען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. עס זיינען צו זיי צוגעגאנגען נאך איינינע און דאס געשפרעך איז געווארען לעבע־דיגער... מען האט אנגעהויבען צו רעדען העכער, מאכען מיט די הענט, לאכען...

דער טאטע האט גענומען די בארד אין מויל און בייז און

פערדעכטיג געקוקט אין זייער זייט. זיין פּנים איז געוואָרען נאָך פינסטערער ווי פריהער און ער האָט זיי אַלעמען געשטאָכען מיט די אויגען...

„זיי הודזשען שוין ווי די בינען...“ האָט ער געמורמעלט פאַר זיך.

די מאַמע האָט געבראַכט צושלעפּען דעם סאַמאָוואַר.

— נו, שוין פאַרטיג טיי. — האָט זי געזאָגט, אַפּווישענדיג מיט'ן פאַרטוך דעם שווייס פון פּנים. — וואו איז ער?... זעהט, קרוינעלאָך, דאָס איז דאָך מיני גזלנים... קיין אידיש האַרץ איז דאָך ביי זיי ניטאָ... ערשט פון וועג... פערמאַטערט... און מען לאָזט איהם שוין ניט צורוה... איהר וועט נאָך האָבען צייט!

— איך וואָלט אויך אַזוי זאָגען, — האָט דער טאַטע ארויסגעמורמעלט.

— געה, הירשעלע, צום טיש... — האָט זי זיך געבעטען.

— געה, נעהם עפּעס אין מויל... און איהר, חברה־לייט, וואָלט איך אייך בעטען, אריינקומען אַן אַנדערש מאָל, אין אַ געראַמערע צייט... לאָזט איהם איצט צורוה... ס'איז אַ גרויסע עולה פון אייך. איהר דאַרפט פונדעסטוועגען האָבען גאָט אין האַרצען און ניט דולען איהם איצט אַ קאָפּ מיט אייערע מעשיות...

— בהמה איינע! — האָט דער טאַטע געמורמעלט. — צו וועמען רעדסטו? דאָס זיינען דען מענשען?... עט!

און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַ דרעה געבענדיג דערביי די אויגען אַן אַ זייט.

הירשעל'ס בעקאַנטע האָבען זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעהן. זיי האָבען איהם מיט ליבשאַפט געדריקט די האַנט.

הירשעל איז געשטאַנען, די הענט אין די קעשענעס פון די הויזען, שאָקלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער... די אויגען זיינע האָבען געפינקעלט, די ליפּען קאָקעטיש צוזאַמענגעפּרעסט און צו יעדערן האָט ער צופרידען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ווּעסטוּ קוּמען, הירשעל? — האָט איהם איינער אַ פרעג געטאָן אוּועקגעהענדיג.

דער טאַטע האָט אַ זיפץ געטאָן. די מאַמע האָט אוּיפגעעפענט דאָס מויל... מיט שרעק האָט זי געוואָרפען איהרע אויגען דאָס אויף הירשלען, דאָס אויפ'ן פרעגער...

— וואוהין איז דאָס, הירשעלע? — האָט זי קוים ארויסגערעדט, — ווייטער צו זיי?...

* * *

אין שטוב זיינען געבליבען דער טאַטע, די מאַמע, און הירשעל.

דער טאַטע איז געזעסען פערטראַכט און האָט אַלץ געטראָגען די באָרד צום מויל, און די מאַמע האָט זיך ארייגעלאָזען אין אויספרעגען און אויסדערצעהלען. זי האָט גערעדט אַ סך און וואָרעם, דאָך גאַנצע פינף יאָהר, אַז זי האָט איהם ניט געזעהן, ניט גערעדט מיט איהם. די בריף, וועלכע זיי פלעגען פון איהם קריגען, זיינען געווען אַזוי זעלטען, אַזוי קורץ און מאַגער, אַקוראַט ווי ער וואָלט קיינמאָל גאַרנישט געהאַט צו זאָגען זיין טאַטע־מאַמע.

דער טאַטע האָט עטליכע מאָל אויפגעמאַכט זיין מויל צו זאָגען עפּעס און יעדעס מאָל אָפּגע'פטר'ט מיט אַן אומבעשטימטען טאָן. ענדליך האָט ער דאָך גענומען דאָס וואָרט.

— איך וואָלט וועלען... נאַר... מאַלע וואָס איך וואָלט וועלען...

די מאַמע און הירשעל האָבען אויפגעהויבען אויף איהם פערוואונדערט די אויגען.

— איך האָב געמיינט, הירשעל, — האָט ער ענדליך ארויסגערעדט, — ביסט אויף סלוּשבע אַנדערש געוואָרען... איך האָב געמיינט, דו האָסט דיינע נאַרישע מעשיות ארויסגעשלאָגען פון קאָפּ... ווּעסט שוין מיט חברה מעהר קיין געשעפטען ניט האָבען... איך האָב געמיינט, ביסט געוואָרען אַ מענש...

די מאַמע האָט בעגריפֿען און אונטערגעכאַפּט דעם טאַ־טען׳ס טעמע אויף איהר אופן.

— דו ווייסט גאָרניט, מיין זוהן! דאָס הארץ האָט אונז וועה געטאָן וואָס דו דיענסט... איך האָב מיר ברוך השם מיינע אויגען אויסגעוויינט... נאָר פונדעסטוועגען פֿלעגען מיר צייטענווייז צופרידען זיין, וואָס דו ביסט א סאָלדאַט... דו וואָלסט דאָ געווען, וואָלסטו שוין לאַנג געווען איך וויים וואו... וואו די אַלע חברה־לייט... ווי די הינט האָט מען זיי געשלעפּט... אַלע נאַכט פֿלעגט מען צונעהמען, ניט פאַר דיר געדאַכט, מי יודע וויפיעל. מען האָט אָנגעשפּארט פול מיט זיי די אוטשאַסטקעס, די אַסטראָגען, ס׳איז שוין קיין אָרט ניט געווען... מען האָט זיי דאָרט געשמיסען, געשלאָגען... א פולע האָט מען פערשיקט און מען וויים גאָרניט, וואו זייערע ביינער זיינען אהינגעקומען... וואָס פאַר א יללות און חורבנות עס האָט זיך אָפּגעטאָן א ן די הייזער! אַי, הירשעלע, מיר האָבען גאָט געדאַנקט, וואָס דו ביכט ניטאָ אין דערהיים... מיינסט, איז דיך איינמאָל ניט געווען עפּעס א „זאַנדאַר“ פרעגען? מיר האָבען איהם געזאָגט, דו דיענסט...

דער טאַטע איז ניט שטענדיג צופרידען, ווען די מאַמע פאַלט איהם אריין אין די רעד. דאָס מאָל האָט עס איהם דוקא ניט געאַרט. איהם איז שווער געווען צו רעדען מיט הירשלען. זי האָט איהם פערשפּאַרט א שטיק ארבייט.

— הער אויף, הירשעלע, צו האָבען געשעפטען מיט די חברה! גענוג... — האָט דער מאַמע׳ס קול געציטערט. — וואו־הין האָט דאָס דיך דער בחור גערופען? זעה... הירשעלע, ווער א מענש! גענוג... ביסט שוין ניט קיין אינגעלע... איך האָב שוין מיט׳ן טאַטען גערעדט... מיר וועלען זעהן קריגען פאַר דיר א גוטע שטעלע... דער טאַטע האָט זיך שוין געזעהן מיט זלמן שטיין. ער דאַרף ביי זיך אין געשעפט האָבען א בוכהאַלטער. נו, און מיט דער צייט וועט זיך מאכען א רעכטער שידוך... לאַ־

מיר האבען נחת פון דיר... מיר האבען דאך אין גאנצען דיך איינעם דא... יענע זיינען, ברוך השם, אין אמעריקע... ווער הערט פון זיי? ווער ווייסט פון זיי?... גאט ווייסט, צי מיר וועלען זיך נאך זעהען... זעה, הירשעלע, האב רחמנות אויף דיר און אויף אונז!...

זי האט זיך פאנאנדערגעוויינט. דער טאטע האט געקוקט הירשלען אין די אויגען...

הירשעל האט זיך נערוועז אויפגעהויבען פון שטול און גע־נומען ארומגעהן איבער'ן שטוב, קנייטשענדיג דעם שטערן.

— זעהט, איך בעט אייך, — האט ער געזאגט מיט פער־דרוס, — לאמיר דאס לאזען... דאס איז אן אלטע געשיכטע און מיר האבען שוין גענוג גערעדט וועגען דעם... איהר וועט מיך ניט איבערשטעלען...

טאטע־מאמע האבען זיך איבערגעקוקט.

הירשעל האט גענומען אנטאן דעם שינעל.

— וואוהין געהסטו שוין? — האט די מאמע געפרעגט האלב דערשראקען.

— וואס פערשטעהסטו ניט, בהמה איינע? — האט דער טאטע זיך אפגערופען, — צו זיינע חברה לייט... דו מיינסט אודאי, ער איז געקומען צו פאהרען צו אונז? א נעכטיגער טאג... ער איז געקומען צו זיי... צו זיי... צו זיינע „ציצעלים־טען"... וואס איז? ביי זיי איז פאראן דען טאטע־מאמע?...

הירשעל איז ארוים פון שטוב ניט רעדענדיג קיין ווארט.

די מאמע האט פערבראכען די הענט.

— אז איך האב אלע מאל גע'טענה'ט, — האט דער טאטע געקלאפט איבערן טיש, נאכדעם ווי הירשעל איז ארוים, — ס'איז גארנישט מיט גארנישט... פלעגסט מיך רק יאדען, פאר־וואס זעה איך איהם ניט ארויסנעהמען פון פריזיוו, פארוואס האב איך איהם געלאזען געהן דיענען, פארוואס סטארע איך זיך ניט ווי לייטישע טאטעס... נאר איך האב געוואוסט... איך האב

איהם פאר חברה ניט געוואָלט אַרויסנעהמען... חברה דאַרף איהם האָבען — טו זאָלען זיי איהם אַרויסנעהמען... איך דאַרף איהם אויף כפרות! איך האָב אלע מאָל דאָס גע'טענה'ט... נאָר דו ביסט אַ נאַרישע אידענע, אַזוי ווי אַ בהמה מיט איהרע קעלבער... אַ קלייניגקייט! דעם נחת וואָס מיר האָבען פון איהם געהאַט... מילא, איז ניט צו גאָט, איז צו לייטען. און דאָס איז גאָרנישט...

ער האָט אויסגעשפּיט.

— פול די שטוב איז מיט זיי געווען, — האָט זיך די מאַמע פאַנאַנדערגע'טענה'ט, — שוין האָבען זיי איהם אוועקגעשלעפּט, אפילו קיין וואָרט ניט געלאָזט אויסרעדען מיט איהם...

— גאָרנישט, — האָט דער טאַטע גערעדט ווי צו זיך,— איך האָב געמיינט... אדרבא, זאָל ער געהן דיענען, זאָל ער ווערן אַ מענש... איך האָב געמיינט, דער קיסר וועט איהם אַריינגעהמען אין זיינע הענט, וועט ער איהם עפּעס אויסמענשלען, אַרויסשלאָגען איהם פון קאָפּ אַלע פּוסטע מעשיות... ערשט, ער איז ניט אַנדערש געוואָרען אויף אַ האָר... אַליין דער זעלבער... ער וועט שוין, הפּנים, בעסער ניט ווערען... ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אַ מין קליפּה... עס ציהט, עס לאָזט ניט צורוה...

די מאַמע האָט פער'דאגה'ט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען און גענומען אַרומגעהן איבער'ן שטוב.

אין דרויסען איז געוואָרען אַ גרויסער ווינט. מיט כעס האָט ער גענומען רייסען די לאָדען פון די פענסטער, די שילדען פון די קראָמען, די היט פון די קעפּ פון די דורכגעהער... ער האָט אַלעמען געיאָגט און געטריבען, זיי זאָלען געהן וואָס שנעלער, שנעלער...

און דער הימעל האָט זיך פערצויגען מיט שוואַרצע געדיכטע וואָלקענס און אין שטוב איז געוואָרען פינסטער...

און עס האָט אַ בליץ געטאָן...

און דער בליץ האָט בעלויכטען די פינסטערע שטוב מיט די פער'חושך'טע פּנים'ער פון טאַטע־מאַמע... און אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען זייערע לייבער...

און דער דונער האָט אַ קראַך געטאָן... און די שטוב האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן... און טאַטע־מאַמע זיינען געוואָרען בלייך ווי קאַלך... און זיי האָבען אָנגעהויבען ציטערן...

„ברוך אתה ה' אלהינו, מלך העולם, שכחו וגבורתו מלא עולם!" האָט דעם טאַטען'ס קול געציטערט.

די מאַמע האָט איהם נאָכגעשעפּצעט די ברכה איבער'ן דונער, און דאַן האָט זי געקלאָגט:

— אָה, אין אַזאַ וועטער!... וואו האָט ער דאָס געקענט אוועקגעהן?...

דער טאַטע האָט אויף איהר אַ קוק געטאָן...

— אַך, בהמה איינע! זי ווייסט שוין גאָרניט, וואו ער איז אוועק... יאָ, טאַקע שוין פינף יאָהר... האָסט געקענט פער־געסען... איך האָב זיך אָבער נאָך ניט פערגעסען... מיר ליגט דאָס אַלץ גוט אין מאָגען... דער תכשיט דיינער קאָסט מיר היבש געזונד... און זי מאַכט זיך נאָך תם'עוואַטע, און פרעגט, וואוהין ער איז אוועק אין אַזאַ וועטער! ער איז אוועק אהין, וואו ער איז געגאַנגען פאַר פינף יאָהרען, פאַר זעקס יאָהרען, פאַר זיבען יאָהרען... ער איז אַלץ דער זעלבער...

און עס האָט ווידער אַ בליץ געטאָן, און ווידער האָט דער דונער אַ קראַך געטאָן...

דער אינוואַליד.

זעליג דער מוליער איז אינגאַנצען אַלט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, און פערמאָגט אַ פינף קינדערלעך, פון וועלכע דעם עלטערן איז צוועלף יאָהר. מיט פינף יאָהר צוריק איז זע־ליג ביי דער אַרבייט אַראָפּגעפאַלען פון אַ „ריסטאָוואַניע“ און האָט צובראָכען ביידע פיס, און פון דאמאָלסט אָן געהט ער אום אויף קוליעס. אייגענטליך, געהט ער ניט אום, נאָר ער זיצט כמעט דעם גאַנצען טאָג אין שטוב, און די איינציגע שפּייזערין פון דעם געזינד איז יעצט זיין ווייב באַשע, וועלכע טראָגט אַרום געקאָכטע באָב און אַרבעס צום פערקויפען. נאָר אַזוי ווי פון באַשע'ס פּרנסות קומט אויס פיעל מאָל צו הונגערן און אויך צו ליידען קעלט, קומט אויס זעליג'ען אַראָפּצוגעהן איין מאָל אין טאָג אין „הונדרדלים“ אויסצובעטען דאָרט אַ לעבעל ברויט און ווינטער אויך אַ וועגעלע האָלץ.

אַ זייגער ניין אינדערפריה גיט זעליג אַ ריב אַ האַנט אָן האַנט און גיט שטרענג אַ זאָג צו דעם אַכטיאָהריגען בערעלען:

— רוזשיאַ!*)

און דער אַכטיאָהריגער בערעלע פערשטעהט וואָס דער טאַטע מיינט, און דערלאַנגט איהם גלייך די צוויי קוליעס. בע־רעלע ווייסט, אַז דער טאַטע איז אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט. ער האָט עס מיט די אויגען ניט געזעהן; ער איז נאָך דאַמאָלסט

*) די ביקס אַהער!

ניט געבאָרען געוואָרען, און דער טאַטע איז נאָך דאַמאָלסט גע־ווען אַ בחור, נאָר ער פלעגט הערען, ווי דער טאַטע פלעגט רק דערצעהלען מעשיות פון „סלוזשבע“, און אויפ׳ן וואַנט העגנט נאָך אַ קאַרטע פון טאַטען, בעת ער איז געווען אַ סאָלדאַט. בערעלע פלעגט אָפט אַראָפּנעהמען די קאַרטע פון וואַנט און קלייבען נחת פון איהר... אָט טאַפּט ער אָן מיט די פינגערלעך די קאָקאַרדע פון היטעל, גלעט דעם ווייסען „אַקאַלישעק“, די „פּאָ־לעטען“ און ער פרעגעלט זיך פאַר שמחה... דאָס הערצעל צאַ־פּעלט איהם, די אויגעלעך פינקלען... ס׳אַרא שעהנער טאַטע! ניט אַזוי ווי איצטער, אַ קאַליקער מיט אַ שוואַרצען געשטופּעל־טען פּנים, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד... אויפ׳ן קאַרטע האָט ער גאָר קיין באָרד ניט, נאָר אַ פּאָר שוואַרצע אויסגעדרעה־טע וואָנצעס! און בערעלע האָט אַ סאָלדאַט האָלט געהאַט ווי דאָס לעבען! ער פלעגט אויף אַ סאָלדאַט קוקען מיט אַזא יראת־הכבוד, מיט אַזא רעספּעקט... און פאַר אַלע קינדער פלעגט ער זיך שטענדיג בערימען, אַז זיין טאַטע איז אַמאָל אויך גע־ווען אַ סאָלדאַט, און ווען מען פלעגט איהם ניט וועלען גלויבען, פלעגט ער גלייך אריינפליהען אין שטוב, אַראָפּנעמען די קאַרטע פון וואַנט און געטראָגען זי בעווייזען.

— מיינסט, מיין טאַטע איז געווען אַלע מאָל אַ קאַלי־קער? — פלעגט ער טענה׳ן און טרערען פלעגען ביי איהם אָנ־הויבען בלישצען אין די אויגען, — מיין טאַטע איז געווען אַ מוליער... ער איז אַראָפּגעפאַלען...

און בערעלע האָט דעם טאַטען זעהר האָלט און האָט אויף איהם זעהר רחמנות, כאָטש דער טאַטע פלעגט שטענדיג אין שטוב שרייען אויף אַלעמען און בייזערען זיך... און בערעלע ווייס, אַז דער טאַטע האָט איהם אויך האָלט, נאָך מעהר פאַר חיים׳קען, גישינקען, פּערעלען און רייזעלען... בערעלע דרעהט זיך אַרום דעם טאַטען שטענדיג, דערלאַנגט איהם אַלץ וואָס ער דאַרף, און די דאָזיגע אַרבייט טוט ער מיט אַזא שמחה! ווי

דער טאַטע לאָזט נאָר אַרויס אַ וואָרט פון מויל, גלייך פליהט בערעלע צו טאָן עס, פּונקט ווי ער וואָלט מורא האָבען, אַז חיים'קע, גישינקע אָדער פּערעלע זאָלען ביי איהם ניט אַרויס־כאַפּען... דער טאַטע רופט איהם: „אַדיוטאַנט מיינער"... בערע־לע ווייסט ניט, וואָס דאָס וואָרט בעטייט, נאָר ער קלערט, אַז „אַדיוטאַנט" מוז זיין מסתמא אַזאַ מענש אָדער אַ סאָלדאַט... דער טאַטע זאָגט עפּעס נאָך אַ פּולע ווערטער, וואָס בערעלע ווייסט ניט די בעדייטונג פון זיי. נאָר „רוזשיאַ", ווייסט ער, איז אַ ביקס, „שאַגאָם מאַרש", דאַרף מען אָנהויבען געהן, און אָנהייבען געהן דאַרף מען מיט דעם לינקען פוס און מאַכען מיט די הענט אַזוי, דאָס ווען מען שטעלט אַוועק דעם לינקען פוס, דאַרף מען אַ מאַך טאָן מיט דער רעכטער האַנט, און ווען שטעלט אַוועק דעם רעכטען פוס, דאַרף מען אַ מאַך טאָן מיט דער לינקער האַנט... דער טאַטע לערנט איהם זיך „מושטירען"... חיים'קע געהט אין „תלמוד־תורה"... ער, בערעלע, איז אויך געגאַנגען, נאָר ער איז געוועזן קראַנק, געהט ער איצט ניט. איז אַז דער טאַטע קומט פון „חונן־דלים" זעצט ער זיך אַוועק אויפ'ן סאָפקע און בערעלע נעהמט דעם שטעקען פון בעזים, וועלכער דיענט איהם אַלס ביקס, און דער טאַטע הייבט איהם אָן צו „מושטירען"... גישינקע און פּערעלע שטעהען די פינגער אין די מיילכעלעך און קוקען אויף איהם, אויף בערעלען, מיט קנאה... די קליינינקע רייזעלע שאַרט זיך איבער דר'ערד, קלייבט פּאַפּירלעך, זאַמד און לעגט אין מויל... זיי זיינען מיידלעך און ער איז אַ אינגעל. ער וועט ווערען אַ גרויסער, וועט ער אויך זיין אַ סאָלדאַט... חיים'קע, זאָגט דער טאַטע, וועט ניט זיין קיין סאָלדאַט: ער איז אַן עלטערער, איז ער אַ „ליהאָטניק"... אַי, חלש'ט זיך איהם, בערעלען, זיין אַ סאָלדאַט!... ער „מושטירט" זיך מיט חשק, טוט אַלץ וואָס דער טאַטע הייסט איהם... נאָר די מאַמע קוקט עפּעס שטענדיג בייז... רק זי איז אין כעס... זי קומט פון גאַס, גיט בייז אַ קוק אויפ'ן טאַטען און אויף איהם.

אויף בערעלען, גיט א שאקעל מיט'ן קאפ און זיפצט... זי ווארפט אלץ, זי שליידערט, זי שלאגט גישינקען, פערעלען און רייזעלען אויך... זי רעדט עפעס, זי שילט זיך... בערעלע האט פאר איהר מורא, נאר דער טאטע הערט קיין זאך ניט און לערנט איהם זיך ווייטער „מושטירען". ווען ער קאנטשעט, לויפט ער, בערעלע, ארויס אויפ'ן גאס און ווייזט זיינע חברים זיין קונסט... ער ווערט ביי זיי אן אפיצער און ער לערנט שוין ז י י זיך „מושטירען"...

* * *

אז בערעלע דערלאנגט אינדערפריה דעם טאטען די קור־ליעס, שטעלט זיך זעליג אוועק אויף זיי, גלייכט זיך אויס „פאד־סאלדאטסקי", גיט א הוסט און רעדט ארויס מיט זיין גראבען קול:

— נו, קינדער, זעהט, גיט קעהרט די וועלט, ביז די מאמע וועט קומען! שאגאם מארש! איך געה...

און ער גיט א טראט מיט דעם „לינקען פוס", זיך סטארענ־דיג צו האלטען דעם קאפ גלייך, און ער געהט ארויס פון שטוב.

פון שטוב ביז צום „חונן־דלים" איז א היבשער מהלך: און ביי איהם נעהמט דאס זעהר לאנג צו געהן, נאר ביז עלף וועט ער פערגעהן און דארטען זיצט מען ביז צוועלף.

ער געהט איבער'ן גאס שטאלץ און קלאפט מיט די קוליעס איבער'ן טראטואר.

ער שטעלט זיך אפ א ווײלע אפצורוהען, כאפט אפ דעם אטעם, גיט א זיפץ, און מורמעלט:

— אז אטסטאוונאי סאלדאט... פערציג וויארסט א טאג פלעגען מיר אמאל אפקלאפען אויף מאנעווערס... גיטא איצטער די כחות... דער אטעם פערכאפט...

און ער פערטראכט זיך...

— נו, מען דארף געהן... איך וועל נאך פערשפעטיגען...— מונטערט ער זיך און נעהמט געהן ווייטער.

ער שטעלט זיך אָפּ נאָך אַ מאָל און פערקוקט זיך אויף אַ דריישטאָקיג הויז... ער גיט אַ זיפץ...

— דאָס איז דאָך מיין אַרבייט! פיינע אַרבייט! גילדער־נע הענט זיינען ביי מיר געווען... אַהאַ, זעליג דער מוליער! שוין איינמאָל אַ בעל מלאכה געווען!

צוועלף רובעל אַ וואָך פלעגט ער זומער פערדיענען... ווינ־טער איז אַפילו שלעכט געווען, נאָר מען פלעגט ווי עס איז זיך דורכלעבען... פאַר פסח פלעגט ער אַוועקגעהן אין אַ פּאָדריאַד פון מצות פאַר אַ זעצער... צו זיין „זעצען" איז ניט געווען קיין גלייכען... פון פינף פּאַרטאָג ביז איינס אָדער צוויי ביינאַכט פלעגט ער „אָפּזעצען" און אויב עס פלעגט איהם אַרען! פּסח אַפילו פלעגט ער זיך פּיהלען ניט אַם בעסטען... די פיס פלעגען איהם חלש'ען, די ביינער פלעגען איהם ברעכען, דער קאָפּ פלעגט איהם וועה טאָן... נאָר ווער האָט דאָס צייט געהאָט צו טראַכטען אַפילו וועגען דעם? אַראָפּגעשטופּט דעם פּסח און ווייטער צו דער אַרבייט! עס איז דאָך שוין זומער און לייט מויערן זיך... און ער האָט דאָך עפּעס אַ ווייב מיט קינדער... חיים'קע דאַרף דאָך עפּעס געהן אין חדר... אַבי צו אַ מלמד האָט ער איהם ניט געשיקט... 10 רובעל אַ זמן האָט ער פאַר איהם געצאָהלט: זאָל ער ניט בלייבען אַזאַ פּראָסטער ווי ער...

זעליג האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען און גע־נומען געהן ווייטער.

ער האָט זיך ווייטער אָפּגעשטעלט ביי אַ פיערשטאָקיגען געמויערטען הויז... ער איז אַ ווייל געשטאַנען, געקוקט מיט כעס און מיט שרעק אויפ'ן מויער און האָט עפּעס געמורמעלט אונטער דער נאָז... פּלוצלונג האָט ער אַ ציטער געטאָן, געוואָ־רען בלייך ווי קאַלך, די ציינער צונויפגעשצירעט, די אויגען אויסגעגלאָצט...

אַלע מאָל ווען ער געהט, וויל ער אָט די גאַס אויסמיי־דען... אַרויסגעהענדיג פון שטוב, קלערט ער צו געהן מיט אַן

אַנדער גאַס, נאָר געהענדיג, פערטראַכט ער זיך און געהט פאַרט מיט דער גאַס...

ער האָט אַ הייב געטאָן מיט כעס די רעכטע קוליע אין דער הויך, גלייך ווי ער וואָלט וועלען דעם מויער צושמעטערען און פערצווייפעלט האָט ער זי צוריק מיט'ן גאַנצען כח אַראָפּ־געלאָזען און געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ איבער'ן טראָטואַר...

— דאָ האָב איך מיינע פיס פערלאָרען — האָט ער גע־שצירעט מיט די ציינער — דעם דריטען עטאַזש נאָר וואָס גע־קאַנטשעט... דעם פערטען האָט מען שוין אָהן מיר אויסגע־בויט... אוי, זעליג, ביסט אין דר'ערד! ביסט אַן אַטסטאַוונאָי סאָלדאַט... אַן אַטסטאַוונאָי מוליער... אויף וואָס טויגסטו?... נו, שלעפּ זיך, פּאַדלע, גיכער... שוין באַלד צוועלף אַ זייגער... וועסט נאָך פערשפּעטיגען די „פּאַרציע"... דעם „חונן־דלים" וועט מען פערשפּאַרען... געה אויף גיכער... נעהם דיין „פענסיע"... אזוי פיעל מויערן אויסגעמויערט!...

און זעליג האָט גענומען ווייטער געהן, קלאַפּענדיג מיט כעס מיט די קוליעס איבער'ן טראָטואַר...

נאָך גאָר אַ גרינגער.

(מאָנאָלאָג).

דער פּאַרמאַן קוקט עפּעס אויף מיר בייז... איך ווייס, וואָס דאָס מיינט! אין דעם שאַפּ, וואו איך האָב פריהער געאַרבייט, האָט דאַרטען דער פּאַרמאַן אויך אַזוי געקוקט אויף מיר, און צו דער דריטער פּיי האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך קען דאָ מעהר ניט אַרבייטען... אויף ליספּענאַרד סטריט, וואו איך האָב מיט צוויי חדשים צוריק געאַרבייט, איז אויך אַזוי געווען... איך בין שוין געוועהנט מיט די זאַכען... איך האָב מיר שוין אויסגעלערנט די „חכמת הפרצוף“...

הייסט דאָס, וועט מען מיך סעקען?... איך בין שוין דער־צו געוועהנט... זיי זאָגען, אַז איך בין אַ סלאָער אַרבייטער... פאַרט ניט קיין אַרבייטער פון דער היים. אין דערהיים בין איך געווען אַ האַלבער אינטעליגענט, און דאָ בין איך אַ האַלבער אַרבייטער... אַ האַלבער... יאָ... מיר קלאַפּט עפּעס אין קאָפּ... אַ האַלבער.

יאָ... עפּעס איינמאָל האָב איך געהערט... דער באָס איז אַריין אין שאַפּ... ער איז געשטאַנען און גערעדט מיט'ן פּאַר־מאַן... עפּעס מאָדנע האָבען זיי געקוקט אויף מיר...

— אַ האַלבער מענש איז ער! — האָב איך געהערט, ווי דער באָס האָט זיך אַזוי אָפּגערופען.

אַ האַלבער! די מאַמע אין דערהיים פלעגט מיך אַזוי צייר־

טענוווייז רופען, און דער טאטע פלעגט זאגען, אז איך בין גאר קיין מענש ניט!

דאס איז זעהר א לאנגע געשיכטע צו דערצעהלען. איך וועל דאס טאן אן אנדערש מאל, ווען עס וועט מיר נאר אויסקומען. איך מוז דאס טאן; איהר זאלט וויסען, וואס פאר א סארט מענש איך בין... נאר אזוי וועל איך אייך זאגען, אז זעהר א סך מענשען זענען עפעס ניט געווען צופרידען מיט מיר. אט, למשל, אין דערהיים: דער טאטע, די מאמע, דער עלטערער ברודער (א בוכהאלטער אין א באנק איז ער — נעמט פיינע געהאלט!), דער פריסטאוו פון צווייטען אוטשאסטאק, די אויפזעהער פון דער טורמע, וואו איך בין געזעסען... מאלע ווער נאך! עפעס זעהר א סך זענען זיי געווען... זייטיגע מענשען... איך האב מיט זיי קיין געשעפטען ניט געהאט... ווענען געהט דאס אן? ניט פון אונזערע חברה!

חברים האב איך דארטען געהאט... אין דער היים... חברים...

איהר ווילט וויסען, וואס איז מיט מיר אין דער היים געווען? אך, לאזט מיך! ניט פרעגט מיך גאר! איך קען גלייכגילטיג דערפון ניט רעדען! דאס הארץ ווערט מיר צופלאצט!

איך וועל אייך בעסער דערצעהלען, וואס דא איז געווען.

דא בין איך א גרינער. אזוי זאגען זיי אלע. מיינע חברים — אויך... נאר עפעס — „גרינער!" נאר עפעס — איך רעד ניט צו דער זאך! אמעריקע האט מיך עפעס אויס מענש געמאכט... דאס איז ריכטיג... איך געה דא עפעס ארום, ווי אין עולם־התהו... איך בלאנזשע... ווי זאגען זיי עפעס? אט זיי טאקע, מיינע חברים! יא... מען דארף זיך קענען צופאסען, זאגען זיי, און איך קען ניט... איהר הערט? מיין טאטע אין דערהיים פלעגט מיר אויך זאגען, אז א מענש דארף זיך וויסען, ווי צו פיהרען, ניט שפרינגען אלעמען אין די אויגען!

אלזא, הערט! זעהט, וואס־זשע שאקלען זיי מיט די קעפ?

וואָס קוקען זיי מיך אַזוי מאָדנע אָן? דער טאַטע מיט דער מאַמען פלעגען אויך אויף מיר פונקט אַזוי קוקען... דאַכט זיך, אַלע בעַ־קאַנטע פון דער היים... חברים... אין איין בעוועגונג געווען... לעווין! גרינהויז! ראַבינאָוויטש! כאַ־כאַ־כאַ! חברים... האַ? וואָס זאָגט איהר? ווייטער „גרינער"? „נאָך גאָר אַ גרינער"? „משוגענער", זאָגט איהר? ווער? איך בין ניט משוגע! איך זעה אייך אַלעמען ביז איינעם! מעהר נישט, וואָס עס טומעלט עפּעס... עס רוישט... 400 מאַשינען שטעהען אין שאַפּ! אַ קלייניגקייט! עס קלאַפּט, עס בריאַזגעט... פערהילכט ווערט מען... דאָס גאַנצע לעבען דאָ איז עפּעס מאָדנע... אַ מין הו־האַ... אַ קעסעל־גרוב... אַן עולם התהו... איינער ווייסט ניט פון דעם אַנדערן... מען ווערט פערלאָרען, פערפּראַרען... ברר!... וואָס וועט זיין דער סוף מיט אייך? מיט מיר? זאָגט, איהר טראַכט גאָר ניט?

איך טראַכט שוין גראָד אַ סך, אַז דער מוח שפּאַלט זיך מיר! אין שאַפּ ביי דער אַרבייט טראַכט איך... דאָס טראַכטען געפעלט ניט אַפּנים די באָסעס...

דאָס איז געווען דאַרטען אין שאַפּ... איך האָב זיך אַזוי זיצענדיג ביי דער אַרבייט פערטראַכט... אַ נייעס ביי מיר צו פערטראַכטען זיך! כסדר אַזוי...

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערטראַכט, יונגערמאַן?

— האָט מיך דער פאָרמאַן געפרעגט.

אַז איך שטעל דאָס אויף איהם אויס אַ פּאָר אויגען!

— וואָס הייסט? ביי מיר איז דאָ אַ מוח, טראַכט איך! וואָס איז? ס'איז דען ניטאָ, וועגען וואָס צו טראַכטען? באַשר דאָ איז אַמעריקע...

— רק איהר טראַכט!... איהר אַרבייט דאָ מעהר ניט! טיים איז מאָני! — און ער נעמט ביי מיר צו די אַרבייט פון האַנט...

איך הויב זיך דאַן אויף מיט שטאָלץ, מעשה מענש, ווי אַ

קלאָסען־בעוואוסטער אַרבייטער דאַרף זיין, גיב אַ מאַך מיט דער רעכטער האַנט:

— חברים, אַחים! אַ סטרייק!...

רעד צו זיי, רעד צו דער וואַנט! שקלאַפּען! זיצען אַלע אויף די ערטער, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען דאָס גאָר! גאָר־נישט! לאַכען זיך, די מאַשינען קלאַפּען, און איינס מישט זיך אַריין אין דעם צווייטען...

און ווייטער — „גרינער!"

איהר הערט, וואָס זיי זאָגען? דאָ פיהרט מען ניט אַזוינע שטיק, ווי אין רוסלאַנד דאָ איז יוניאָן... נו, זאָגט אַליין: זע־נען זיי ניט קיין פּראַים? און אַז יוניאָן, דאַרף שוין דער אַר־בייטער זיין גאָר הפקר? וואָס מיר יוניאָן? איך קען גלאַט קיין טאָלק ניט דערגעהן מיט אייערע יוניאָנס? עפּעס זיינען זיי מיר ווייט פון קלאַסענבעוואוסטזיין... און וואָס איז דאָ גלאַט צו רעדען? איהר מיינט, דאַרטען האָבען געאַרבייט אַבי ווער? יאַטען, זאָג איך אייך, היימישע, פון אונזערע — און אויב ווער האָט זיך גאָר אַ ריהר געטאָן פון אָרט! מען סעקט אַז אַרביי־טער, דאַרפען אַלע אַוועקגעהן! ווי איז אין דערהיים געווען?

דערצעהל איך דאָך מסתמא מיינע חברים, מאַכען זיי גאָר אַ געלעכטער פון מיר און לערנען מיך, ווי מען דאַרף זיך פיה־רען אין אַמעריקע... נו, און אַז אַמעריקע איז וואָס? דאַרף שוין אַלץ זיין קאַפּויר?

אַנטקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט יוניאָנס... איך האָב גע־אַרבייט אין אַ יוניאָן־שאַפּ. דאָס איז געווען פאַר'ן ערשטען מאַי. עס געהט צום הייליגען אַרבייטער־יום־טוב! איהר ווייסט דאָך. וואָס פאַר אַ הכנות מען מאַכט אין דערהיים... דאָ — טויט! אויסגעפּראַרען! קיין זכר! ס'טייטש! — מאַך איך דאָס אַ ליאַרם אין יוניאָן אויף אַ מיטינג — ברידער אַרבייטער! דער ערשטער מאַי! אַ קליינינקייט! איבער אַכט־טאָג מיטוואָך איז שוין דער ערשטער מאַי, און מען האָט נאָך גאָרנישט געטאָן!

און ווייטער — „גרינער!“

וואס האבען זיי געזאגט? זונטאג וועט מען פייערן אין א האל דעם ערשטען מאי! וואס זאגט איהר? א „נדחה“ גאר! קען מען ניט משוגע ווערען? ווי געפעלט אייך אזא מין זאך?

איך האב אבער ניט געשוויגען! אין שאפ האב איך צו־קעהרט די וועלט! איך האב אגיטירט... דער פארמאן האט אויף מיר געשריען...

— איהר וואלט זיך בעסער אריינגעלעגט אין דער אר־בייט, — האט ער געזאגט צו מיר — א מענש זאל טאן רק און רעדן וועגען סאציאליזם! אין דערהיים וועט איהר רעדען!

איהר הערט דבורים פון א מענשען? אין דערהיים! פאר וועמען? פאר די פיער ווענט? וואס א מענש קען זאגען! וואר־זשע דען זאל איך מיט די ארבייטער רעדען, ווען ניט אין שאפ? ווער זעהט זיי דערנאך? וואס איז? דאס זענען דען אונזערע אר־בייטער? ווער ווייסט זיי, וואו זיי קומען אהין נאך דער אר־בייט! נאר געה, רעד מיט איהם! ער ווייסט נאר איין זאך: דערלאנגען און צונעמען די באנדלעך...

יא.. די ארבייטער! דאס זיינען ניט די יאטען, וואס אין דערהיים! ביי אונז, אז מען דערמאנט אן ארבייטער דעם ערש־טען מאי — די אויגען צינדען זיך ביי איהם דאן אן! און דא... איך רעד צו זיי, און זיי שווייגען, שמייכלען, פערטיפען זיך אין דער ארבייט... אן ארבייטער זיצט לעבען מיר... איך רעד צו איהם — און ער: „דער באס, דער פארמאן דרעהען זיך ארום... הערט אויף צו רעדען! פאר אאז מעשה קען מען נאך סעקען!“ סעקען! נו, איז וואס?...

דינסטאג זאג איך אן דעם גאנצען שאפ, מען זאל מארגען ניט קומען צו דער ארבייט: ערשטער מאי! דערהערט דאס דער באס. געהט ער צו מיר צו, גיט מיר איידעל א קלאפ איבער'ן פלייצע... אה, לומפ איינער! א מחותן בין איך מיט איהם! איבער'ן פלייצע קלאפט ער מיר!...

— איהר הערט? — זאגט ער צו מיר ווייך — קומט טאקע ניט מארגען צו דער ארבייט!

איהר הערט? ער ערלויבט מיר! אז אפילו דו וועסט מיר הייסען, וועל איך אויך ניט קומען! איך ארבייט ניט דעם ערש־טען מאי! ביי מיר איז יום־טוב! ניטא ביי מיר קיין „נדחה"!

און איך האב דעם ערשטען מאי טאקי ניט געארבייט.

איך האב זיך אנגעטאן יום־טוב'דיג און בין ארוים אין גאס זעהן, וואס, וועמען... אין גאס — ווי אלע טאג! גאר קיין סימן פון יום־טוב איז ניטא! ביי אונז... אה, אין דער היים! דעמאנסטראציעס, קאזאקען, סאלדאטען, פאליציי, זשאנדא־רען... עס איז קענטיג, אז ס'איז יום־טוב!

איך האב זיך געדרעהט אין גאס... דאס הארץ האט מיר פערקוועטשט! ערשט איך זעה: קאהאנאוו, אויך אין יום־טוב־דיגען! מיינער א לאנדסמאן, א וואוילער יאט! פון דער בע־וועגונג...

— אוי, ברודערקע! — פאל איך איהם אויפ'ן האלז — פארט א סאציאליסט! עס ברענט נאך! ניטא קיין „נדחה'ס"! אזוי דארף זיין! דער גאנצער שאפ אייערער האט געווארפען די ארבייט?

— ניין! — ענטפערט ער מיר — מען ארבייט. איך האב אויך געארבייט ביז 10 דעם זייגער... ניט געקענט אבער איינ־זיצען! ווייסט דאך, זינט איך בין אן ארבייטער. ווי געהט מען אבער אוועק פון שאפ? מען קען נאך אודאי סעקען? געה איך צו צום פארמאן און זאג איהם, אז איך פיהל מיך עפעס ניט גוט, איך קען דערפאר ניט ארבייטען היינט מעהר... און איך בין אוועק...

א סצענע! אלע מיט איין זאך: סעקען! איהר הערט א מענש? און נאך א סאציאליסט! תירוצים דארף ער נאך זור־כען! „איך פיהל מיך ניט גוט!" אזוי האט ער דען געדארפט

זאגעו? ניין! „מיסטער באס, מיסטער פארמאן, מיסטער שווארץ־יאהר, איך פיהל מיך היינט זעהר גוט! ביי מיר איז יום־טוב, און איך ארבייט ניט!" אזוי האט ער געדארפט זאגעו! זאלעו זיי וויסעו טאקע! אניט, איז וואס איז דער פועל־יוצא? דערהויפט דארף מעו דאך, אז דער באס זאל וויסעו! וואס זאגט איהר? איז דאס ניט אזוי? נאר אז איך בין דאך א „גרינער", אזוי זאגט איהר דאך אלע...

וואס? איך וועל פון הונגער שטארבעו? דאס איז קיין שכל ניט? איך קעו זיך ניט איינהאלטעו ביי אן ארבייט? לייט ארבייטעו פונדעסטוועגעו? אזוי זאגט איהר? וואס וועט זיין דער תכלית, פרעגט איהר?

תכלית! ווער טראכט דאס גאר וועגעו דעם! אין דערהיים האב איך געגעבעו א פאר אוראקעו, אבי נאר צו דערהאלטעו די נשמה. דער טאטע מיינער פלעגט האלטעו אין איין זאגעו, אז איך מיט מיין קאפ וואלט געקענט ווערעו א דאקטאר, נאר ווי אזוי וועל איך דאס לאזעו די חברה? אהן מיר וועט דאך קיין טאלק ניט זיין... דער טאטע פלעגט אזוי טענה'ן...

עפעס איינמאל האב איך יא געקראגעו חשק צו ווערעו א דאקטאר, איז אבער קיין צייט ניט געוועו! איך האב זיך גע־לערנט... א חודש האט די מעשה געדויערט... ניט מעהר... אין גאס האט געקעהרט די וועלט, זאג איך אייך. איך האב איו שטוב ניט געקענט איינזיצעו! א שליידער געטאן די ביכער מיט האק און פאק, אנגעטאן דאס היטעל — און אוועק אין גאס, אין מיין טייערע גאס! די גאנצע צייט זיך געדרעהט אין גאס... די גאס איז מיין לעבעו געוועו!

יא... די גאס... וואס זאגט איהר? מיר פעהלט עפעס?... אודאי פעהלט מיר עפעס! הא?... די גאס פעהלט מיר! דא איז קיין גאס ניטא. און דאס הרג'עט מיך אוועק!

באשר איהר געפינט אויף אַלץ א תירוץ :   דאָ איז אמערי־
קע און איך בין אַ „גרינער“.. אַזוי זאָגט איהר, האַ ?... אַזוי ?
כאַ ! כאַ ! כאַ !... וואָס ? אייך לאַכט זיך אויך ? כאַ ! כאַ !
כאַ !... אַמעריקע... אייך לאַכט זיך אויך ? אודאי איז דאָ וואָס
צו לאכען ! פון וואָס לאַכט איהר ? אויך פון דעם ? אַמעריקע...

זיין „וואָילטאָג".

אברהם דער שניידער איז געזעסען ביים טיש און האָט געקייעט טרוקען ברויט. פאַר איהם איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אַ היבש שטיקעל געבראָטען פלייש. ער האָט זיך אָבער צו דעם ניט צוגעריהרט.

שוין עטליכע מאָל האָט ער גענומען די גאָפּעל אין האַנט. אַ קאַלופּע געטאָן דאָס פלייש, אַ קעהר געטאָן דאָס פון אַלע זייטען, נאָר עפּעס אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט איהם ניט געלאָזען צו עסען דאָס, און ער האָט ווייטער געקייעט טרוקען ברויט.

ער האָט געוואָרפען די אויגען אויף אַלע זייטען, גלייך ווי ער וואָלט ווען עמען געזוכט. אין שטוב איז קיינער ניט געווען. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס; ער האָט ניט געקענט בעגרייפען, וואָס איז דאָס היינט אַזוינס פאָרגעקומען: אַלע מאָל עסט מען אַלע אינאיינעם ווערשערע, און היינט איז פּוסט אין שטוב... ער איז געקומען צו געהן פון דער אַרבייט, האָט איהם זיין ווייבע פעשע דערלאַנגט דאָס פלייש און אַליין האָט זי זיך אַוועקגערוקט. די קינדער האָט ער נישט דערזעהן... ער זיצט אַליין און וואַרט... גאַרנישט! וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ בראַטענס? ווייטער האָט זי אָנגעהויבען?

— פעשע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

פון עפּעס אַ לאָך האָט זיך אַרויסגערוקט אַ דאַר ווייבעל. אַלט ניט נאָך איהרע יאָהרען, און אויסגעשטעלט אויף איהם די אויגען.

— פּעשע! אַלע האָבען שוין געגעסען וועטשערע? דאָס איז פאר מיר אליין?

— אַלע!... אַלע!... עס! עס! דאָס איז פאַר דיר אליין!

ער האָט אַ פאַרקע געטאָן דאָס פלייש מיט'ן גאָפּעל און אַלץ ניט געקענט בעשליסען זיך צו עסען דאָס.

— עפּעס צופיעל פלייש!

— רק דיר איז צופיעל! אַ חסרון: די כלה איז צו שעהן!

— די קינדער האָבען שוין געגעסען?...

— געגעסען!... געגעסען!...

— און דו האָסט געגעסען?

— וואָס פאַר אַ שאלות פרעגסטו דאָס? מען זאָגט דאָך דיר געגעסען...

— נ־נו!...

ער האָט אַלץ געקייעט דאָס ברויט.

— האָט איהר אַלע געגעסען טאַקע?

— ווי דען? מיט דיר וועלען מיר זאַט זיין?

זי האָט אַ ביטערן שמייכעל געטאָן.

אברהם האָט אַ שטעק געטאָן די גאָפּעל אין דאָס פלייש, ער האָט זי אָבער באַלד צוריק ארויסגענומען און מיט כעס אַ קלאַפּ געטאָן מיט איהר אָן טיש.

— וואָס שליידערסטו? וואָס ביסטו אין כעס? — האָט זי געפרעגט.

— האָסט אפשר אַ שטיקעל הערינג?

— צו וואָס דארפסטו נאָך הערינג? דיר איז דאָך שווער אין הארצען... הוסט דאָך... וואָס איז? האָסט מורא, וועסט זיך ניט אָנעסען?

— אודאי האָב איך מורא, איך וועל זיך ניט אָנעסען...— האָט ער ביטער ארויסגערעדט.

זי האָט אויף איהם אַ בייזען קוק געטאָן.

— זאָג מיר, פּעשע! — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום גע־

זאָגט. — וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ נייעס? וואָס איז דאָס פאַר אַ געבראָטענס היינט אינמיטען דערינען? פאַרוואָס עסט מען ניט אינאיינעם? וואו זיינען דאָס די קינדער?

— בענקסט זעהר נאָך זיי?... דאָס שוואַרץ־יאָהר נעהמט זיי ניט... עס! עס! מיר האָבען פריהער געגעסען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס?

— די קינדער האָבען מיר געריסען עסען... — האָט זי געזאָגט אַ ליגען.

אברהם האָט מיט כעס אַ שטעק געטאָן די גאָפּעל אין דאָס פליייש, די גאָפּעל איז געבליבען אַזוי שטעקען, און אברהם האָט גענומען רייבען דעם פּנים.

אין שטוב איז אריינגעלאָפען דער זעקס־יאָהריגער מאיר׳ל מיט אַ טומעל: „מאַמע! מאַמע!!” און ער האָט געוואָלט עפּעס ווייטער זאָגען, נאָר פּעשע האָט איהם איבערגעהאַקט. זי איז צו איהם צוגעלאָפען מיט כעס און גענומען שלאָגען.

— ארויס פון שטוב, בייסטרוק! וואָס לאָזטו דעם טאַטען ניט עסען? איך האָב דאָך דיר געזאָגט...

— אָפּדאָרען זאָלען דיר די הענט, מרשעת! — האָט אברהם זי געשאָלטען. — דאָס קינד מוז זיין אודאי הונגעריג און זי שלאָגט איהם!... מאיר׳ל קום צו מיר!

פּעשע האָט אַ זיפץ געטאָן און אָפּגעטשמאַקעט מיט די ליפּען.

מאיר׳ל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טאַטען צווישען די קניע, אריינגעלעגט אַ פינגער אין מויל און עזות׳דיג געקוקט אויף דער מאַמען.

פּעשע האָט געפּרואווט צוגעהן אָפּשלעפען מאיר׳לען, נאָר אברהם האָט ניט געלאָזען.

— פאַרוואָס עסטו ניט, אברהם? עס וועט דאָך פערקיהלט ווערען, וועט דאָך טויגען אין דר׳ערד... ס׳איז דאָך אַ געבראָטענס... — האָט זי געזאָגט מיט אַ צובראָכען האַרץ.

— בראטען זאָל דיר אין הארצען ! — האָט אברהם ניט אויפגעהערט זי צו שילטען.

אברהם האָט גענומען שניידען דאָס פלייש. פעשע איז עפּעס אביסעל רוהיגער געוואָרען. מאיר׳ל האָט געוואָרפען זיינע אויג־לעך דאָס אויפ׳ן טאַטען, דאָס אויף דער מאַמען, דאָס אויף דאָס פלייש, און האָט די גאַנצע צייט געשלונגען די שפּייעכץ.

— אברהם ! — האָט פעשע זיך אָפּגערופען, — דו ניט זיי קיין בעל רחמים... ער, דער בייסטרוק האָט שוין געפרעסען.

— מאיר׳ל! — האָט זי זיך געווענדט צום קינד מיט גר־טען. — געה אוועק פון דאַנען ! לאָז דעם טאַטען עסען !

מאיר׳ל האָט אַ קוק געטאָן דעם טאַטען אין די אויגען.

— שטעה דאָ ! שטעה דאָ, מאיר׳ל ! ניש־קשה... — האָט אברהם געזאָגט.

פעשע האָט אַ זיפץ געטאָן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און איז אַרויס...

— נאָ, מאיר׳ל, עס ! — האָט אברהם געזאָגט, געבענדיג איהם אויפ׳ן גאָפּעל אַ שטיקעל פלייש.

מאיר׳ל האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פלייש פון גאָפּעל און געשווינד אַריינגעלעגט אין מויל.

— ווילסט עסען, מאיר׳ל ?

מאיר׳ל האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קעפּעל אויף „יאָ“.

— האָסט היינט געגעסען ? וואָס׳טו געגעסען ?

מאיר׳ל האָט געשוויגען.

— די מאַמע האָט געגעסען ? חיה׳לע האָט געגעסען ?

— יאָ... — האָט מאיר׳ל אַנגעשטעלט די ליפּען ווי צום וויינען.

— און פייגעלע ? און לייזער ? און דאָבע ?

— אויכ׳עט...

— וואָס האָט איהר געגעסען ?

מאיר׳ל האט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אריינגעקוקט אין טעלער.

— נא דיר נאך פלייש, מאיר׳ל! זאג מיר, וואס האט איהר היינט געגעסען?

— מיר... געגעסען... הערינג מיט ברויט!... — האט מאיר׳ל מיט מאטערניש ארויסגערעדט. — די מאמע האט געזאגט... שבת איכ׳ל עסען פלייש... היינט דער טאטע ט׳עסען... איכ׳ל זיין א טאטע — אויכ׳עט עסען פלייש!...

אברהם האט א זיפץ געטאן... א נארישע אידענע... א מרשעת... אליין דארט זי און קווארט... די קינדער קארמעט זי מיט קלעפּ... פאר צוויי יאהרען, דאכט זיך, האט ער איהר שוין אוועקגעגעבען א גאב פאר די בעזונדערע טעפּלעך מיט די בראטענס... האט זי זיך אבער פערגעסען... זי וויל איהם איינשמועסען, אז ער איז קראנק און שוואך... „וואוילטאג” וויל זי איהם געבען... פון איהר אליין מיט איהרע טעפּלעך קען מען קראנק ווערען...

— דער טאטע ניט געזונט... — האט מאיר׳ל געפּלאפּעלט. קייענדיג דאס פלייש. — די מאמע ט׳געזאגט... דער טאטע גיט אונז אלעמען עסען... ער וועט טרינקען דערפאר מילך... עסען פלייש...

חיה׳לע, אן אכטיאהריגע מיידעלע, האט זיך שטילערהייד בעוויזען אין טיר, דאס קעפּעל אן א זייט, און געקוקט אויפ׳ן טאטען און אויף מאיר׳לען.

אברהם האט זי בעמערקט.

— חיה׳לע, קום אהער!

— מאיר׳ל! איכ׳ל זאגען דער מאמען! — האט חיה׳לע א מאך געטאן מיט׳ן פינגער און איז ארויסגעלאפען.

מאיר׳ל האט גענומען מיט שרעק קוקען אויפ׳ן טאטען. אברהם האט איהם א גלעט געטאן פאר׳ן בעקעל. מאיר׳ל איז ביי זיך דרייסטער געווארען.

— די מאַמע האָט היינט געקויפט אַ נייאינקען, אַ קליי־נינקען טעפּעלע, האָט מאיר'ל ווידער געפּלאַפּעלט און געקוקט אויף דאָס פליישׁ. — פאַר'ן טאַטען, זי געזאָגט, איז דאָס!

אָט איז די באַנדע! האָט אברהם געטראַכט. אַ טעפּעל גע־קויפט! ער האָט אָבער פיינט די שטיק!... ס'אַרא פּאַסקודסטווע אַ אידענע!

פּעשע איז אריין אין שטוב.

— משוגע'נער! — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — עסט נאָך אַלץ ניט?

— משוגע זאָלסט דו ווערען! — האָט אברהם מיט כעס זיך אויפגעהויבען פונ'ם טיש. — ווערים זאָלען דיך עסען! עסט אַליין ניט און גיט די קינדער ניט עסען!... מאיר'ל! דאָס טעפּעל, דאָס נייע, ברענג געשווינד!

מאיר'ל איז ווי אַ שפּאַרבער אַוועקגעפלויגען אין קיך.

— ווייטער די נייעסען דיינע? — האָט אברהם געקלאַפּט איבער'ן טיש. — וואָס איז דאָס פאַר אַ בעזונדערע טעפּלעך? אַ גראַף בין איך? אַה, מרשעת! ווילסט מיך אין דר'ערד אריינ־ברענגען!

— אַז אַך און אַז וועה איז צו מיינע יאָהרען, אַז איך בין אַ שלעכטס! — האָט פּעשע גע'טענה'ט און טרערען האָ־בען ביי איהר אָנגעהויבען בלישצען אין די אויגען. — איך וויל איהם אין דר'ערד אריינברענגען! אַה, משוגענער!

אברהם האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער און גע־קוקט אין דרויסען.

פּעשע איז צוגעגאַנגען צום טיש און געקוקט אויף דאָס פליישׁ.

פערקיהלט געוואָרען! וואָס פאַר אַ טעם וועט דאָס איצ־טער האָבען? אַה, אַ משוגענער! פרעג, וואָס טשעפּעט ער זיך? אַז אַנדער מאַן וואָלט אַזאַ ווייב אויף די הענט געטראַ־גען... איז זי דען דאָס ווי אַנדערע ווייבער די פּרעסערקעס, וואָס

גיבען דעם מאַן און די קינדער אַ קדחת און שפּאָרען דאָס אַלץ אין זיך?

מאיר'ל האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט'ן טעפּעל אין האַנט.

— נאַ, טאַטע... דאָס טעפּעל...

— מאיר'ל! געה רוף אַריין די קינדער! אַלעמען! זאָג, אַז דער טאַטע האָט גערופען, — האָט אברהם געהייסען.

מאיר'ל האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּעל אויפ'ן טיש און איז געשווינד אַרויסגעלאָפען פון שטוב. פּעשע האָט גענומען דאָס טעפּעל און געוואָלט אַוועקגעהן מיט איהם. אברהם איז צוגעלאָפען מיט כעס, אַרויסגעכאַפּט ביי איהר דאָס טעפּעל פון האַנט און אַ וואָרף געטאָן אָן דר'ערד. דאָס טעפּעל איז צופלויגען אויף פּיץ־פּיצלעך.

פּעשע איז נאָך בלייכער געוואָרען.

— זיין „זוואָניע" זאָל דאָ מיר ניט זיין! — האָט אברהם'ס קול געציטערט. — ניטאָ קיין בעזונדערע טעפּלעך! אַ גרויסער טאָפּ מיט וועטשערע זאָל מיר זיין ווי אַלע מאָל! אַלע זאָלען עסען אינאיינעם וועטשערע, ווי עס דאַרף זיך פּיהרען אין אַ אידישער שטוב!...

פּעשע'ן האָט גענומען קאָכען דאָס האַרץ... זי האָט געוואָלט אויסלאָזען איהר כעס... איהר איז מאָדנע שווער געוואָרען אויפ'ן האַרצען... פאַר איהר איז געשטאַנען אברהם מיט איינגעפאַלענע באַקען, אָהן איין טראָפּען בלוט אין געזיכט... ער האָט שווער געסאָפּעט און געהאַלטען זיך פאַר'ן האַרצען...

די קינדער זיינען אַנגעלאָפען אין שטוב.

— וואָס האָט איהר זיך אָנגעקליבען, ממזרים? — איז זי אויף זיי אַרויפגעפאַלען. — וואָס מיר אויפ'ן האַרצען, וועל איך באַלד אויסלאָזען צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב און לעבען!...

— קינדער, אַהער קומט!... — האָט אברהם געשריען, —

געהט עסען וועטשערע! די מאמע האט היינט געמאכט א גע־בראטענס...

אברהם איז צוגעלאפען צו די קינדער און האט אפגעשטוי־סען פעשע'ן פון זיי. די קינדער זיינען געשטאנען דערשרא־קען און האבען ניט פערשטאנען, וואס איז דא אזוינס.

— רבונו של עולם! — האט פעשע געוויינט. — וואס לעב איך אויף דער וועלט?... איך בין די מרשעת... די שלעכטס... פון מיר קייט ער די ערד...

— ביי אברהם דעם שניידער, — האט אברהם געקלאפט איבער'ן טיש, — דארף מען קאכען א גרויסען טאפ וועטשע־רע... בעבלעך מיט א שטיקעל פלייש פאר אלעמען!...

— וואס איז? — האט פעשע גע'טענה'ט. — וואו טו איך דאס אהין? לעג איך דאס אליץ אין מיין קישקע? מיט וואס קום איך אפ א טאג?

אברהם האט געוואלט אויף איהר בייז א קוק טאן און דער־שטעכען זי מיט די אויגען. פאר איהם איז אבער געשטאנען א צובראכענע, דארע, קווארע, שוואכע אידענע מיט פערוויינטע אויגען, — דאס הארץ האט איהם פערקוועטשט. ער האט אויף איהר געקראגען מאדנע רחמנות: וואס האט ער טאקע צו איהר? וואס איז ער אויף איהר אנגעפאלען? א נארישע אידע־נע... וויים ניט ווי צו פיהרען זיך... ניין! ער טאר דאס אבער ניט דורכלאזען... רק זי דרעהט איהם א מח מיט מילך, מיט אייער און איצטער — נא דיר, בעזונדערע טעפלעך! בראטענס גאר!... די קינדער געהען אום נאקעט און בארוועס... זי אליין קוים וואס זי לעבט...

— איך דארף קיין מילך ניט! — האט ער זיך צושריען.— איך דארף קיין אייער ניט! איך דארף ניט קיין בראטענס... דו הערסט? זאלסט פאר מיר ניט מאכען קיין פאטראוועס! דו הערסט? מארגען זאלסטו קאכען א גרויסען טאפ מיט וועטשע־רע פאר אלעמען! בעבלעך צי ארבעס...

אוועקגעהענדיג פון שלאַכטפעלד.

ענני איז געקומען אהיים פון דער ארבייט, האט אראפגענו־מען פון לאפ דאס היטעלע און זיך געשטעלט ביים שפיגעל בע־טראכטען זיך. זי האט געפראוועט די האר, געדרעהט זיך פון אלע זייטען און האט זיך בשום אופן ניט געקאנט אפרייסען פונ'ם שפיגעל, כאטש זי איז געווען זעהר פערמאטערט פון דער ארבייט, און די פיס איהרע האבען זי אזוי ווי געצויגען צוצווזע־צען זיך אביסעל אפרוהען.

א טיפער לאנגער זיפץ האט זיך ביי איהר מיט אמאל פונ'ם הארצען ארויסגעריסען: זי האט בעמערקט די קנייטשען ארום איהרע אויגען. זי איז אפגעטראטען פערדראסיג פון שפיגעל און האט גענומען קנאקען די פינגער. א וואלקען האט זיך פערצויגען איבער איהר פנים. איהרע אויגען האבען זיך אפגעשטעלט אויף דער וואנט, וואו עס הענגען די קארטעס פון איהרע בעקאנטע פון רוסלאנד. זי האט ווייטער א זיפץ געטאן. עפעס איינזאם, פערווארפען האט זי זיך דערפיהלט. זי האט זיך צוגעזעצט, אוועקגעלעגט דעם קאפ אויפ'ן טישעל און האט זיך פערטראכט... ווייט, ווייט האבען זי איהרע געדאנקען פערטראגען, ווייט פון דעם גאנצען לעבען, אין וועלכען זי טאפ־טשעט זיך איצט און ווייסט ניט, ווי אזוי ארויסצוקריכען פון איהם.

„טייערע יאהרען! זיס לעבען! אוועק בין איך פון אייך!“ האט איצט אין איהר דאס הארץ געשטורעמט.

חנה'קע האָט זי דעמאָלט געהייסען, אין דערהיים, אויף יענער זייט ים, וואו מען קעמפט און ליידט. דאָס לעבען האָט זי געשטופּט אַלץ ווייטער און ווייטער. זעהר פערנומען איז זי דאָרטען אין דערהיים געווען. דער טאַטע איהרער, אַן אָרימער, פער'חושכ'טער קרעמער'ל און אַ גרויסער מטופּל מיט קינדער, פלעגט אויף איהר זאָגען: „רק זי שוויצט!“

און זי האָט טאקע „געשוויצט“. אַ גאַנצען טאָג פלעגט זי אַרבייטען — אַ שניידערקע איז זי געווען — און ווי זי פלעגט נאָר ווערען לעדיג פון דער אַרבייט, פלעגען שוין איהרע פיס ניט רוהען. געקומען אַהיים, אָפּגעכאַפּט אַבי־ווי די וועטשע־רע, שטעהענדיג, אין היטעלע און מאַנטעלע, און שוין אַוועק־געלאָפען אין גאַס. צוריקקערען זיך אַהיים פלעגט זי שפּעט אין דער נאַכט, אָדער זי פלעגט גאַרניט קומען נעכטיגען. אָפט, פלעגט זי קיין וועטשערע אויך ניט קומען עסען, נאָר גלייך פון ווערקשטאַט אַוועקפליהען אַהין, וואו זי דאַרף.

— אַז איך וויים גאַרניט, — פלעגט איהר מאַמע טענה'ן, — ווען עסט זי, ווען לעבט זי, ווען שלאָפט זי... וואָס וועט זי אויס־האַווען? געהט אום ווי אַ שלומפּער... שוין, דאַנקען גאָט, אַ מויד פון וואָסערע עטליכע און צוואַנציג יאָהר. שוין צייט עפּעס אַ טראַכט צו טאָן... וואָס וועט זי אויסזיצען? האָ־וואָלט זיך כאָטש ווער מאַכען פון זייערע חברה!...

— נאָר איינע! — פלעגט איהר דער מאַן ענטפערן — זייערע חברה זוכען אויך שעהנע און יונגע... וואָס וועלען זיי דאָ אויסכאַפּען? אַן אַלטע, אַ מיאוס'ע מויד...

דער טאַטע מיט דער מאַמען פלעגען זי שטענדיג „יאָדען“, און אַחוץ זיי האָט זי נאָך געהאַט אַסך אויסצושטעהן פון די שוועסטער מיט די ברידער, וועלכע זענען גראָד ניט געווען אַזוי ווי זי: זיי האָבען גראָד געגעסען, געלעבט, געשלאָפען און ניט אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי „שלומפּערס“. שטענדיג פלעגען זיי זיך

מיט איהר רייצען, נעגעבען איהר אלערליי צונעמעןנישען, ווי: „ווייבע״, „ברויט מיט פוטער״, „קאמונע״, „הינדעלע״, א. ד. גל.

„פטיטשקא — א פערד, לאשאד — א פויגעל״, פלעגט זיך מיט איהר רייצען איהר ברודער דער פריקאזטשיק. „מאמע! לאז ארויס די הינער פון קאטוך! אלע דארפען האבען פריי־הייט!״

נאר חנה׳קע פלעגט ווייניג וואס קוקען אויף זיי און זי האט זיך געטאן דאס איהריגע: האט אלץ ניט געגעסען, ניט געלעבט, ניט געשלאפען, ארומגעגאנגען ווי א „שלומפער״. זי האט אלץ געהאוועט: פונאנדערגעטראגען פראקלאמאציעס, גע־שטאנען אויף א פאסטען, אפגעגאנגען וויארסטען אויף אויס־געפינען אז ארט פאר א פערזאמלונג, פונאנדערגעפיהרט ליטע־ראטור, געפיהרט די פאסט, א. ד. גל. הכלל, זי איז געווען אין דער בעוועגונג א „ריאדאוואי״. זי פלעגט אפטאן יעדעס „שטיקעל פראקטישע ארבייט״ מיט חשק, מיט ליבע, שטיל, געהיים, ניט ערוואַרטענדיג דערפאר קיין שום שכר, קיין שום כבוד.

געבילדעט איז זי געווען ווייניג. די גאנצע בילדונג, וואס זי האט בעקומען ביי איהר טאטען אין דערהיים, איז בעשטא־נען פון א ביסעל „עברי״, וואס אז אלטע רבי׳צין האט זי גע־לערנט פאר זעקס קאפיקעס א וואך, און א לעהרער׳ל, עפעס א קלויזניק, האט זי אויסגעלערנט א ביסעל רוסיש צו „בעקען״. דאס איז געווען די גאנצע קענטעניש, וואס זי האט ערווארבען ביז איהר עלפיאהריגען עלטער. דערנאך איז זי שוין אוועק חושכ׳ן אין דער „מאסטערסקאיא״. צו זעכצעהן יאהר איז זי שוין אריין אין דער בעוועגונג. דארטען האט מען זי פון אנ־הויב אנגעפאנגען צו לערנען רוסיש, געגעבען ביכלעך צום ליי־ענען: זי איז געגאנגען הערען לעקציעס איבער פאליטישע עקאנאמיע, קולטור־געשיכטע, נאטור־וויסענשאפט א. ד. גל. נאר באלד האט זי זיך איבערגעגעבען צו דער „פראקטישער״ אר־

בײַט, און איהר איז שוין לחלוטין ניט אויסגעקומען קיין צײַט צו ענטוויקלען זיך. מעהר ווי א פּראָקלאַמאַציע אָדער א מאָל א נומער פון'ם פּאַרטיי־אָרגאַן, וועז־ניט־ווען א בראָשורקע — פלעגט איהר ניט אויסקומען צו לייענען. אָפּטמאָל איז איהר אויסגעקומען אויך דורכצולאָזען פערזאַמלונגען, ווייל זי פלעגט זיך געפינען אין וועג. און אָט אַזוי איז זי געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט איבער'ן האַלז, און האָט קיין צײַט ניט געהאַט צו טראַכטען וועגען זיך, וועגען איהר צוקונפט. זי האָט קיינמאָל ניט גערעכענט איהרע יאָהרען, זעלטען ווען א קוק געטאָן אין א שפּיגעל, ווי זי זעהט אויס, און דער „טואַלעט" איהרער פלעגט בײַ איהר אייננעם און צוויי פאַרטיג ווערען: א דרעה געטהאָן ווי עס איז די האָר, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס מאַנטעלע מיט'ן היטעלע — און שוין פאַרטיג.

— האָ־וואָלסטו כאָטש אייננעהען א פּאָר קנעפּלעך אין דײַן „שעהנעם" מאַנטעלע! — פלעגט איהר די מאַמע בייז בע־מערקען. — ביסט דאָך עפּעס אַליין א שניידערקע — און זעה! ווי דאָס היטעלע האָט זיך בײַ איהר פערדרעהט אַן א זייט!...

— עס קומט אַלץ ניט אויס, מאַמינקע! ניטאָ קיין צײַט! — פלעגט חנה'קע תמיד ענטפערן מיט א שמייכעל, — ווייסט דאָך: אַלע שוסטער געהען באָרוועס...

— ווייסט, חנה'קע? — זאָגט צו איהר די מאַמע און גיט דערבײַ א זיפץ, — מען האָט עפּעס געדאַרפט א טראַכט טאָן וועגען דיר... אַט צו גיטלען שדכ'ענט זיך שוין א בחור. ער שטאַרבט פּשוט נאָך איהרע טריט. ער וואָלט שוין וועלען חתונה האָבען מיט איהר, נאָר זי איז דאָך אינגער פון דיר! ווי לאָזט מען דאָס פונדעסטוועגען אַן אינגערער חתונה האָבען פריהער פאַר דער עלטערער?

— א דאגה, מאַמינקע! — ענטפערט זי, — איך בין איהר מוחל! איך פערגין איהר פון מײַן גאַנצען האַרצען! זאָל זי חתונה האָבען מיט גליק!

— פונדעסטוועגן, מיין טאכטער? — רעדט ווייטער די מאמע און הערט אלץ ניט אויף צו זיפצען, — מען דארף זעהן... וואלסט אבער עפענען פאר זיך א מאסטערסקאיא, אוועקזעצען דערוויל וואסערע צוויי־דריי מיידלעך, און מיט דער צייט, מיט גאט'ס הילף, מעהרער אויך... אט פעשקע, דו זעהסט, ווי עס געהט איהר פון טיר און פון פענסטער? זי איז פערלעגערט מיט ארבייט. זי נעמט זיך פשוט קיין הענט ניט אן. וואס איז? אז גאט העלפט... וויפיל מיינסטו, איז דאס א שיעור צו הארעווען רק אויף יענעם? ביי דיר איז דאך אזוינע גילדערנע פינגער! פאלג מיר, מיין טאכטער, דו ווייסט, אז דו ביסט שוין ניט קיין יונגינקע...

— **ניט עס דיר אפ דאס הארץ, מאמע! — בערוהיגט זי חנה'קע. — עס וועט ווען עס איז אויף מיר אויך קומען א צייט...**

דער מאמען איז עפעס שטענדיג געווען קשה: ווי איז דאס פונדעסטוועגן? א מיידעל — און עס זאל איהר עפעס ארען א האר! שטענדיג פרעהליך, לעבעדיג, לוסטיג... זי וואלט וועלען אקארשט וויסען: וואס אנ'ערך טראכט זי פארט?

חנה'קע האט אבער געלעבט אין א גאנץ אנדער וועלט, האט געטראכט וועגען גאנץ אנדערע זאכען. זי פלעגט זיצען אמאל מיט א בחור, אדער געהן מיט איהם, און זי פלעגט צו איהם זיין גאנץ גלייכגילטיג. זי פלעגט זיין פערטראגען אין דער זאך, וועגען וועלכער זיי האבען ביידע גערעדט, און איהר פלעגט גאר כמעט אויף די געדאנקען ניט ארויף, צי דער, מיט וועמען זי רעדט, איז א בחור, אדער ניט... זי האט געוואוסט, אז דאס רעדט זי מיט א בעקאנטען, מיט א חבר, און אז זיי רעדען וועגען א וויכטיגע זאך. זי האט געוואוסט, אז זי איז ניט קיין שעהנע, נאר איהר האט דאס וועניג וואס געקימערט. ווען עמיצער פון איהרע בעקאנטע פלעגט חתונה האבען, פלעגט דאס זי כמעט ווי גארניט א ריהר טאן, ניט דערמאנען איהר, אז זי

איז א מיידעל. זי איז אלץ געווען פערטראגען אין איהר אר־בייט, און זי האט זיך לחלוטין פערגעסען, אז זי אליין עקזיס־טירט גאר אויף דער וועלט. זי האט שטענדיג געקוקט אויף איהר לעבען, ווי אויף א זאך, וואס געהערט ניט איהר, נאר „דעם ליידענדען און פערשקלאפטען פראלעטאריאט".

עפעס איינמאל האט זי אזוי ווי גענומען פיהלען, אז זי איז עפעס ניט גלייכגילטיג צו סאשען. דאכט זיך, זי האט איהם ליב געקראגען.

דאס איז געווען איינמאל אין אן אווענט. זי איז אזוי געד זעסען מיט איהם און גערעדט עפעס מכות אז עניין. פון אנהויב איז זי זיך געזעסען גאנץ רוהיג, ווי אלע מאל, און איז געווען פערטיפט אינ'ם געשפרעך. נאר דערנאך איז זי עפעס געווא־רען אזוי ווי צוטראגען, אין איהרע אויגען האט זיך אנגעצונ־דען א פייערל, א פרעמד פייערל, אין איהרע אויערן האט איהר אזוי זים און געשמאק זיין ווייכער קול געקלונגען... זי האט זיך אין איהם איינגעגעסען מיט איהרע אויגען, און האט איהם פשוט געשלונגען מיט'ן קוק.

ער, סאשע, האט אויך געקוקט אויף איהר, נאר ער איז געווען אריינגעטאן אין די רעד און האט גארניט בעמערקט, וואס מיט חנה'קען טוט זיך. רעדענדיג אזוי, האט ער זי שטייף אנגענומען פאר דער האנט: דאס האט אויסגעוויזען, ווי ער וואלט זי וועלען איבערצייגען אין דעם, וואס ער האט גערעדט, ערקלערען איהר בעסער, אדער מאכען זי מעהר אויפמערקזאם.

עפעס אזוי ווי א געשמאקע ווארימקייט איז איהר דורכגע־גאנגען איבער'ן גאנצען לייב. זי איז באלד רויט געווארען און פערשעמט האט זי אראפגעלאזט די אויגען. דאס איז ביי איהר געווען דער ערשטער אווענט אין איהר לעבען, ווען זי האט צום ערשטען מאל דערפיהלט, אז זי איז א פרוי... זי איז צוטומעלט געווארען, פער'שכור'ט, איהר האט זיך געוואלט פאלען איהם אויפ'ן הארצען און ער זאל זי צודריקען צו זיך שטארק, זעהר

שטאַרק, אַט ממש אַרויסקוועטשען איהר די נשמה... נאָר באַלד איז זי געקומען צו זיך, האָט אַ שוידער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און גענומען טרייבען פון זיך די דאָזיגע געדאַנקען...

— נו, סאַשע ! — האָט זי איהם איבערגעהאַקט די רייד.— מיר וועלען דאָס לאָזען אויף אַן אַנדערש מאָל... איצט האָב איך קיין צייט ניט... איך האָב זיך גאָר פערגעסען... אה... אַזוי פיעל פערזעסען זיך, פערדעדט זיך ! ס'איז שוין אַזוי שפּעט !

חנה'קע האָט ניט געקאָנט פערשטעהען, וואָס איז דאָס מיט איהר דעמאָלט אַזוינס געשעהן. איהר איז קיין נייעס ניט געוועזן, אַז אַ בחור זאָל זי אָנגעמען פאַר דער האַנט, אָדער אַרויפלעגען זיין האַנט אויף איהר, אָדער צוקושען זיך מיט אַ בחור פאַר'ן אַוועקפאָהר. דאָס איז אָבער אַלץ געווען געוועהנליך, געטאָן געוואָרען מעשה חבר, וועגען גאָרנישט ניט פערטראַכט. צו סאַשען אָבער, האָט זי גענומען בעמערקען, ענטוויקלען זיך ביי איהר גאָר אַנדערע געפיהלען, אחוץ די חבר'שע... זי האָט גענומען טראַכטען, צי איז זי ניט פערליבט אין איהם... נאָר קיין סך צייט צו טראַכטען וועגען דעם האָט זי ניט געהאַט, זי האָט געלעבט, געקעמפט און געליטען. דער קאַמף, אַט איהר שטילע, פשוט'ע אַרבייט, ווי זי אַליין האָט געקוקט אויף דעם, האָט זי איינגאַנצען איינגעשלונגען, ניט אָפּגעלאָזט זי אפילו אויף אַ מינוט און דערשטיקט אין איהר די פרוי... און דאָ איז נאָך סאַשע אַוועקגעפאָהרען ערגיץ אין אַן אַנדער שטאָדט צו „אַרבייטען". דאָרטען האָט מען איהם אַרעסטירט און דערנאָך אין סיביר פערשיקט...

ווי אַ גוטען חבר, ווי אַ טריי איבערגעגעבענעם צו דער בעוועגונג, האָט איהם חנה'קע אַלץ ידערמאָנט, און זי אַליין האָט אַלץ געהאַלטען אין איין „קעמפען" און האָט ווייטער ניט געפּרובט טראַכטען וועגען זיך...

„טייערע יאָהרען ! זיס לעבען ! ווי כאַפּט מען אייך איצט צוריק !" האָט אין איהר איצט דאָס האַרץ געשטורעמט.

איצט איז זי שוין אין אמעריקע. אוים „חנה׳קע“! אה, ווי זים דער נאמען קלינגט איהר! עני הייסט זי שוין איצט. גאר אן אנדער מיידעל איז זי דא געווארען... דאס אלטע לעבען האט זי פערלאזען, דאס נייע זוכט זי, פטר׳ט אויף דעם איהרע טעג מיט די יאהרען, און קען עס ניט געפינען...

די ערשטע צייט, בעת זי איז געקומען אהער, אז מען פלעגט זי פרעגען: „צוליב וואס האט זי פערלאזען רוסלאנד“? פלעגט זי אלץ ענטפערן מיט פערדרוס:

„אז שדים האבען מיך געשלעפט אהער! וואס האב איך מורא געהאט? פאר סיביר? פאר זיצען? וואס איז? דאס ערשטע מאל איז מיר צו זיצען“?

און טרערען פלעגען זיך איהר דאן ווייזען אין די אויגען, און אויפ׳ן הארצען פלעגט איהר ווערען אזוי שווער! דאס איז געווען אין דער ערשטער צייט, בעת זי האט זיך ארומגעזעהן, אז דאס איז ניט די אמעריקע, וועלכע זי האט זיך פארגעשטעלט נאך זייענדיג אין רוסלאנד, אז דא האט זי ניט, וואס צו טאן.

נאך אין רוסלאנד, פלעגט זי דערמאנען אמעריקע מיט סלינע אין מויל. עפים אזוי ווי רעספעקט האט זי געהאט פאר דעם ווארט „אמעריקע“.

„איהר ווייסט“, פלעגט זי טענה׳ן נאך אין רוסלאנד, „ביי אונז וועט דאך אויך ווערען פריי אקוראט ווי אין אמעריקע! מען וועט מעגען רעדען, דרוקען, מאכען פערזאמלונגען“...

נאר געקלערט וועגען זיין אין אמעריקע, האט זי קיינמאל ניט. די עלטערען איהרע פלעגען זי ניט לאזען צו־רוה; זי זאל נאר פאהרען קיין אמעריקע! ניט אנדערש! זיי האבען זיך געשראקען, מען זאל זי ניט פערשיקען, און אין אמעריקע, האבען זיי גערעכענט, איז דאך פריי, דארטען זיינען דאך ניטא די „מעשיות“ מיט די „שוויצעניש“; דארטען וועט זי פערדינען געלט און מיט דער צייט וועט זי קריגען א חתן. אין אמעריקע, האבען זיי געהערט, איז יעדע מיידעל א סחורה. מען כאפט

דאַרטען די מיידלעך אוים אָהן שום נדן, אָהן אַלעמען, אַט ווי זיי שטעהען און געהען...

חנה'קע אָבער האָט די גאַנצע צייט זיי ניט געהערט און איז אַלץ ניט געפאָהרען.

„ווי אַזוי וועל איך דאָס פאָהרען?" פלעגט זי ביי זיך טראַכטען. „משוגע וועל איך ווערען? מאַלע וואָס זיי ווילען! דאַ קומט פאַר אַזאַ קאַמף — און איך וועל גאַר אינמיטען דע־רינען נעמען און אוועקפאָהרען!"

נאָר עס האָט זיך עפּעס אַזוי געמאַכט, און זי איז פאָרט אוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקע. זי איז דורכגעפאַלען פיהרענ־דיג ליטעראַטור. איהר איז אַריין אין זינען דער געדאַנק וועגען אַנטלויפען (ווי אַזוי, ווייסט זי אַליין ניט), און ניט וואַרטענדיג אויפ'ן משפט, איז זי אַנטלאָפען.

זי איז בשלום אַריבער די גרעניץ. דורכפאָהרענדיג דייטש־לאַנד, האָט איהר דאָס הארץ גענומען קלאַפען פאַר שמחה: דעם ריח פון פרייהייט האָט זי דערשמעקט. נאָר דאָס איז נאָך ביי איהר אַלץ גאַרנישט געוועז לגבי דעם, וואָס זי פאָהרט קיין אַמעריקע. אַמעריקע! אַמעריקע! אַזאַ פריי לאַנד! צייט־טענווייז אפילו האָט זי אין וועג גענומען פיהלען אַ בענקעניש, אַ נאַגעניש אין האַרצען, באַלד אָבער פלעגט זי אַליין פאַר זיך זוכען צו פערענטפערן זיך, מאַכען פשרות.

„אין אַמעריקע זענען אויך פאַראַן אידישע אַרבייטער... דאַרטען זענען אויך דאַ סאָציאַליסטען... איך וועל דאַרטען אויך קעמפען אַקוראַט ווי אין דערהיים! גאַרנישט, איז מען נאָר אַ מענש מיט פּרינציפּען, ווערט מען אין ערגעץ ניט פערפאַ־לען!"

צופאָהרענדיג צו ניו־יאָרק, האָט זי אויפ'ן וואַסער דערזעהן אַ סטאַטוע.

„דאָס איז די געטין פון פרייהייט!" האָט איהר איינער אויפ'ן שיף ערקלערט.

רי געטין פון פרייהייט! פרייהייט! איהרע אויגען האבען דאן געגומען בלישצען פאר שמחה; אונטערגעשפרונגען איז זי פון גרויס התפעלות; איהר האט זיך עפעס געוואלט ארומנעמען אלע מענשען, וועלכע שטעהען דא ארום איהר און צודריקען זיי אלעמען פעסט צו איהר הארצען און לאנג, זעהר לאנג קושען זיי...

פער'שכור'ט, צוטומעלט איז זי אנגעקומען קיין אמעריקע.

„שוין דריי יאהר געווארען! דריי יאהר!" האט זי א טראכט געטאן און האט דערביי שווער אפגעזיפצט.

זי האט גענומען ווייטער בלעטערן איהר לעבען, און איהר פנים איז געווארען אלץ פינסטערער און פינסטערער. זי האט געפיהלט, אז דאס גראבט זי אויף די נאך ניט־פערהיילטע וואונ־דען פון איהר הארצען, אבער זי האט זיך געפיהלט צו שוואך און זי האט קיין כח ניט געהאט אפצוהאקען איהרע זכרונות און אויפהערען צו טראכטען. די זכרונות זיינען געקראכען ניט גע־פרעגטערהייד אין איהר קאפ אריין און האבען אהן רחמנות גע־עגבערט טיף־טיף אין מוח, דערלאנגענדיג אזש ביז צום הארצען.

זי דערמאנט זיך די ערשטע צייט, וואס זי האט פערבראכט דא. זי האט אויפגעזוכט א שאפ. ביימאג האט זי געארבייט, און ביינאכט האט זי זיך ארומגעדרעהט איבער דער גרויסער שטאט. אויפגעזוכט בעקאנטע מיטקעמפפערינס פון דער היים, ארומגעגאנגען איבער די קלובען, ביבליאטעקען, בעזוכט אלער־ליי פעראיינען, פערזאמלונגען, מיטינגען, און איז תמיד געווען אזוי ווי פערטשאדעט.

בעקאנטע פלעגען ביי איהר אפט פרעגען: ווי געפעלט זי אמעריקע? זי אבער פלעגט ניט פערשטעהן די פראגע.

„וואס?" פלעגט זי ביי זיך טראכטען. „קאן מען דען אמע־ריקע ניט געפעלען? אזא פריי לאנד מיט אזוי פיעל צייטונגען, מיט אזוי פיעל סאציאליסטען! דאכט זיך, וועמען זי בעגעגענט נאר דא, איז א סאציאליסט!"

זי איז געווען דאָן צופרידען, און האָט געדענקט צו אַרביי־
טען דאָ, פּונקט ווי אין דער היים, און קעמפן ביז דער לעצטער
מינוט.

פון איין פערזאַמלונג אויף דער צווייטער — און זי האָט
אַלץ געוואַרט און געוואַרט אויף „אַרבייט“... די „אַרבייט“,
וועלכע האָט זי אין דערהיים פערשלונגען, איז דאָ אָבער ניט
געקומען!

זי האָט זיך ביסלעכווייז אַנגעהויבן אַרומצוזעהן, אויף
וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. מענשען, איהרע בעקאַנטע, האָט זי
דערזעהן, ווערען פערלאָרען פאַר דער „בעוועגונג“, ווערען אַריינ־
געשלעפּט אין דעם היגען קאָכעדיגען ים פון לעבען. די כוואַ־
ליעס דעקען זיי צו...

„וואו איז דאָ דער קאַמף?“ האָט זי געמוטשעט די פראַ־
גע. „פאַרוואָס זעה איך איהם ניט? פאַרוואָס קען איך איהם ניט
אַנטאַפּען? פאַרוואָס געה איך דאָ אום אָהן אַרבייט? פאַרוואָס
איז דאָ פאַר מיר קיין אַרבייט ניטאָ? פאַרוואָס? פאַרוואָס?“

„פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס?“ האָבען איהרע ליפּען
גענומען שעפּצען אויך איצט, און די אַלטע גרויזאַמע פראַגע
האָט זיך אויך איצט פאַר איהר אָוועקגעשטעלט.

אַז דאָ איז גאָר אַן אַנדער וועלט מיט אַנדערע דאגות!
עפּעס גאָר אַנדערע בחורים, אַנדערע מיידלעך, ניט ווי אין דער
היים! אַלע מיידלעך, וועמען זי זעהט נאָר דאָ, זוכען עפּעס,
טרוימען פון עפּעס... וואו זי געהט, וואו זי שטעהט, הערט זי רק
רעדענדיג וועגען קליידער, יאַקען, היט, צירונג, דימענטען,
בחורים... מען וואַרט אויף איינעם, וואָס וועט קומען אויסלייזען
פון דעם פינסטערען שאַפּ. אויף פערזאַמלונגען קומט כמעט
יעדעס מיידעל מיט אַ בחור, אומעטום געהט מען רק פּאַרווייז,
נאָר זי, חנה׳קע, געהט נאָך אַלץ אַרום אַליין און קיינער בע־
בעמערקט זי ניט.

זי איז די ערשטע צייט אַרומגעגאַנגען מיט איהרער א

חבר'טע, מיט דארען. דארע האט אבער באלד געקראגען „איי־נעם", זיינען זיי ארומגעגאנגען זאלבע־דריט. חנה'קע אבער האט גענומען בעמערקען, אז זי איז ווי א פינפטער ראד צום וואַגען, זי שטערט זיי, און דארע אליין טאקע האט אויך אנגעהויבען ביסלעכווייז צו ווייכען פון איהר...

חנה'קע האט דאן געקראגען אנ'אנדער חבר'טע, דזשעני, איהרס א לאנד'ס־מיידעל. אביסעל שפעטער אבער האט אויך דזשעני געקראגען „איינעם", און חנה'קע איז ווידער געבליבען אליין...

ניטא קיין בעוועגונג! ניטא קיין קאמף! ניטא קיין ארבייט פאר אזא מיידעל, ווי זי! ביסלעכווייז האט זיך אנגעהויבען אויס־צולעשען דאס פייער, וואס האט געברענט אין איהר הארצען ביז אהער און געווארעמט איהר נשמה. איהר פערגאנגענהייט, איהר אלט לעבען איז פערצויגען געווארען מיט א שווארצען טוך. זי האט זיך גענומען צוקוקען צום נייען לעבען...

אין חנה'קען האט אנגעהויבען עפעס צו ערוואכען... דאס הארץ פלעגט איהר נעמען שטארק קלאפען, אין גאנצען קער־פער פלעגט זי דערפיהלען א געשמאקע ווארימקייט, ווי נאר א בחור פלעגט איהר געבען די האנט, אדער צוריהרען זיך צו איהר... זי האט אנגעהויבען צו פיהלען, אז זי איז א מיידעל, און דער־צו נאך אן אלטע, ניט קיין שעהנע... זי האט אבער געזוכט די האפנונגען איהרע, די נייע האפנונגען ניט צו פערלירען.

זי איז גאר אן אנדערע געווארען. דער נייער אמעריקאַ־נער נאמען איהרער, עני, האט איהר שוין גענומען בעסער קלינ־גען. זי האט גענומען זוכען תרופות, ווי אינגער, ווי שעהנער צו ווערען. זי האט זיך גענומען מיט חשק צו איהר טואלעט, האט זיך אפגעשטעלט ביי די פענסטער פון די מאגאזינען, גע־קוקט זעהר לאנג אין די פענסטער, בעטראכט די סחורה, די קליידער, די היט מיט די פעדערען. זי האט אלץ געזוכט, אלץ געטראכט, מישב געווען זיך מיט די חבר'טעס: וואס פאר א

קאַליר, וואָס פאַר אַ פּאַסאַן וועט איהר בעסער פּאַסען צו דער פיגור? זי האָט שוין אָנגעהויבען לענגער צו שטעהן ביים שפּיגעל, צו דרעהען די האָר אויף אַלערליי אופנים, צו זעהן, ווי וועט איהר בעסער קליידען, וועלכע פאָרם וועט זי אינגער, שענער מאַכען. זי האָט געפונען, אַז די פּענסנע, וואָס זי האָט דאָ אָנגעהויבען צו טראָגען, גיט איהר צו פיעל חן, מאַכט זי פיעל שענער — און צו איהר אין הארצען האָבען זיך אַלץ גע'גנב'עט נייע האָפנונגען...

אין שאַפּ האָט זי זיך שוין אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די מעשיות, צום פּלאַפּלען פון די מיידלעך, געהאָלפען זיי לאַכען און פרעהליך געמאַכט זיך צוגלייך מיט זיי. אין די אויערען האָבען איהר אַלץ געקלונגען די ווערטער: בחורים, קליידער... און די ווערטער האָבען אין איהר גענומען וועקען די ביז אַהער איינגעשלאָפענע געפיהלען און האָבען איהר געמאָלט זעהר אָנגענעמע בילדער...

די פרוי האָט ערוואַכט!

זי האָט אָנגעהויבען צו טרוימען, צו וואַרטען אויף עפּעס, צו האָפען אויף די גליקליכע שעה, ווען „איינער" וועט קומען צו איהר אַזוי ווי אַ מלאך הגואל און מיט זיין גרויס מיטלייד אויף איהר וועט ער זי אויסלייזען פון דעם פערפלוכטען שאַפּ, פון דעם איינזאַמען, עלענדען לעבען... זי האָט יענעם ערלייזער איהרען אין זינען ליידענשאַפטליך געקושט, אַרומגענומען איהם, שטאַרק צוגעדריקט איהם צו איהר הארצען...

זי האָט זיך גענומען צוקוקען צו יעדען בעקאַנטען בחור, בעטראַכט יעדען קעהר זיינעם צו איהר: ע פּ ע ס האָט זי געוואָלט בעמערקען אין איהם. זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט זיינעם, וואָס ער האָט צו איהר געזאָגט; זי האָט געוואָלט וויסען, צי האָט ער „עפּעס" ניט געמיינט דערמיט... אפשר האָט ער געגעבען וועלכע ס'איז אָנצוהערעניש?...

אריינגעוואָרפען האָט זי זיך מיט איהר גאַנצער היץ אין די

יאָגעניש נאָכ'ן נייעם לעבען. כאַפּען האָט זי געוואָלט דאָס גליק, וועגען וועלכען זי האָט געטרוימט, און טרינקען עס, טרינקען עס אזוי פיעל, ביז זי וועט פער'שכור'ט ווערען...

אָה, ווי מקנא איז זי יענע מיידלעך, וועלכע האָבען וועמען צו ליבען, וועלכע ליבען און זיינען געליבט!

זי האָט גענומען רייבען דעם שטערען, גלייך ווי זי וואָלט וועלען פערטרייבען די לעצטע שפּורען פון איהרע אַלטע זכרונות, וועלכע האָבען זי איצט אזוי פיעל צומוטשעט.

„אָה, לעבען! לעבען!“ האָט זי אויסגעשריען.

דאָס נייע לעבען האָט זי גענומען רייצען. זי האָט זיך דער־מאָנט אָן די בעלער, אָן די קאָנצערטען, אָן די מיטינגען... אויף איין באַל האָט זי געטאַנצט מיט שערמאַנ'ען... ער איז, דאַכט זיך, גראַד צו איהר פריינדליך... ער האָט זי שוין א פּאָר מאָל גענומען אין טעאַטער, איבער צוויי וואָכען פאָהרען זיי ביידע אויף א פּיקניק... זי וועט זיך דאָרטען גאַנץ פיין אַמוזירען... זונטאָג פאָהרט זי מיט איהם אין פּאַרק...

„אפשר קען זיין?“ פליהט ביי איהר דורך א געדאַנק אין קאָפּ, און איהר פּנים ווערט דערביי ליכטיגער.

„איך בין פונדעסטוועגען גאַנץ סימפּאַטיש...“ האָט זי א טראַכט געטאָן, אריינקוקענדיג אין שפּיגעל, נאָר זי האָט עפּעס ניט געוואגט ארויסצורעדען דאָס. זי האָט זיך ארומגעקוקט: א לעדיג צימער, פיער ווענט, זי איז איינע אַליין...

שערמאַן האָט איהר אָבער גאָרנישט געזאָגט נאָך...

„ווער ווייסט? ווער ווייסט?“ קלאַפּט איהר אין קאָפּ.

אומעטיג איז איהר ווייטער געוואָרען. די אַלטע זכרונות האָבען איהר ווייטער גענומען קריכען אין קאָפּ... איהרע אויגען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף דער וואַנט, א־וואו עס הענגען די קאַרטעס פון איהרע בעקאַנטע פון רוסלאַנד... זייערע פּנים'ער קוקען עפּעס אזוי ערנסט, פער'דאגה'ט, טרויעריג; זייערע אוי־גען ווינקען צו איהר, גלייך ווי זיי וואָלטען זי רופען זיך צוריק־

קעהרען אויפ'ן שלאכטפעלד, וואס זי האט פערלאזען, ווידער אריינטרעטען אין זייערע רייהען און ווייטער קעמפען...

איהר האט זיך אויסגעדוכט, אז זיי האבען זיך אלע צו־שטעלט, געעפענט די מיילער און זיי זינגען... עס האט איהר גענומען קלינגען אין די אויערן „די צואה", „די שבועה"... עפעס א היימיש ווינטעל האט גענומען בלאזען...

„מיינע ליבסטע פריינד, אז איך וועל שטארבען,
טראגט צו צו מיין קבר די רויטע פאהן!"

זי הערט זיך צו צו דעם ליד פון קאמף און שטורם. זי ווערט אויך ניט ווילענדיג אריינגעצויגען אין זייער חברה, זי זינגט אויך מיט...

באלד נעמען זיך פון פראנט־דום טראגען טענער: דער בעל־הבית'טעס מיידעל שפילט דאס אויפ'ן פיאנא:

„גוד באי, מאי בלובעל!"

דאס ליד פון די קעמפער רייסט זיך איבער — און עני קעהרט אפ די אויגען פון וואנט...

זי הויבט אן אונטערצוזינגען דער שפילערין, צוערשט פערטראכט אין געדאנקען און ווי פערשעמט, באלד אבער שטארקער און שטארקער...

.1905

אַ „לאַ־יוצלח".

(מאָנאָלאָג פון אַ אידענע)

...איהר קענט דאָך מיין פלימעניק? אַט דער וואָס האָט געהאַלטען די געוואַנט־קראָם... נו, האָט ער געהאַלטען ביים אָנ־זעצען... אַ גאַווינע, אַז מען זעצט אָן! וואָס־זשע דען? מיט דער טאָרבע זאָל מען אַוועקגעהן?... גאַרנישט, מסתמא האָט ער גע־דאַרפט לעריג מאַכען די קראָם, אַז די בעלי־חובות זאָלען דאָרט אַ מכה געפינען... נו, זאָל איך, אַ לייבליכע מומע, איהם ניט ארויסהעלפען אין אַן עת צרה? איך פרעג אייך! פאַרט אייגען בלוט דאָך... אַ ברודער'ס אַ זוהן... און אחוץ דעם אַלעמען, האָט ער מיר בפירוש געזאָגט, אַז ער וועט מיין טרחה ניט פערלאָנ־גען אומזיסט. וואָס איז? ער ווייס דאָך, אַז איך בין ניט קיין נגידה'סטע... אַז מען דאַרף פון דעם שטיקעל קרעמעל, וואָס איז די גרויס אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן, ציהען דאָס ביסעלע חיונה! אַז מעהר ווי פאַר אַ גראָשען הערינג, פאַר אַ גראָשען קעז, אַ קאָפּיקע אַ קוכען, לייזט מען ניט... היינט פון אַזוינע „פּאַרנאָ־ניעס" מאַך חתונה טעכטער, נעהם ארויס זיהן פון פּריזיוו! וואָלט ע ר געוועזן אַ מענש לכל הפּחות, ווי ביי לייטען אַ מאַן דאַרף זיין... איז, זאָג איך אייך, איז דאָס אַזאַ שטיק גאַרנישט, אַז ווען איהר זאָלט אפילו די וועלט אויספּאָהרען, וועט איהר אַזאַ ניט געפינען! איך טענה רק צו איהם: זלמן! דו ווייסט דאָך, אַז פון יגיע־כפּי איז קוים „פּאַפּע"... פון דיין

סטאַליאַרנע וועסטו שוין הפּנים קיין מאַיאַנטקעס ניט קויפן. אַז דו ביסט אַ רך־לב, קאָנסטו קיין קרום פּנים ניט זעהן. מען דאַרף קענען אַ בעל־הבית זיין, מען דאַרף וויסען, ווי מיט אַר־בייטער זיך אויפפיהרען... און דו?... „ר' זלמן! מיר איז וועניג אויף דער הוצאה..." כאַפּסטו גלייך און גיסט... אַי דו האָרע־וועסט אַליין ווי אַן אָקס, אַי אַרבייט פאַר ז י י דאַרפסטו געהן זוכען... וואָס האָסטו פון דיין שמייסטערסקאַיע?... יענע, די אַרבייטער דיינע, אַ כאָלעריע זיי אין די קישקעס, אַרט עפּעס אַ פולע פאַר דיר? אַבי ז י י זאָל זיין... זיי ווייסען דאָך, וואָס פאַר אַ גאָרנישט אַ בעל־הבית זיי האָבען, נו, איזדיעקע־וען זיי זיך שוין, וויפיעל זיי ווילען אַליין, קומען צוגעהן צו דער אַרבייט ווען זיי ווילען, געהען אַהיים ווען זיי פערגלוסט זיך...

אַט אַזוי טענה איך צו איהם אַלע מאָל, איך עס מיר אויס אַ שטיק האַרץ, און רעדט צו איהם, און רעדט צו דער וואַנט, איז אַלץ איינס! לסוף ווערט ער נאָך אין כעס! ער איז נאָך גערעכט! „ארורה! מרשעת!" רופט ער מיך... איהר פערשטעהט? אַ שונא בין איך איהם? זיין רעה בין איך אויסען? וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ מין לא־יוצלח?

אַט פאַר־אַ־יאָהרען ווינטער איז עפּעס געווען אַ מעשה. איהר ווייסט דאָך, ווינטער ליגט די סטאָליאַרקע אין דר'ערד... מסתמא זאָג איך צו איהם: זלמן! ווייסט גאָר וואָס? וואָלסט אָנגעהויבען גאָר צו האַנדלען מיט די וואַרשעווער צעטלעך... וואָס איז? לייט פערדיענען דערפון גאַנץ גוט. בקיצור, איך האָב איהם קוים מיט צרות איינגערעדט. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען אַזאַ זאַך ניט טאָן. דאָס איז אַ שווערער עסק פאַר איהם. מען דאַרף יענעם זעהר לאַנג צורעדען, ביז וואַנען ער זאָל אַ צעטעל נעהמען, און ניט ער האָט די צונג דערצו, ניט ער האָט דאָס האַרץ דערצו... זאָג איך צו איהם: וואָס צונג? ווען האַרץ? מען דאַרף נאָר זיין אַ מענש! בקיצור, איך האָב איהם ווי עס איז פון שטוב אַרויסגעשטופּט... צופרידען מיט דעם געשעפט

איז ער ניט געווען... נאר גארנישט! מיינט איהר, איז וואס איז געווען דער סוף דערפון?... „איך קאן ניט." האט ער גע־זאגט, „איך געה אריין צו אן ארימאן אין א שטוב און בעט איהם נעמען א צעטעל... דאס הארץ דערלאזט מיך ניט! איך וויים, אז די צעטלען איז כזב ושקר, אמת'ע גנבה... היינט צו וואס זאל איך איהם נארען, פערדרעהען א מוח און ארויסרייסען ביי א אידען א קבצן, א גריוונע, אין דער צייט, וואס די קינדער זיינע געהען אום נאקעט און בארוועס און קומען אפ מיט א שטיקעל טרוקען ברויט?... איך קאן דאס ניט, חאשע! הרג'ע מיך!"
היינט געהט רעדט מיט אזא גארנישט! איך שריי אויף איהם: רוצח איינער! אויף דער גאנצער וועלט האסטו רחמנות, נאר אויף דיין ווייב און קינדער ניט! ביי לייטען מאנען... פון אונטער דער ערד וועלען זיי ארויסאקערן! און ער — גארנישט! אויב עם זאל איהם א האר ארען!... „מיך זאל גאט אויסהיטען פון אזוינע פרנסות!" זאגט ער... וואס זאגט איהר אויף דעם צדיק אין לאפטשעם?...
אז איך זאג אייך, אז ווען איך זאל נעהמען דערצעהלען פון איהם, וועט דאס זיין טויזענט און איין נאכט... אין גאלד האבען מיר געקאנט ארומגעהן, ווען ניט ער, דער שלים־מזל, דער לא־יוצלח... נאר איך וועל אייך דערצעהלען די מעשה מיט'ן פלימעניק... דאס איז א מצוה צו הערען!
יא... וואו האב איך געלאזען?... יא... דער פלימעניק האט געהאלטען ביי'ם אנזעצען, קומט ער צו מיר צו געהן און זאגט: „מומינקע! איך וועל ביי אייך בעהאלטען אביסעל סחורה... דארטען א צעהן פעקלעך געוואנט... מיר וועלען דערפאר צו בית־דין ניט דארפען געהן, מיר וועלען שוין צווישען זיך דורכקו־מען... מיר זיינען דאך אייגענע מענשען." נו, איך פרעג אייך, פאר וואס זאל איך דאס ניט טאן? אז יענעם א טובה און מיר קיין רעה ניט... אבער איך האב געוואוסט, אז איך האב א משוגע'נעם מאן, און ווען איך זאל איהם דערצעהלען, חלילה,

אזא מעשה, וועט ער ממש אויפשפרינגען! איך קאן דאך איהם שוין... האב איך איהם טאקע קיין מעשה ניט דערצעהלט דער־פון, און בשתיקה איהם האב איך צוגענומען ביים פלימעניק די סחורה און האב זי בעהאלטען אין קעמערל. ס'איז אריבער־געגאנגען א טאג, צוויי, ער האט גארנישט געוואוסט. מעהר ווי די קינדער האבען ניט געוואוסט, נאר איך האב זיי פערזאגט, אז זיי זאלען למען השם דעם משוגע'נעם טאטען דאס ניט אויס־זאגען, ווארים דער הימעל וועט זיך הייבען, ווען ער זאל זיך נאר דערפון דערהוויסען... מיין עלטערער זוהן, דער פריקאש־ציק, פערשטעהט אליין אויך גוט א געשעפט, ניט אזוי ווי זיין טאטע דער טירוף, רופט זיך צו מיר אפ אויפ'ן דריטען טאג: „מאמע! דו מיינסט אין דער אמת'ן, אז אז חיים'ען (אזוי רופט מען מיין פלימעניק) וועלען מיר א מצוה פערדיענען? דו ווייסט דאך, אז ער איז א רייכער פארשוק און ער וועט דיר אודאי פאר'ן גאנצען עסק געבען א פאר רובעל, אויב גארניט א דאנק... און איך וואלט דיר זאגען, אז שוין יא עסען חזיר, איז כאטש פעטע, אז ניט, לוינט ניט די ליפען איינצוריכטען... ווייסט דאך, ווי מען זאגט: דער וואס גנב'עט ביי א גנב איז פטור... לכן וואלט מיין עצה געווען: אז חיים וועט קומען נאך די סחורה, שטעל איהם אויס פיער פייגען, און מיר וועלען דאס שוין מא־כען אליין צורעכט..." וואס זאגט איהר, הא? דאס איז ניט א חכם? א מיניסטער, זאג איך אייך! זיין בעל־הבית, וואו ער איז, האלט גאר פון איהם אן עולם ומלאה! ער איז שוין גאר־ניט געראטען אין זיין טאטען... זאל ער נאר ביי מיר זיין אויף לאנגע יאהר! גאט זאל זיך מרחם זיין און אויסלייזען איהם פון פריזיווו... ער שניידט זיך שוין אויף א גביר...

טו הערט־זשע, וואס איז ווייטער געווען... איך האב טאקע גערעכענט צו טאן אזוי. מסתמא דארף מיין שלים־מזל געהן זו־כען עפעס א ברעט אין קעמערל... שדים האבען איהם גע־שלעפט אהינצו!

„וואָס פאַר אַ פּעק איז דאָס דאָרטען אין קעמערל?“

איך האָב איהם גענומען דערצעהלען אַ גאַנצע מעשה, אַז אין גאַס איז צוגעקומען נאָך פּיער קרעמלעך, שרה'קען איז צייט אַ שידוך צו טאָן, שלמה'קע דאַרף באַלד געהן צום פּריזיוו, און ס'איז אַזוינע שלעכטע צייטען, אַז איין גאָט זאָל רחמנות האָבען...

„אַנטקעגען וואָס דערצעהלסטו דאָס מיר? וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנצוהערעניש?“

„הער, זלמן!“ זאָג איך צו איהם, „איך וועל מיט דיר רעדען אָפען... גענוג דיר שוין צו פּראָווען דיינע שטיק! ווען מיר זאָלען זיך אַזוי אויפפיהרען, קענען מיר, חלילה, צו גאָט נאָך קו־מען... דו דאַרפסט דאָך אַליין פערשטעהן...“ — און איך האָב איהם דערצעהלט די מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף... איז ווי רע־כענט איהר? אַנגעצונדען האָט ער זיך! איך האָב געמיינט, אַז ער וועט פּלאַצען!

„גנב'טע!“ האָט ער געשריען ניט ווי מיט זיין קול, „פאַר אַ גנב ווילסטו מיך נאָך מאַכען?! מעהר פעהלט מיר ניט ווי דאָס! אין דר'ערד זאָלסטו געהן מיט דיין חיים'קען צוזאַ־מען!... אַנזעצען! גאָר אַ ניי וואָרט! אָה, גנבים, הויטשינדער, בייטעלשניידער! צוזעצט זאָלען אייך די קעפּ ווערען! שוין זאָל מיר די סחורה ניט זיין אין שטוב! דו הערסט? איך וויל פון דעם עסק גאָרניט וויסען! אַזעלכע טובות וויל איך חיים'קען ניט טאָן! איך וועל דאָך קיינמאָל ניט אויסגעלייטערט ווערען דערפאַר! שוין שיק איהם אָפּ די סחורה! אַ־ניט וועט מיין פוס דאָ אין שטוב ניט זיין! דו הערסט? איך געה אַליין דעם גנב זאָגען!...“

דער סוף, וואָס איז געוועזן, פערשטעהט איהר דאָך שוין... אויסגעפיהרט האָט ער, דער משוגע'נער...

אָט אַזוי ווערט מען דאָס אויסגעריסען אויפ'ן פּוד, האָ־בענדיג אַזאַ מאַן! ס'איז אַנטקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט:

יגיע כפי... איך האָרעווע, 'ער, דער משוגע'נער, האָרעוועט, די קינדער האָרעווען אויך. און מען קען זיך אַלץ צו גאָרנישט דערשלאָגען! און דאָס איז אַלץ — ער, דער טירוף, שולדיג! איהר זאָגט, אַז דאָס איז אַלץ פרומקייט, גוטסקייט, עהרליכקייט, און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז מעהר ניט, ווי הוילע משוגעת, ניט־מענטשעשאַפט... מען דאַרף דאָך פונדעסטוועגען וויסען, אַז מען האָט אַ ווייב מיט קינדער, און שלמה המלך זאָגט אויך אין „טייטש־חומש": ניט זיי קיין צו גרויסער צדיק!... נאָר וואָס איז דאָ צו רעדען? אַז איך זאָג אייך, אַז ער איז אַ לאָ־יוצלח...

אַז עס ווילט זיך עסען.

אייער־נעכטען האָט ער נאָך געהאַט אַ ניקעל, האָט ער גע־קויפט פאַר דריי סענט ברויט און פאַר צוויי סענט קעז, זיין שטענדיגער בעליבטער מאכל פון דערהיים נאָך; נעכטען האָט ער שוין אַ פעני ניט געהאַט, האָט ער זיך גע'חיות'ט אַ גאַנצען טאָג מיט וואַסער, זיין „במקום־עסען" אין דער צייט פון הונ־גער, און היינט ליגט ער נאָך אין בעטעל, קעהרט זיך אויף אַלע זייטען, קאַרטשעט זיך, גענעצט און האָט גאָר ניט בדעה אויפ־צושטעהן.

אַרום טיר פון זיין בעד־רום הערט ער, ווי זיין מיסעס שאַרכעט מיט'ן קלייד... ער וויל ביי איהר פרעגען, וויפיעל אַ זייגער עס איז. עס מוז שוין זיין גאַנץ שפּעט, נאָר וואָס גערט דאָס איהם אָן? ער וועט איצטער דען געהן אַרבייט זוכען? און וואָס איז די פעולה, אַז ער וועט געהן זוכען? ערשטענס, צי וועט ער געפינען גאָר, און אַז שוין יאָ, איז וואָס דאָס גליק? שוין הונדערט אַרבייטען האָט ער אודאי איבערגעטאָן זינט ער איז דאָ אין ניו־יאָרק — מעהר ווי 2—3 טאָלער אַ וואָך האָט ער ניט געמאַכט... אַז מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַן אַרבייטער איז ער? אַ שוואַכער, אַ באַנק־קוועטשער... אַט ווען אַ פאַר אוראַק־לעך וואָלט זיך דאָ מאַכען ווי אין דערהיים!

— מיסעס! וויפיעל אַזייגער איז איצטער? — פרעגט ער דאָך.

— שלאָפט נאָך! שלאָפט נאָך! עס איז נאָך פריה... —

הערט ער אַז איראַנישען ענטפער פון הינטער דער טיר, — עס מוז איצטער זיין אַ זייגער צוועלף.

וואָס וועט ער טאָקע אויפשטעהן? אַז מען ליגט, ווילט זיך ניט אַזוי עסען... ניין! וועלען ווילט זיך אַפּילו, אין האַרצען ציהט, בפרט נאָך נעכטען אַ גאַנצען טאָג ניט געגעסען, דאָך איז עפּעס גרינגער, אַז מען ליגט... דער הונגער פיהלט זיך ניט אַזוי שטאַרק... אָה, אַ נאַרישקייט! ער האָט אייער־נעכטען בעסער געדאַרפט קויפען פאַר'ן גאַנצען ניקעל ברויט, דאַן וואָלט איהם געסטייעט אויף נעכטען און אויף היינט אויך... ער האָט אָבער אין גראָסערי דערזעהן די קעז... ווייכינקע קעז, אַזוי ווי היימישע... עפּעס זויער אין מויל איז איהם געוואָרען... האָט ער ניט געקאָנט ביישטעהן דעם נסיון...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען זוכען עפּעס אויפ'ן טישעל, וואָס איז געווען פערלעגט מיט ביכער, פּאַפּירען און צוריסענע צייטונגען... אַ שטיקעל סיגאַרעט האָט געדאַרפט זיין פון נעכטען, ער האָט דאָס מיט אַ כיון געלאַזען אויף היינט... ער האָט דאָס ענדליך געפונען און פעררויכערט. אין קאָפּ האָט איהם גענומען רוישען נאָך שטאַרקער, דאָך האָט ער זיך עפּעס געפיהלט גרינגער: רויכערן, ווייסט ער פון אַלע מאָל אָן, איז אַ שטיקעל סגולה צום הונגער... ער האָט געשלונגען דעם רויך און זיך פשוט געקוויקט דערמיט.

דאָס שטיקעל סיגאַרעט האָט שוין געהאַלטען ביים ענדע, און איהם האָט פערקוועטשט דאָס האַרץ... איהם איז מאָדנע שווער געווען צו שיידען זיך מיט'ן סיגאַרעט... ווי אויף אַ חבר, וואָס האַלט ביים אויסגעהן, האָט ער געקוקט אויף איהם... ביז'ן סאַמע טרייבעל האָט ער גערויכערט, נאָר דער סיגאַרעט האָט שוין מעהר ניט געקאָנט דיענען און זיך אינגאַנצען אויסגעלאָשען... מיט כעס האָט ער אַ וואָרף געטאָן דאָס טרייבעל אויף דר'ערד און אויסגעשפּייט.

„נו, מען דאַרף פּאַרט אויפשטעהן!" — וואָס וועט ער אויסלינגען?

ער האָט זיך גענומען אַנטאָן.

וואוהין געהט מען אָבער? וואָס טוט מען היינט?

ער האָט ניט אפילו אַ פּעני אויף אַ צייטונג, היינט ווי וועט ער געהן זוכען אַרבייט? שוין עטליכע טעג, ווי ער קויפט ניט קיין פּייפּער... נאָר ווייטער? וואָס איז די פּעולה? אַז ער קאָן קיין אַרבייט ניט... געלערענט קיין אַרבייט האָט ער זיך ניט: מען דאַרף דאַרויף האָבען געלט און צייט. די רייכע קרובים זיינע, די חזירים, וועלכע ער האָט דאָ, האָבען איהם פון אַרבייט אָפּגעשלאָגען...

— צו וואָס ווילסטו זיך געהן לערנען אַן אַרבייט? — האָבען זיי צו איהם די גאַנצע צייט גע'טענה'ט, — די באָסעס נעהמען צו דאָס געלט און די צייט, די אַרבייט לערנט מען זיך ערשט ניט אויס, און דערנאָך אפילו מאַכט מען אויך ניט קיין גרויסע גליקען... סלעק און נאָך אַזעלכע צרות... פון אַן אַרבייט איז שווער זיך אַרויפצואַרבייטען! אַט מען דאַרף זיך נעהמען צו ביזנעס, פּעדלען מיט עפּעס... וואָס איז? אַט אַלע גרויסע ביזנעסלייט האָבען זיך פון פּעדלען אַרויפגעאַרבייט.

ניין! ער קען אָבער ניט געהן פּעדלען! עס עקעלט איהם דערפון... ער קאָן קיין קרעמער ניט זיין!... די קרובים פערשטעהען איהם אינגאַנצען ניט. זיי מיינען, אַז ער איז אַהער, אין אַמעריקע, געקומען זיך אַרויפצואַרבייטען!... ווי אַזוי וועלען זיי גאַר קענען פערשטעהן איהם און זיינע אידעאַלען? אַז מעהר ווי „ביזנעס," „טאַלער," „פּלעזשור" ווייסען זיי ניט... היינט נעה דערצעהל זיי אַ מעשה, אַז אין רוסלאַנד וואָלט ער זיך אויך געקאָנט אַרויפאַרבייטען, ער האָט געקאָנט דאָרט שטודירען, קריגען אַזוי אַ גוטע שטעלע, איז אָבער ניט דאָס האָט ער געזוכט, ער האָט בעסער געגעבען „גראָשענדיגע אוראָקען."

געהונגערט, ווייל ער האט געדאַרפט אַרבייטען אין דער בעווע־גונג.

דאָס האָט ער זיי אפילו דערציילט, אַז ער האָט אין דער־היים געגעבען אוראָקען אויף רוסיש. ער האָט זיי דערמיט גע־וואָלט בעווייזען, אַז ער איז אַ קענער, אַז ער איז ניט קיין קרעמער פון דער היים...

— וואָס טויג דאָ אָבער דיין רוסיש ? — האָבען זיי איהם געזאָגט. — וואָלסט דאָ אפילו געקאָנט שטודירען, דערצו אָבער דאַרף מען האָבען געלט... אַט געה אוועק פעדלען, וועסט אָפּ־סיווען אַ ביסעל געלט, און דערנאָך וועסטו זיך קענען צו עפּעס דערשלאָגען... פיעלע האָבען דאָ געטאָן אַזוי...

זיין פרומער פעטער האָט פאַר איהם נאָר אַן אַנדער פּלאַן.

הער, שמעון ! — האָט ער צו איהם איינמאָל געזאָגט. — מען האָט דאָך עפּעס גערעדט אַמאָל פון דיר, אַז דו ביסט אַ גוטער איינגעל געווען, אַן עלוי ממש... מוזטו דאָך עפּעס קענען לערנען... האָסט זיך דאָך נאָך ניט פערגעסען ? וואָלסט געקאָנט מאַכען אַ קנעלונג... אַנדערע מאַכען דערפון ניט שלעכט... איך וואָלט דאָ אַ סטאַרע געטאָן זיך פון דיינעטוועגען.

ער איז דאַמאָלס רויט געוואָרען אין פּנים... זיין פעטער'ס מיידעל האָט אויף איהם מאָדנע אַ קוק געטאָן... צי מיט רחמנות, צי מיט פעראַכטונג ?... ער בעשמעהט ניט אפילו אָהן איהר !... אַ בורזשויקע... דאָך האָט ער זיך פערשעמט... אַ מלמד וועט ער ווערען ? אפילו ווען ער וועט פון הונגער אויסגעהן, וועט ער דאָס ניט טאָן ! פערשפּריימען פינסטערניש ? דאָס איז דאָך נעגען זיינע פּרינציפּען !

זינט ער איז דאָ, האָט ער ביים פעטער קיינמאָל ניט גע־געסען... איינמאָל האָט מען איהם דאָרט געבעטען עסען, און ער גלייך צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען עסען...

— נו, און וואָשען זיך ? — האָט דער פעטער געפרעגט, — מיינסט, אַז דאָ אין אַמעריקע עקט זיך שוין די וועלט ? דאָ זיי־

גען נאך אויך, ברוך השם, פאראן אמת'ע אידען! די גרינגע מעהר נישט, ווי זיי קומען אהער, ווארפען זיי פון זיך אראפ דאס יאך...

ער האט דאמאלס געוואלט דערצעהלען דעם פעטער, אז ער האט נאך אין דערהיים אראפגעווארפען דאס „יאך"... ער האט איהם עפעס געוואלט א בריה טאן, אנטאן איהם א צער, אפלאַכען פון זיין גאט, פון זיין אידישקייט... זאל דער פעטער וויסען, וואס פאר א פויגעל זיין פלימעניק איז! זאל דער פעטער וויסען, מיט ווען ער האט דא צו טאן... דאס הארץ האט איהם אבער דאמאלס פלוצלונג פערכאפט, א ווארט האט ער ניט געקאנט אויסרעדען... דעם ביסען האט ער אפילו ניט געענדיגט — און איז גלייך אוועק. פון דאמאלס אן געהט ער שוין צו איהם ניט... צו ק י י ן קרוב געהט ער ניט...

— אויף כפרות זיי! — האט ער אויסגעשריען, ארויפציהענדיג מיט כעס דעם שוך.

וואס טוט מען אבער פארט? קיין שניי צום שארען איז ניטא! שלעפען אויפ'ן „עקספרעס" די קאסטענס האט ער קיין כח ניט פשוט! ס'איז א שלעכטע מעשה!... אויפ'ן לאזשי האט ער נאך א וואך צו זיין... די מיסעס וועט דאך בעטען געלט... איהר קומט דאך נאך פאר עטליכע מאל עסען אויך... גלאט איינער אליין צאהלען פינף טאלער א חדש פאר א רום! וואו וועט ער דאס נעהמען? קיין שותף צו זיך קריגט ער ניט... מנוחין האט זיך מיט איהם אפגעבריהט, האט ער געלאזען אינמיטען, האק און פאק און קוים מיט דער נשמה אנטלאפען... מעהר וויל קיינער צו איהם ניט קריכען!... זאל ער אפשר געהן אין א רעסטאראן פאר א ווייטער?... א לאקיי זיין? פע! און ווידער א גאנצענעם טאג דארף מען זיין פערנומען... ניט ער וועט קענען לייענען, ניט אויף א פערזאמלונג געהן...

ער איז פארטיג געווארען מיט'ן אנטאן זיך, ער איז אבער געבליבען שטעהן פערטראכט אין זיינע געדאנקען.

עס וואלט זיך פונדעסטוועגן געמאכט א וואסערע צוויי־דריי אוראקלעך, לעסאנס, ווי מען רופט דאס דא, כאטש אויף העברעאיש, נאר וואו ער זאל ניט דארפען קארטשען פון זיך א ירא שמים, ניט דארפען קיין „ברכה" זאגען!... איהם וואלט דאן א פולע צייט בלייבען צו לייענען, צו טאן אין דער בעוועגונג... אז מען הארעוועט זיך אן א גאנצען טאג, בפרט נאך ער, וואס ער האט קיינמאל ניט געארבייט, איז שווער צו ארביי־טען אין דער בעוועגונג... אי, א פאר אוראקלעך! א גוטע זאך וואלט דאס געווען! ער גערענקט נאך גאנץ גוט העברעאיש... דאס איז אויך אפילו געגען זיינע פרינציפען... דאך, מיט וואס איז העברעאיש ערגער פון אלע אלטע שפראכען? האט ער דאך אין דערהיים נעלערנט לאטיין? יא, עס מאכט ניט אויס! הלואי וואלט זיך נאר מאכען... קנעלען אבער, ווערען א מלמד, ווי זיין פעטער וויל, קאן ער ניט און וועט דאס ניט!

* * *

ער איז שוין געווען אויפ'ן גאס. ער האט זיך מאדנע גע־פיהלט אפגעשוואכט, דאך איז ער געגאנגען, ניט וויסענדיג וואוהין.

„אין לייברערי!" האט ער ענדליך בעשלאסען.

ער איז דארטען נעכטען א גאנצען טאג געזעסען... א אינ־טערעסאנט בוך געלעזען, ער וועט דאס געהן היינט ענדיגען...

און טראכטענדיג וועגען דעם, וואס ער האט נעכטען גע־לייענט, האט ער גענומען געהן שנעלער אביסעל, כאטש די פיס האבען איהם עפעס ניט געפאלגט. אין די רעסטאראנען מיט די אפענע טירען, מיט די גרויסע ליכטיגע פענסטער איז מען גע־זעסען און געגעסען... איהם האט דאס מאדנע געררייצט, עס האט איהם גענומען נאך שטארקער בורטשען אין בויך, די סלינע איז איהם געפלויגען צוריק אין מויל אריין...

„דאס בוך איז גוט אנגעשריעבען!... זעהר גוטע געדאנקען זיינען דארט ארויסגעזאגט..." האט ער זיך געסטארעט צו פער־

טיפען אין דעם ענין פון׳ם בוך, וואָס ער האָט געכטען געלייענט און וואָס איצט געהט ער דאָס ענדיגען.

ער האָט זיך גענומען דערמאָנען די געדאַנקען פון׳ם בוך, אַנאַליזירען זיי, נאָר איינציגווייז זיינען זיי ביי איהם ארויסגע־קראָכען פון קאָפּ און ער האָט אלץ געכאַפּט א קוק אין די רעס־טאָראַנען, קאָפע־הייזער, פארביי וועלכע ער איז געגאַנגען, און האָט אלץ געשלונגען די שפּייעכץ...

וואָלט ער שוין געווען אין לייברערי, וואָלט ער זיך אריינ־געטאָן אין בוך, וואָלט ער זיך דאָן פערגעסען אָן אלץ... נאָר ער האָט א היבש שטיק צו געהן, און אויפ׳ן וועג, ווי אויף צו להכעים, א טיר איבער א טיר, פון ביידע זייטען גאַס, געפינען זיך רעסטאָראַנען, קאָפע־הייזער, לאָנטש־רומס, בעקערייען, סטענדס מיט עפּעל, מיט באַרנעס, מיט וואַלוועלע געבעקס... א פּעני א שטיק! גאַנץ וואַלוועל, א היבש שטיק, און געשמאַק דערצו... מען קאָן זיך אַנעסען...

ער האָט גענומען שאַרען אין די קעשענעס... א קשיא אויף א מעשה! אמאָל קאָן טרעפען — עס זאָל זיך פערוואַלגערן ער־גיץ א פּעני... אַנומעלט האָט דאָס מיט איהם געטראָפען...

ניטאָ!...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען א סטענד און גענומען זשעדנע קוקען אויף די געבעקס...

— וועלל, מיסטער? — האָט איהם געפרעגט דער סטענד־קיפּער.

ער האָט אראָפּגעשלונגען די שפּייעכץ און גענומען געהן ווייטער...

„ער רעדט דאָרטען גאַנץ גוט וועגען דער פּערעלענדונגס־טעאָריע, וועגען דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און וועגען..." האָט ער זיך געסטאַרעט צו טראַכטען וועגען דעם בוך...

„הא? וואוהין געה איך דאָס?" האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּ־

געשטעלט. „זעה, וואוהין בין איך דאָס פערגאַנגען? איך קאָן דאָך אַזוי געהן און געהן ביז מאָרגען...“

ער האָט זיך פערקירעוועט אין אַן אַנדער גאַס... ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאַרק... די פיס האָבען איהם מאָדנע גע־חלש'ט, אין האַרצען געצוויגען... אָפּרוהען האָט זיך איהם גע־וואָלט... ער איז אַריין אין פּאַרק און האָט זיך צוגעזעצט גלייך אויף דער ערשטער באַנק...

„מען דאַרף ערגעץ היינט אַ געה טאָן אַנטלייהען אַבי־סעל געלט...“ האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

נאָר וואו וועט ער לייהען? ער איז איינגעטונקט אין חובות פון קאָפּ ביז די פיס... שרה'קען קומט ער פיער טאָלער... אַן אַר־בייטאָרין נעבעך, האָרעוועט... פון די לעצטע האָט זי איהם גע־געבען... היינט גרינשטיין'ען, דוד'ן, ברוך'ן און... דאָס זיינען דאָך אַלע אָרימע אַרבייטער! ניין! ער קאָן פאַר זיי די אויגען ניט ווייזען! זיי וואָלטען אַפילו געגעבען... נאָר ער קאָן ניט לע־בען אויף קהל'שען רעכנונג!... גלאָט נעהמען און ניט אָוועקגע־בען!...

וואָלט ער געווען כאָטש אַביסעל געזינטער, וואָלט איהם כאָטש אין האַרצען ניט וועה געטאָן, וואָלט ער ווייטער גע־גאַנגען אויפ'ן „עקספּרעס“ שלעפּען די קאַסטענס... אַ טאָלער אַ טאָג!

זאָל ער אַריבערפאָהרען צו די קרובים אָפּ־טאָן?... האָט ער ניט אויף קאַר־פּעער...

דאָס בלוט האָט איהם גענומען קאָכען... ניין! ער וועט ניט פאָהרען צו זיי, באַדאַי ער וועט פון הונגער אויסגעהן! בויגען זיך פאַר זיי? אויסהערען זייערע עצות? זייער מוסר?

דער קאָפּ האָט איהם גענומען נאָך שטאַרקער וועה טאָן... ער האָט ניט געהאַט קיין כח אַפילו איינצוזיצען אויף דער באַנק... איהם האָט זיך פערוואָלט צולעגען זיך, אויסציהען זיך אַביסעל, אויסגלייכען די ביינער...

אבער עס איז דאָך אזוי קיין פּלאַן ניט!

דער פּעטער וואוינט דאָ, דאַון־טאַון... ער וואָלט אריינגעהן צו איהם היינט אויף סאַפּער... ער וואָלט איהם א טאָלער אויך אנטליהען... דער פּעטער וועט אבער ווייטער אנהויבען צו רע־דען וועגען קנעלען...

„שעהנער מענש!" וועט דער פּעטער איהם געווים זאָגען. „וואָס ביסטו דאָס דאמאָלט אנטלאָפען אזוי ווי א משוגע'נער? וואָס זעהט מען דאָס עפּעס דיך ניט?"

און ער וועט זיך נאָך פון איידעלקייט וועגען דאַרפען אודאי פּערענטפערען פאַר דעם פּעטער... אויסטראַכטען א ליגען... ער וועט זיך דאַרפען וואַשען צום עסען, בענשען מיט א „מזומן"...

„ניין!" האָט ער שאַרף ארויסגערעדט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון באַנק... ער האָט דערפיהלט, אז אָט־אָט — און ער וועט אנידערפאַלען...

„מען דאַרף געהן אין לייבערערי ענדיגען דאָס בוך!" האָט ער בעשלאָסען — און גענומען געהן...

דער קאָפּ האָט איהם וועה געטאָן, אין האַרצען געצויגען, אין בויך געבורטשעט, און קוים וואָס ער האָט די פיס געשלעפּט.

„דער פּעטער וואוינט נאָך, דאַכט זיך, אויף..." האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען.

ער האָט זיך אפּגעשטעלט אויף א ראָג גאַס און זיך פּער־טראַכט... אויף איהם איז געווען שרעקליך צו קוקען. זיין בלייך דאַר פּנים האָט זיך געקרימט, די אויגען זיינען געווען פּערלאָ־שען, אָהן שום לעבען, און ער האָט זיך איז גאַנצען צונויפגע־קאָרטשעט, אז ער איז געוואָרען נאָך קלענער ווי ער איז גע־ווען...

ער האָט גענומען אין קאָפּ זוכען א קירצערען וועג, מיט וועלכען ער זאָל קאָנען ארויסקומען אויף דער גאַס, וואו זיין פּעטער וואוינט...

די מלחמה מיט'ן בעל.

...און ווען ער איז געקומען אין דער שטאָט, וואָס אויף דעם טייך האַדסאָן, און האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו מזרח־זייט, דאָרט וואו עס ווערען פער'חושכ'ט זיינע פערוואָגעלטע, פערוויסטע ברידער, די קינדער פון זיין פאָלק, און ער האָט דערזעהן די מעשים פון זייערע עלטסטע, פון זייערע פיהרער — איז איהם דאָס האַרץ צובראָכען געוואָרען און ער האָט אויסגעשריען:

„מיין גאָט, די קינדער ישראל'ס האָבען פערלאָזען דיין תורה, זיי האָבען צושטערט דיינע מזבחות, זיי האָבען אויסגעהרג'עט דיינע נביאים — און זיי דיענען צום בעל, צו עשתרות און צו די אַלע אַנדערע אָפּגעטער... אַ קאַמף ערקלער איך פון דיין נאָמען וועגען!"

און אַלע טאָג זעהט מען איהם אַרומגעהענדיג אין די גאַסען פון שטאָט מיט אַ רויטען גאַרטעל אויף די לענדען און זיין קול ברומט ווי אַ קול פון אַ לייב פון איין עק שטאָט ביז'ן אַנדערן:

„אַ מלחמה מיט דעם בעל און מיט זיינע כהנים!"

און מען רודפ'ט איהם, מען שפּאָט פון איהם, מען שפּייעט איהם אין פּנים, מען טייט אויף איהם מיט די פינגער:

„אליהו הנביא געהט!... דער קנאי געהט!..."

און ער, אליהו הנביא, פערלאָזען ווייב און קינדער, שאָף און רינדער, האָב און גוטס, געהענדיג מיט דעם כח פון איין מאָל אָפּעסען פערציג טעג און פערציג נעכט, האָט געקעמפט,

ער, איינער אליין, דער איינציגער אמת'ער נביא, מיט די אלע פאלשע נביאים, די פיער הונדערט און פופציג נביאי הבעל...

און קינדער, און גאסן־יונגען, און באד־יונגען, געהעצט פון די גרויסע, פון די פאלשע נביאים, לויפען איהם נאך, ווארפען אויף איהם מיט בלאטע, מיט שטיינער און שרייען:

„אליהו הנביא! אליהו התשבי! אליהו הגלעדי!"

און ער, אליהו הנביא, קוקט אויף קיין זאך ניט, שרעקט זיך פאר קיינעם ניט און העלדיש און מוטיג קעמפט ער אליין קעמפט, און א גאנצענעם טאג דונערט זיין קול:

„דער בעל וועט פערטיליגט ווערען פון דר'ערד און דער גאט פון אמת וועט זיגען!"

* * *

און ער האט געזעהן פיעל הייזער, וואס זייערע פענסטער זיינען געווען בעדעקט מיט שפינוועבס און פערשטעקט מיט שמאטעס. און אן עפוש האט זיך געטראגען פון די דאזיגע הייזער ווייט ווייט, אזש דער אטעם האט פערכאפט...

און אט די הייזער זיינען שטענדיג פיעל און פול געווען, און די פינסטערקייט איז אזוי גרויס געווען דארט, דאס קיין מענשען האט מען גארניט געזעהן, נאר עפעס א געדיכטע פינסטערע מאסע, און אויבען, איבער דער מאסע, שטעהט א פאלשער כהן מיט א גראבען בויך, מיט א געזונטען קארק, אין א לאנגער שווארצער קאפאטע, די אויגען צבוע'ציש פערגלאצט צום הימעל, א טייוועלשער שמייכעל אויף די ליפען און אין האנט א געטשקע...

און דער פאלשער כהן דרשנ'ט: „דאס איז דיין גאט, ישראל! דעם קאפ האלט אראפגעלאזען צו דר'ערד! דיין קול זאל זיין נידעריגער פון דר'ערד! דיין האלז גיב אונטער'ן יאך... דיין וואל צום שערען... דיין בלוט צום טרינקען... דיין מארך צום זויגען! דריי זאכען האט גאט, ברוך הוא, פערזאגט צו זיין

פאָלק ישראל: ומשמע, ודומה, ומשא — הערעז, שוויינעז און ליידעז... נאַר הכנעה! נאַר געדולד!"

און דאָס פאָלק פאַלט כורעים און שעפּצעט שטיל: „קדוש, קדוש! קדוש!"

און די האָר פון אליהו הנביא'ס קאָפּ ווערעז ווי טשוועקעס און ער טוט אַ געשריי:

„אַ מלחמה מיט דעם בעל און מיט זיינע כהנים!"

און די שווארצע מענשען שצירען אויף איהם זייערע וועלפישע ציינער און שרייען:

„אליהו הנביא!... שלאָגט איהם! הרג'עט איהם! ער לעסטערט גאָט!"

* * *

און ער האָט געזעהן אַ הויף, שעהן הויז און אויף זיין שפּיץ האָט געפלאַטערט אַ געל־געוואָרענע רויטע פאָהן.

און אַרום דעם הויז האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט פויגעל, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון אַט יענע פינסטערע הייזער. זיי זיינען געקומען אַהער הערען אַ גאָט'ס וואָרט, וואָס ווי אַ האַמער קלאַפּט עס שטיינער; אַן אמת וואָרט, וואָס זאָל זיי טרייסטען אין עלענד; אַ לעבעדיג וואָרט, וואָס זאָל זיי דערמונטערן און מוטיגען; אַ ברענענדיג וואָרט, וואָס זאָל זיי דערוואַרימען די פערפראָרענע הערצער...

און דאָס פאָלק האָט אָנגעשטעלט די אויערן און ברייט פונאַנדערגעעפענט די מיילער און געוואַרט מיט אומגעדולד...

און אַ האַנט איז געשיקט געוואָרען פון דעם דאָזיגען הויז און אין איהר איז געווען אַ מגלה פערשריבען פון אַלע זייטען, און פון אויבען איז געשטאַנען אַ פסוק, וועלכער האָט גערופען צו ברידערליכקייט, צו פעראייניגונג, צו בעפרייאונג...

און ווען דאָס פאָלק האָט דאָס דערזעהן, איז עס פרעהליך געוואָרען און זיינע לעפצען האָבען זיך בעוועגט צו זאָגען שירה...

און די מגלה האָט דערצעהלט אַ מעשה, ווי אַ קוה איז גע־פלויגען איבער'ן דאַך און האָט געלעגט אַן איי; ווי מען האָט פערזעעט דערנער און געשניטען ווינט און נאָך אַזוינע מעשיות, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען...

און דאָס פאָלק האָט אויפגעגעסען די מגלה מיט גרויס טעם, און זי איז איהם געווען אין מויל ווי האָניג זיס...

און כהנים אין געל־געוואָרענע רויטע העמדער האָבען זיך בעוויזען אין די פענסטער פון דעם דאָזיגען הויז, און זייערע פנים'ער האָבען געשטראַלט פאַר שמחה, און דאָס פאָלק האָט געשפרונגען און געטאַנצט...

און אליהו הנביא'ס פּנים צינדט זיך אָן ווי אַ פייער און ער שרייט אויס מיט אַ קול, וואָס צורייסט בערג און צוברעכט פעלזען:

„ווערה צו די פאַלשע כהנים, צו די פיהרער — די פערפיה־רער! איך האָב געטראַכט אין מיין הארצען: פון אָט דעם הויז וועט אַרויס די תורה צו די אַלע קינדער פון גלות; אָט די מענ־שען וועלען ווייזען דעם פאָלק דעם אמת'ן וועג צו בעפרייאונג; זיי וועלען לערנען דאָס פאָלק די וועגען פונ'ם אמת'ן גאָט; זיי וועלען פערטיליגען די פינסטערע מאַכט פון די פאַלשע כהנים אין די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס — און נון, זיי האָבען גאָר פערשוועכט מיין פּאָהן, זיי הייסען דעם פאָלק דיענען צום בעל און זיי שרייען רק: „שלום! שלום!" ווען עס איז גאָר ניטאָ קיין שלום!..."

און אליהו הנביא נעהמט זיך וואַרפען רעכטס און לינקס און זיין קול ווערט אַלץ שטאַרקער:

„אַ מלחמה מיט דעם בעל און מיט זיינע כהנים!"

און די געל־געוואָרענע רויטע מענשען קוקען אויף איהם מיט פעראכטונג און שפּאָט און זיי שרייען אין איין קול:

„אליהו הנביא!... יאָגט איהם! טרייבט איהם! הערט ניט

וואָס ער רעדט! אַ נאַר איז דער נביא... משוגע איז דער ווינט־מענש!

* * *

און ער האָט געזעהן פיעלע פון זיינע ברידער, די קינדער פון זיין פאָלק, שטעהען יום טוב'דיג אויסגעפוצט אין פרעמדע קליידער. און יעדער פון זיי האַלט אַ גאָט אין האַנט: ווער דעם גאָט פון מואב, ווער דעם גאָט פון עמון, ווער דעם גאָט פון צידון, און ווער דעם גאָט פון ארם... און זיי שטעהען אַלע און זיי שפּרינגען און טאַנצען...

און ער האָט זיי געפרעגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מחנה? וואָס פאַר אַ יום־טוב איז ביי אייך היינט?"

און זיי האָבען זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאַכט אויף אַ הויך קול און זיי האָבען געזאָגט איינער צו דעם אַנדערען: „זעה וואָס פאַר אַ עם הארץ דאָס איז! ער ווייסט גאָר ניט, אַז אַלע פעלקער האָבען געמאַכט איין בונד צוזאַמען, און עס איז שוין ניטאָ קיין מואבים, קיין עמונים, קיין צידונים, קיין ארמים, נייערט איין גרויס און מעכטיג פאָלק, וואָס הייסט „מענשהייט"! און דאָס איז דער יום־טוב, וואָס מיר פייערן!"

און אליהו הנביא האָט זיי געפרעגט: „אויב אַזוי, פרעהט מיך זעהר; נאָר צו וואָס זיינען אָט די אַלע געטשקעס אין אייערע הענט? ווארפט אַוועק אויך די געטער פון מואב, עמון, צידון און ארם, אַזוי ווי איהר האָט אַוועקגעוואָרפען דעם גאָט פון אייערע עלטערן!"

און ווידער אַ געלעכטער און קולות האָבען זיך געהערט:
„לעבען זאָל דער בעפרייעטער מואב!"

„אויף דעם טייך האַדסאָן וועלען מיר דיך ניט פערגעסען, עמון!"

„עס איז נאָך ניט צופוילט געוואָרען צידון!"
„דו ביסט אונזער פאָטערלאַנד, ארם!"

און אליהו הנביא איז פול געוואָרען מיט צאָרן און זיין קול האָט געקלונגען:

„וועה צו די בוגדים, וואָס טוען אַן אַ רויט העמד פון ווע־גען צו פעלשען! זיי האָבען זיך דערוויטערט פון זייער פאָלק, וואָס איז געדריקט פון אינוועניג און פון דרויסען... זיי רעדען אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס זייערע פער'חושב'טע ברידער פער־שטעהען גאָר ניט... זייער האַרץ טוט וועה אויף די צרות פון מואב, עמון, צידון און ארם, און די צרות פון ז י י ע ר פאָלק זעהען זיי ניט! אָה, איהר בוגדים! איהר לויפט צו העלפען די פעלקער, מיט וועלכע איהר האָט זיך כלומר'שט צומישט, און פליהענדיג זעהט איהר גאָר ניט די פונאַנדערגעוואָרפענע, צו־קוועטשטע, צומורסטע קערפּערס פון אייערע אייגענע ברידער, און איהר טרעט איבער די קערפּערס, און איהר זעהט גאָר ניט. ווי זיי צאַפּלען זיך, און איהר פליהט אלץ ווייטער ווייטער, אהין צו די גרויסע, צו די שטאַרקע מחנות!...“

און אליהו הנביא הערט ווי מען לאַכט פון איהם, און איי־נער פון די בוגדים זאָגט אַזוי: „טו זאָלען די קערפּערס, וועלכע זיינען געבליבען הינטערשטעליג, אויפשטעהען פון דער ערד און געהן נאָך אונז צו יענע גרויסע, שטאַרקע מחנות! זאָלען זיי ניט ליגען אין דער פינסטערניש, זאָלען זיי ניט זיין קיין פוילע, קיין אָפּגעלאָזענע!“

און אליהו הנביא האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן מיט פער־אַכטונג און ער האָט געזאָגט: „אָה, איהר בוגדים! ווי אַזוי זאָל דאָס פאָלק געהן נאָך אייך, ווען די פאַלשע כהנים האָבען איהם פערצאַמט דעם וועג, אַרויפגעצויגען אַ וואָלקען איבער זיינע געצעלטען? דאָס פאָלק זעהט אייך ניט און הערט אייך ניט! איהר קריכט איבער דעם פּאַרקאַן — און איהר זייט שוין צופרידען! אייך אַרט גאָר ניט, דאָס האַרץ טוט אייך גאָרניט וועה אויף אייערע ברידער, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אין דער פינסטערניש אלס אַ ציל־ברעט פאַר די קוילען פון זייערע

שונאים פון אינוועניג און פון דרויסען... איהר אנטלויפט ניט פון אייערע ברידער! געהט צו זיי, לערנט זיי, רעדט צו זיי אויף זייער שפראך, צינדט אן ליכט אין זייערע געצעלטען!"

און ווידער א געלעכטער און טויזענטער קולות האבען פער־הילכט די לופט:

„אליהו הנביא! שווארצער רוח! דו מאכסט אן א פירוד־לבבות צווישען פעלקער! דו צורייסט דעם בונד צווישען מענ־שען!"

און אליהו הנביא שטעהט מלא חמה, זיינע פויסטען אויפ־געהויבען אין דער הויך און זיין קול דונערט:

„א מלחמה מיט דעם בעל און מיט זיינע כהנים!"

* * *

און אליהו הנביא האט ארייננעשלאגען א שטעקען אויפ'ן בערגעל, וואס אנטקעגען דעם הויז מיט דער געל־געווארענער רויטער פאהן, און אויפ'ן שטעקען האט ער ארויפגעצויגען אן עכט־רויטע פאהן, רויט פון דעם בלוט פון זיינע געדריקטע ברידער, וואס עס האבען פערגאסען די עמלקים, די פלשתים און אויך זייערע אייגענע מלכים, קצינים און שרים...

און אויף דער דאזיגער בלוט־רויטער פאהן איז געווען אויפ־געשריבען מיט פייערדיגע ווערטער: „עס זאל לעבען דער נייער אויפלעבענדער ישראל!" — פון איין זייט, און „עס זאל לעבען די ברידערליכקייט צווישען אלע פעלקער!" — פון דער אנדער זייט.

און אליהו הנביא, דער איינציגער קעמפער פאר'ן אמת, איז געשטאנען ביי דער דאזיגער בלוט־רויטער פאהן מיט א רויטען גארטעל אויף די לענדען.

און פון זיינע אויגען זיינען געפלויגען פונקען, געטליכע פונקען, און זיין רעכטע האנט איז געווען אויסגעשטרעקט אין דער הויך, און זיין קול שטארק ווי אייזען האט זיך געטראגען איבער'ן גאנצען פלאץ:

„א מלחמה מיט דעם בעל און מיט זיינע כהנים!"

און פיעל מענשען זיינען פארבייגעגאנגען, און אליהו הנביא האט זיי גערופען מיט זיין מעכטיגען קול, צו שטעלען זיך אונטער גאט'ס פאהן, די עכט־רויטע פאהן, און צוזאמען מיט איהם קעמפען געגען די אלע פערפיהרער...

נאר דאס פאלק האט הארט געמאכט זיין הארץ, פערשטאפט זיינע אויערן, אפגעקעהרט זיינע אויגען... און נאר א קליינע צאהל האט אריינגענומען אין הארצען די אמת'ע רייד פון גאט'ס נביא...

און די כהנים אין די לאנגע שווארצע קאפאטעס, און די כהנים אין די געל־געווארענע רויטע העמדער, און די בוגדים, וועלכע האבען צוריסען דעם בונד מיט זייער פאלק, האבען אלע צוזאמען ווי איין בונד געמאכט, און געלאכט פון אליהו הנביא'ן און זיי האבען צוגעזאגט דעם פאלק זיסע זאכען...

„עס פאסען יסורים פאר דיר, ישראל! אבער ווי גרויס דיין שכר איז אויף יענער וועלט! לויתן... שור הבר... יין המשומר" טרייסטען דאס פאלק די שווארצע כהנים.

„פאלט ביי זיך ניט אראפ, איהר ארימע! לקט, שכחה, פאה וועט איהר האבען לרוב, אויב איהר וועט הערען אין אונזער קול"... זאגען צום פאלק די געל־געווארענע רויטע כהנים.

„אמת, איהר וועט יעצט גע'רודפ'ט, גערריקט, געשלאגען... אבער דאס איז ניט אויף אייביג... זעה, ישראל, עס ווערט ליכטיג אין די געצעלטען עמלק'ס... נאר וואשט זיך ארום, ווערט ריין — און עמלק וועט אייך דערמאנען ווי ברידער"... האבען זיך ענדליך געווענדט צום פאלק אויך די בוגדים.

און אליהו הנביא שרייעט אלץ און שרייעט:

„הערט ניט, מיינע ברידער, צו דעם קול פון די נביאי השקר!... זיי ווארטען אלע אויף אייער טויט... אבער איך רוף אייך צום לעבען!"

און דער קאמף פלאקערט זיך פאנאנדער... און דאס פאלק,

וואָס בלאָנדזשעט אין פינסטערניש, געהעצט פון דעם „דריי־בונד“, האָט אויסגעשטעקט די צונג צו אליהו'ן, געשצירעט די ציינער, געהויבען פויסטען, געוואָרפען בלאָטע, שטיינער, געטור־מעלט, געשריען...

און אליהו הנביא מיט א פּנים נאָס פון שפּייעכץ, אין צו־ריסענע בגדים, שטעהט מיט זיין קליינער מחנה... אין האַלז איז איהם שוין טרוקען געוואָרען, נאָר ער שרייעט אַלץ און שרייעט:

„קליין איז מיין מחנה, אויף די פינגער קען מען זי איבער־צעהלען — און איהר זייט פיעל, גאָר אָהן א צאָהל... נאָר היט זיך פאַר גאָט'ס טאָג! ער וועט קומען, ער איז ניט ווייט... און גאָט וועט קומען ניט אין שטילקייט, נאָר אין פייער, אין רעש, אין שטורם, וואָס וועט צוברעקלען בערג און צוברעכען פעלזען— און דער בעל און די אַלע אנדערע עבודה־זרה'ס, צו וועלכע מיין פאָלק האָט געדיענט דורך דער שולד פון זיינע פיהרער די פער־פיהרער, זועלען פערטיליגט ווערען פון דער ערד! און א גייסט פון פערשטאַנד און וויסען וועט אריינדרינגען אין פאָלק! און דאָס פאָלק וועט אויפשטעהן און וועט אראָפּוואַרפען דעם יאָך, וואָס עס האָבען ארויפגעלעגט אויף זיין האַלז די שוואַרצע כהנים, די געל־געוואָרענע רויטע כהנים... די אַלע בוגדים וועלען פערטיליגט ווערען און עס וועלען פערשעמט ווערען די פּנים'ער פון די אידיש־שפּרעכענדע עמלקים, און פון די עמלק'יש־שפּרע־כענדע אידען!“

און א האַגעל פון שטיינער האָט זיך א וואַרף געטאָן אויף זיין קאָפּ און אויף די קעפּ פון דער קליינער מחנה, וואָס מיט איהם.

און דער קאַמף האָט געפלאַקערט...

.1905

אַ מאַמע.

מיט אַ קינד אין איין האַנט און מיט אַ קעסטעלע שאָקאָ־לאַד — אין דער צווייטער, שטעהט זי אויף אַ ראַג פון גאַס און באַט אַן איהר סחורה די דורכגעהער:

— מיסטער־לעבען! גיט עפּעס צו לייזען!

מיט איהר רחמנות־פּנים זוכט זי רחמים צו דערוועקען אין די הערצער פון די דורכגעהער; מיט איהר גאַנצען אויסזעהן וויל זי אַלעמען געבען צו פערשטעהען, ווי גרויס איהר עלענד איז, ווי שרעקליך איהר נויט איז, היינט מיט וואָס פאַר אַ דאַנקבאַרקייט זי קוקט אויף דעם, וועלכער גיט איהר אַ פּעני צו לייזען!

אזוי ווי אומבעמערקט בלייבט זי אין דער גרויסער גאַס: קליין, זעהר קליין, איז דער פּלאַץ, וועלכען זי פערנעהמט דאָ; פערטויבט ווערט איהר קול אין דעם גרויסען, שרעקליכען הו־האַ...

דאָס בלייבע, פערשמירטע קינד — דאָס שילד פון איהר אָרעמקייט, דאָס לעבעדיגע עדות פון איהר דחקות — עסט זיך איין מיט זיינע אויגלעך אין די שאָקאָלאַד, וואָס אין קעסטעלע; דאָס הענטעלע זיינס גיט זיך עטוואָס אַ רוק, באַלד אָבער דער־פיהלט דאָס דער מאַמע'ס קעהר: עס גיט אַ וואַרף די אויגלעך אויף איהר, ציהט מיט מורא דאָס הענטעלע צוריק, דאָס מייל־כעלע גיט זיך ביי איהם עטוואָס אַן עפען און באַלד מאַכט זיך דאָס צו, אַראָפּשלינגענדיג די סלינע.

שוועך זיפצט אָפּ דאָס קינד.

— וואָס עכצעסטו שוין? — פרעגט עס די מאמע פער־ביטערט.

אַ אינגעל געהט פאַרביי, שטעלט זיך אָפּ צו קויפען אַ שטיקעל שאָקאָלאַד.

— נעהם, נעהם, באַיטשיקעל! גוטע שאָקאָלאַד! — רעדט איהם איין דאָס ווייבעל.

דאָס קינד קוקט צו, ווי דאָס אינגעל נעהמט די שאָקאָלאַד. עס גיט זיך לייכט אַ ריס פון דער מאַמע'ס אָרימס. די מאַמע גיט עס אָבער מיט כעס צוריק אַ שטויס אויף זיין אָרט.

— ווּעסט איינזיצען, צי ניט, ממזר איינער? לאָזט ניט אַ מינוט צורוה! ווי נאָר אַ מענש געהט צו, אַזוי רוהט דאָס שוין ניט! רייסט זיך... אָה, רייסען זאָל דיך, רבונו של עולם! גו, אַ קינד!...

דאָס קינד שטעלט אָן די ליפּעלעך, ווי צום וויינען. דאָס הערצעל פערקוועטשט איהם אָבער באַלד, און אַ פּאָר טרערען, ווי צוויי פּערל, בלייבען איהם שטעהען פערגליווערט אין די אויגלעך.

עס געהט צו נאָך אַ אינגעל קויפען שאָקאָלאַד. דאָס קינד קען שוין ניט גובר זיין זיין יצר־הרע'לע און דאָס גיט זיך ווייטער אַ ריס פון דער מוטער'ס אָרימס.

— מאַ! גי מי אויך קענדי!

— ווּעסט זיין שטיל, צי ניט? — שרייט אויף איהם די מוטער אָן, — דו זעהסט אָן דעם גראָבען פּאָליצמאַן מיט'ן גראָ־בען שטעקען אין האנט? באַלד רוף איך איהם צו... איי, וועט ער דיר געבען! מען טאָר קיין קענדי ניט בעטען!... דו הערסט?...

— נעהם, באַיטשיקעל, נעהם! גוטע שאָקאָלאַד... — רעדט זי איין דאָס אינגעל, וואָס איז צו איהר צוגעגאַנגען קויפען שאָ־קאָלאַד. — עס געזונדערהייט! — האָט זי אָנגעבענשט אויפ'ן וועג.

— און דו, „ממזר“ איינער, — האָט זי זיך ווייטער אַ קעהר געטאָן צום קינד, — שטיל זאָלסטו מיר זיין! קיין פּאַרע זאָל איך פון דיר ניט הערען! געהערט?... דיין גליק, זאָג איך דיר, וואָס איך קען מיר ניט אַ קעהר טאָן, וואָס ביי מיר זיינען ביידע הענט פערנומען, אַניט וואָלט איך דיר שוין געגעבען, אַז דו וואָלסט שוין ווייטער וויסען, ווי צו קאָמאַנדעווען! געזעהן?...

דאָס קינד האָט זיך פונאַנדערגעוויינט אויפ'ן קול...

— אויף דר'ערד אַראָפּ! געה, איך האָב דיך קיין כח ניט צו האַלטען!...

זי האָט דאָס וויינענדיגע קינד אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד; דאָס קינד האָט זיך נאָך מעהר פונאַנדערגעשריען.

— הער אויף צו וויינען! — האָט זי אויף דאָס קינד געשריען, צי געבעטען זיך ביי איהם — זעהסט, מענשען געהען: מען וועט דיך באַלד צוריבען אויף מאָהן, מיט די פּיס וועט מען דיך צוטרעטען... קום צו מיר שוין! וועסט ניט וויינען? האַ?

דאָס קינד איז שוין ווייטער ביי איהר אויפ'ן האַנט געזעסען.

— וואָרט אַקאָרשט, — האָט זי איהר האַרץ געקיהלט — אין דערהיים וועל איך דיר אָקאָרשט מכבד זיין, וועסטו שוין וויסען ווייטער, ווי צו דרעהען מיר אַ מח! געהערט? הפנים, דו מיינסט, אַז מעהר קיין צייט האָב איך ניט, ווי נאָר מיט דיר צו טענדלען זיך... געזעהן?... אַזאַ קאַבאַן דעם גאַנצען טאָג אויף די הענט צו האַלטען! מען דאַרף דאָך האָבען כח... די האַנט האָט מיר שוין פער'חלש'ט! העו? לאָזט ניט לייזען!

דאָס קינד האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען.

— נאַ דיר שוין! נאַ דיר קענדי! נאַ! נאַ! ווערג דיך!... פערשטאָפּט שוין די האַרלע... הערסט? זאָלסט מעהר ניט בעטען! געדענק זשע! וואָס וועל איך פערקויפען, אַז דו וועסט רק פרעסען?...

דאָס קינד האָט געשווינד אַ כאַפּ געטאָן די שאָקאָלאַד פון

דער מוטער׳ס האנד און האט דאס גלייך ארייגעווארפען אין מיילכעל. זיין דאר פנים׳ל האט אנגעהויבען צו שיינען און מיט ליבשאפט האט דאס שוין געקוקט אויף דער מאמען.

— אה, ס׳ארא „הלעיטני“! — האט זי פערדראסיג ארויס־גערעדט.

— מא! איך מיי ניט וויינען... איך זיין גוד־באי...

— אודאי דארף מען ניט וויינען! אודאי דארף מען זיין א גוד־באי! קיין קענדי טאר מען ניט בעטען! קענדי דארף מען פערקויפען די באיעס...

— מא! איך אויך א באי? א גוד־באי?

— אודאי א באי! קיין קענדי טאר מען אבער ניט בע־טען... הערסט?

דאס קינד האט א זיפץ געטאן.

— וועסט ניט בעטען קיין קענדי, וועסט זיין א גוד־באי...

— מא! איך׳ע זיין גוד־באי... קענדי...

דאס צינגעל האט זיך ביי איהם פערטשעפעט און עס איז אנשווייגען געווארען. צוערשט האט זיך עס אזוי פערטראכט, זיין קליין פנים׳על האט זיך אזוי געקארטשעט, גלייך ווי דאס וואלט וועלען וויסען, פערשטעהן וואס דא טוט זיך. באלד האט עס א קוק געטאן אויף דער מאמען און, אראפלאזענדיג די אוי־גען, האט דאס ארויסגעלאזען א טיפען, לאנגען זיפץ...

עס האבען זיך אויפ׳ן הימעל אנגערוקט געדיכטע, שווארצע וואלקענס — און באלד איז אוועק א גוס־רעגען.

דאס ווייבעל מיט׳ן קינד אויף איין האנט און מיט׳ן קעסטעל שאקאלאד — אין דער צווייטער, האט פערלאזען איהר פלאץ און געגומען לויפען זוכען אן ארט, וואו צו בעהאלטען זיך פון רעגען.

— מא! א יעגען... נאס... — האט דאס קינד געקלאגט זיך.

— באַלד, מיין קינד, וועלען מיר דאָ ערגעץ אַריין.

דער רעגען האָט געהאַלטען אַלץ אין איין גיסען און אָהן רחמנות האָט ער געפּאַטשט אין פּנים דעם ווייבעל און דעם קינד. דאָס ווייבעל האָט זיפצענדיג אַ קוק געטאָן אויפ'ן קעס־טעלע מיט די שאָקאָלאַד, וואָס עס איז גוט פערנעצט געוואָרען פון רעגען, און האָט עס געשווינד פעררוקט אונטער'ן בלוזקע.

אויסגעווייקט אויף דורך און דורך פון רעגען, האָט זי מיט'ן קינד אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ קאָרידאָר. זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דאָס קינד האָט גענומען ווישען דאָס פּנים'ל מיט דער לינקער זייט הענטעל.

— מאַ! מי איז נאַס... אַ י ע־ע־ג ע ז... — האָט דאָס קינד אַלץ געקלאָגט זיך.

זי האָט אַרויסגענומען דאָס קעסטעלע פון אונטער'ן קאָפּ־טעל. די שאָקאָלאַד האָט זיך גוט איינגענעצט.

— מאַ! מי איז נאַס... קאַיט...

די מאַמע האָט אַלץ געקוקט אויף די שאָקאָלאַד...

— אָה! איינגענעצט!... גע'פּטר'ט די גאַנצע סחורה!... אה, ס'אַראַ רעגען! — האָט זי געזיפצט.

— מאַ! מי איז נאַס... — האָט דאָס קינד איהר געריסען פאַר'ן קאַפּטעל.

— שטיל! גע'הרג'עט זאָלסטו ניט ווערען! וואָס מיר אויפ'ן האַרצען, וועל איך באַלד אויסלאָזען צו דיר! געזעהן?... די גאַנצע סחורה גע'פּטר'ט... כאַטש נעהם און וואַרף דאָס אַרויס... וואָס דרעהסטו מיר נאָך אַ מח? אַוועק פון מיינע אויגען!...

זי האָט די אויגען ניט אַראָפּגענומען פון די שאָקאָלאַד און טרויעריג האָט זי אַלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

„איינגענעצט!...“

אַ מיאוסקייט.

זיין פריינד און מיטאַרבייטער האָט איהם פערטרויט אַ סוד וועגען דער באַרדערקע, אַ יונגע גרושה, וועלכע וואוינט מיט זיי אין דעם זעלבען הויז. זיין פריינד האָט איהם אַ גאַנצע געשיכטע דערצעהלט, אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם און מיט דער באַרדערקע. אַלע איינצעלהייטען האָט ער איהם איבערגעגעבען, און דערביי האָט ער טיעריש־ווילד הנאה געהאַט.

עס האָט איהם אין דער אמת'ן געעקעלט פון זיין פריינד'ס ערצעהלונג, וועלכע איז געווען העכסט ציניש, און ער האָט איהם יעדע ווייליע געוואָלט אָפּשטעלען. צו יעדען מאָל זיינען ביי איהם שוין גרייט געווען די ווערטער: „הער אויף! עס עקעלט!" ער האָט זיי אָבער ניט געזאָגט. עס האָט איהם געעקעלט, און דאָך האָט זיך איהם געוואָלט הערען, פּונקט ווי עס ווילט זיך איהם אַמאָל הערען אַ גראָבען וויץ, אָדער אַזוי ווי עס ווילט זיך איהם געהן אין מיוזיק־האָל און דוקא צוליב די לינקע לידלעך, כאָטש ער פערדאַמט זיי ניט נאָר אין דער געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַר זיך זעלבסט.

ער קעמפּט אימער מיט דער דאָזיגער שוואַכקייט זיינער— די שוואַכקייט פאַר גראָבע וויצען און מיוזיק־האָלס. אָבער ער קען זי ניט בעזיגען. ער וואָלט וועלען זיין ריין אין זיינע מחשבות, אַזוי ווי ער איז ריין אין זיינע מעשים, אָבער עס געלינגט איהם ניט. מיט זיין נשמה קומט איהם נאָך אויס מעהרער

צו קעמפפען ווי מיט זיין גוף. אויפ'ן גוף ווירקט ער נאך מיט לאָ־גיק, מיט'ן שכל. ער בעווייזט דעם חומר, צו וואס פאר אן אומ־גליקען די געקויפטע ליבע קען ברענגען. פאר דער נשמה אָבער האָט ער ניט קיין ארגומענטען, און די נשמה זינדיגט: קוקט אויף אַלעם און האָט הנאה; הערט אַלעם, און קלייבט תענוג. ער קען זי ניט אָפּהאַלטען. און אויך דאָס מאָל, ווען זיין פריינד האָט איהם דעם סוד פערטרויעט וועגען דער באָרדערקע און דערצעהלט איהם וועגען זיינע פערהעלטעניסען מיט איהר, האָט זיין נשמה געהערט און הנאה געהאַט.

— אזוי? — האָט ער זיך אָפּגערופען נאָכדעם, ווי זיין פריינד איז פארטיג געוואָרען מיט דער געשיכטע, — אזא סחורה איז זי? איך האָב גאָרניט געוואוסט...

— דאָך ניט קיין גאַסען־פרוי — האָט זיין פריינד געזאָגט, אזוי ווי ער וואָלט וועלען די באָרדערקע פערטיידיגען. — אן עהרליכע פרוי...

— אָבער אזא מיאוסקייט! — האָט ער אויסגעשריען.

— א מיאוסקייט? וועמען אַרט עס? — האָט זיין פריינד געזאָגט, און דאַן נאָך עפּעס צינישעס צוגעלעגט, און צום סוף נאָך „פילאָזאָפיש" בעמערקט: — ניטאָ קיין מיאוס'ע פרויען. אַ פרוי איז אַ פרוי...

— יאָ... — האָט זיך ביי איהם פון צונג ארונטערגעריסען, אזוי ווי ער וואָלט מסכים געוועזן מיט זיין פריינד'ס מיינונג, אָבער גלייך האָט ער זיך פערכאַפּט, און האָט ווידער אויסגעשריען:

— אָבער אזא מיאוסקייט! ברר...

— יאָ, — האָט זיין פריינד סאַרקאַסטיש בעמערקט, — איך האָב זיך גאָר פערגעסען, אז דו ביסט אן עסטעטיקער...

— אודאי אן עסטעטיקער! — האָט ער ווי מיט פערדרוס ארויסגערעדט, — וואס זשע, מיט אזא מיאוסקייט?

— און זי איז דוקא פערליבט אין דיר איבער די אויערן, —

האָט זיין פריינד איהם געזאָגט, — און זי פרעגט מיך רק, וואָס איז דער מער מיט דיר, וואָס דו ווייכסט פון איהר, וואָס דו ווילסט גאָר אין איהר זייט ניט קוקען. זי האָט אמת האַרצוועה־טאָג דערפון.

— אָבער אזא מיאוסקייט! אזא העסליכע האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן! עס עקעלט פשוט...

מעהר האָבען זיי שוין ניט גערעדט וועגען דער באָרדערקע, און זיי זיינען באַלד געגאַנגען שלאָפען. זיין פריינד איז גלייך איינגעשלאָפען ווי א שטיין. ער אָבער האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער, און בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפען. זיין פריינד׳ס געשיכטע האָט איהם רוהען ניט גע־לאָזט, און פערשידענע בילדער, זינדיגע בילדער, האָט ער אין זיינע געדאַנקען אַרויסגערופען. איינס נאָכ׳ן צווייטען האָט ער די דאָזיגע בילדער גערופען, ביז זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט האָט זיך אויסגעשעפט, און דאַן האָט ער געוואָלט זיין חבר אויפוועק־קען און בעטען איהם, ער זאָל איהם נאָך אַמאָל איבערדערצעה־לען די גאַנצע געשיכטע מיט ראָזע׳ן — ער האָט זיך שוין ער־לויבט אין די געדאַנקען אַנצורופען די באָרדערקע ביים נאָמען. אין דעם אויגענבליק אָבער האָט ער דערהערט א שאַרך אין דער צווייטער בעד־רום, וועלכע איז געוועזן ראָזע׳ס צימער. ער האָט פלוצלונג אָנגעשטעלט די אויערן, וועלענדיג בעשטימען אויף ריכטיג, וואָס איז דאָס פאַר א שאַרך געוועזן.

„דאָס מוז זי אויסטאָן דאָס קליידעל,“ האָט ער געטראַכט.

„זי איז גאָרניט אַזוי מיאוס,“ האָט ער צו זיך אין די גע־דאַנקען גערעדט, „עס זיינען פאַראַן מיאוס׳ערע פון איהר...“

און ער האָט אין זיין זכרון גענומען זוכען די אַלע מיאוס׳ע מיידלעך, וואָס ער האָט אין זיין לעבען געקענט. זיינע געדאַנ־קען זיינען באַלד איבערגעהאַקט געוואָרען: ער האָט דערהערט א קלאַפ אין איהר צימער, ווי עפעס איז אַראָפּגעפאַלען.

„זי טוט מסתמא אויס די שיך...“ האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער האָט שוין מעהר ניט געקענט איינליעגען. ער איז אויפ־געשטאַנען, ענטשלאָסען עפּעס צו טאָן. שטיל, ניט וועלענדיג אויפוועקען זיין פריינד, האָט ער זיך אָנגעטאָן, און איז אַרויס פון צימער.

ער איז צוגעגאַנגען גלייך צו איהר צימער. עס איז נאָך געווען ליכטיג. די טיר איז געווען פערמאַכט. ער האָט שטיל, אָבער ענטשלאָסען אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער איהר דערשראָקענע שטי־מע דערהערט.

— איך... מאַקס...

— מאַקס? — האָט ער ווידער דערהערט איהר שטימע, און עס איז קענטיג געווען, אַז זי איז העכסט איבערראַשט, — ענטשולדיגט, איין ווײַלע...

און באַלד האָט ער דערהערט, ווי עפּעס שאַרט זיך אין צי־מער. דאָס האָט איהם אַביסעל אויפגערעגט, און עטוואָס איז כעם אַריינגעבראַכט.

— ווערט איהר מיך דאָ לאַנג לאָזען שטעהן? — האָט ער אומגעדולדיג געפרעגט.

— נאָך איין ווײַלע... ענטשולדיגט...

זי האָט געעפענט די טיר און איהם אַריינגעלאָזען. זי איז געווען אין איין אונטערקלייד מיט זאָקען אויף די פיס און אַ שאַל אַריבערגעוואָרפען אויף די פּלייצעס.

— ענטשולדיגט מיין קאָסטיום! — האָט זי געזאָגט.

אַ צופרידענער שמייכעל איז געווען אויסגעגאָסען אויף איהרע גראָבע פליישיגע ליפּען, און איהרע קליינע אויגעלעך, וועלכע האָבען גאַרניט האַרמאָנירט מיט איהר ברייטען פּנים און גראָבער נאָז, האָבען געגלאַנצט פאַר פרייד. עס האָט איהם אַן עקעל אָנגעכאַפּט, און ער האָט זיינע אויגען אַרונטערגעלאָ־זען. ער האָט דערזעהן איהר ווייס אונטערקלייד, און דער עקעל איז פערשוואונדען געוואָרען.

— איך האָב געזעהן ביי אייך איז ליכטיג, און מיר עפּעס ווילט זיך נאָך ניט שלאָפען... — האָט ער זיך ווי פערענטפערט.

— עס איז אַלל ראיט! — האָט זי געזאָגט — איהר זייט מיר שטענדיג ווילקאָמען.

ער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דעם אויבערשטען טייל פון איהר קערפּער, אָבער ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל איהר פּנים ניט דערזעהען, און ער האָט אַלץ געקוקט אויף איהר אונ־טערקלייד.

— איהר ווילט אודאי שלאָפען... — האָט ער זיך אין אַ ווײַלע ארום אָפּגערופען.

— שלאָפען? — האָט זי איבערגעפרעגט, — איך וועל זיך נאָך אויסשלאָפען... זיצט, וואָס שטעהט איהר?

און זי האָט זיך אָפּגערוקט, אזוי ווי צו מאַכען פּאַר איהם פּלאַץ אויפ'ן בעט, וואָס איז שוין געוועזן אויסגעבעט ווי צום שלאָפען.

ער האָט זיך געוואָלט זעצען לעבען איהר. האָט אָבער ניט געוואָגט, און זיך אוועקגעזעצט ביים צווייטען ברעג.

זיי זיינען געזעסען ביידע שטיל, ניט וויסענדיג וועגען וואָס צו רעדען. ביידע האָבען געהאַלטען ארונטערגעלאָזען די אויגען. זי האָט געקוקט אַזוי אויף דר'ערד פאַר זיך, און ער האָט גע־קוקט אויף איהר אונטערקלייד און אויף איהרע זאָקען. זיין פּנים האָט געפלאַמט. זי איז אָבער געווען רוהיג.

עס האָט עפּעס אַ שאַרך געטאָן, און ער האָט אינסטינקטיוו די אויגען אויפגעהויבען: דאָס האָט זי צורעכט געמאַכט דעם שאַל, וועלכער האָט זיך ביי איהר אַרונטערגערוקט פון די אָרימס.

— איך שטער אייך אודאי פון שלאָף? — האָט ער זי געפרעגט, — איהר דאַרפט אודאי מאָרגען אויפשטעהען פריה צו דער אַרבייט...

— נישקשה... — האָט זי געענטפערט.

און ווידער שטיל.

— ביי אייך איז אזוי היים אין צימער! — האט ער זיך אפּגערופן, און אַ קעהר געטאָן זיינע אויגען צום פענסטער.

— איהר האלט פערמאכט דאס פענסטער?

— ווען איהר ווילט, קען איך עפענען אביסעל — האט זי געזאגט, און זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן בעט אויף די קניע עפע־נען דאס פענסטער. דער שאל האט זיך ביי איהר האלב אראפּ־גערוקט, און ער האט דערזעהן איהר נאקעטע פּלייצע.

„זי האט זעהר אַ שעהנע פיגור," האט ער אין די געדאנ־קען צו זיך געזאגט.

באלד אבער האט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן פּנים, און ער האט די אויגען שנעל צוגעכאפּט. און ווידער האט ער גענומען קוקען אויף איהר שניי־ווייסען אונטערקלייד, און זיין פּנים, וועלכער האט זיך געהאט פערקרימט, האט זיך צוריק אויסגעגלייכט. זי האט צורעכט געמאכט איהר שאל און צוריק זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט, אבער שוין נעהענטער צו איהם.

— פארוואס האט איהר ניט חתונה? — האט זי איבער־געריסען די שטילקייט.

— איך ווייס? עס מאכט זיך עפּעס ניט...

— איהר זייט אַן אויסקלייבער, — האט זי איהם פארגע־ווארפען. — איהר זוכט מסתמא נאר שעהנע.

— איך זוך דוקא ניט קיין שעהנע, — האט ער זיך ווי פערענטפערט.

— איהר בלאפט! — האט זי קאפּריזנע אַ מאך געטאָן צו איהם מיט'ן פינגער.

ער איז רויט געווארען אין פּנים.

— איך בלאף ניט, — האט ער געזאגט, — איך זוך גאר־ניט אין אַ פרוי שעהנקייט, נאר...

ער האט זיך פערהאקט.

— וואס זשע דען? — האט זי איהם געפרעגט.

— גאַרנישט... — האָט ער קוים געקענט אַרויסרעדען.

— איי, זייט איהר אַ בלאָפער! — האָט זי ביטער אַרויס־גערעדט, — אַט ווייכט איהר פון מיר...

ער איז ווידער רויט געוואָרען אין פּנים. די אויגען האָט ער אַלץ געהאַלטען אַרונטערגעלאָזען און געקוקט אויף איהר אונטערקלייד. ער איז אַ ווײַלע געזעסען שטיל, פערזונקען אין זיינע מחשבות. פּלוצלונג האָט ער זיך האַסטיג אַ רוק געטאָן צו איהר, און אַרומנעהמענדיג זי פער'שיכור'ט, האָט ער איהר גע־נומען ווילד, ליידענשאַפטליך קושען אין די גראָבע פליישיגע ליפּען, אין די קליינע אויגלעך...

— וואָס איז דאָס מיט אייך געוואָרען, מאַקס? — האָט זי האַלב מיט פאַרוואורף, האַלב מיט צופרידענהייט אויסגע־שריען, — איהר וועט דאָך מיך באַלד דערשטיקען!

— איהר זייט אַזוי שעהן! — האָבען זיינע ליפּען ליי־דענשאַפטליך געשעפּטשעט, און ער האָט זי אַלץ פון זיינע אָרימס ניט אַרויסגעלאָזען.

— איי, זייט איהר אַ בלאָפער! — האָט זי שטיל געזאָגט. אָבער ער האָט גאַרנישט געהערט. ער האָט זיך געטרונקען אין אַ ים פון ווילדער תאוה, און זיינע ליפּען האָבען אַלץ געשעפּ־טשעט:

— איהר זייט אַ „ביוטי"! אַ ווענוס...

מערץ, 1913.

תשובה.

מיר זיינען געזעסן, א קאמפאניע, ניט קיין אלטע לייט, אבער אויך ניט קיין יונגע, אלע פריידענקער, און האבן זיך געקאכט און געהיצט וועגן אונזערען א בעקאנטען, וועלכער איז געווארען א חוזר בתשובה און איז ראש־השנה געגאנגען אין שוהל. מיר האבען עס איהם גארניט געקענט פערגעבען: ס'טייטש, געוועז אזא געבראטענער אפיקורס, און מיט אמאל נא דיר, תשובה געטאן! ניט אנדערש, ווי ער טוט עס צוליב ביזנעס! — אזוי איז ביי אונז געבליבען.

איינער אבער איז געווען צווישען אונז, וועלכער האט זיך צוריקגעהאלטען פון צו פערדאמען פה־אחד מיט אונז אונזער בעקאנטען דעם בעל תשובה. אין טומעל האבען מיר עס גארניט בעמערקט, נאר ווען ער האט דערהערט, ווי מיר זאגען, אז יענער איז געווארען א בעל־תשובה צוליב ביזנעס, האט ער זיך אנגערופען:

— מיינע פריינד, איהר טארט עס ניט זאגען! עס איז א דבר־שבלב, און איהר קענט ניט וויסען, וואס ביי יענעם אין הארצען טוט זיך!

איבערראשט זיינען מיר געווארען, ווען מיר האבען דערזעהן, אז עס געפינט זיך צווישען אונז איינער, א מליץ יושר אויף דעם בעקאנטען אונזערען דעם בעל־תשובה. מיר זיינען שוין גרייט געווען אויך איהם אוועקצוגעבען א גאב און שטעמפ־

לען איהם אלס פערדעטער צום פרייען געדאנק. אבער ער האט א מאך געטאן מיט דער האנט, און די אויגען זיינע האבען גע־קוקט אזוי ערנסט און אויפריכטיג, דאס מיר זיינען גלייך שטום געווארען, און מיר האבען געמוזט הערען, וואס ער וועט אונז זאגען.

און ער האט געזאגט:

—ווארט אפ, מיינע פריינד! פערדאמט ניט א מענ־שען, איידער איהר ווייסט, וואס ביי איהם אין הארצען טוט זיך. איך האב אויך איין מאל אין מיין לעבען תשובה געטאן, „חטאתי" זיך אין הארצען געקלאפט, און דאס איז געווען א תשובה פון אמת'ען הארצען, ווייל איך האב עס געטאן פאר זיך אליין, ניט פון קיינעם'ס וועגען. קיינער האט עס ניט געזעהן, אויסער די טויטע נאטור. איך האב עס קיינעם ניט דערצעהלט, און וועל עס אויך ניט דערצעהלען, ווייל איך האב עס געטאן, אום צו בערוהיגען מיין אייגענעם געוויסען, וועלכער האט ניט אויפ־געהערט מיך צו פלאגען...

מיר זיינען זעהר טשיקאווע געווארען צו וויסען די גע־שיכטע, און מיר האבען איהם גענומען בעטען, ער זאל אונז דער־צעהלען. ער האט זיך אבער פערטראכט, און אלץ געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף „ניין". מיר האבען פערשטאנען, אז מיר פאר־דערען פון איהם א שטיק הארץ זיינס, אבער אונזער נייגעריג־קייט האט אונז ניט געלאזען רוהען. עס האט זיך אונז זעהר געוואלט וויסען, און מיר זיינען צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל אונז דערצעהלען וועגען זיין תשובה טאן, און מיר האבען אויס־געפיהרט: ער האט אונז דערצעהלט.

— איך בין 15 יאהר אלט געווען — האט ער אנגעהוי־בען — ווען איך האב גענומען טרעטען אויפ'ן וועג פון אפיקורסות און עסען חלב מיט טשוועקעס. א לעהרער האב איך געהאט, וועלכער האט מיך מדריך געווען אויף דעם דאזיגען וועג, געגעבען מיר צום לייענען ביכלעך, וואס האבען געבראכען

מיין אומשולדיגען קינדערשען גלויבען, אגיטירט מיר אויך מינדליך און האט מיט מיר אויך פראקטיצירט די עבירות. ער האט הנאה געהאט פון יעדע עבירה, וואס איך האב געטאן אונ־טער זיין השגחה, אזא געבראטענער אפיקורס איז דאס געווען!

אלע עבירות, וואס איז נאר מעגליך געווען, האב איך שוין אפגעטאן דאמאלס, און מיין לעהרער האט נחת געקליבען פון מיר. נאר איין עבירה איז געווען, וואס איך האב נאך ניט גע־טאן: רויכערן אום שבת. און איך האב עס ניט געטאן, ווייל איך האב בכלל ניט גערויכערט.

איינמאל רופט זיך צו מיר אן מיין לעהרער: „בעריל, דו מוזט נאך איין עבירה טאן, רויכערן א פאפיראס אום שבת, וועסטו שוין זיין אן אפיקורס גמור, און דו קריגסט פון מיר אויף דעם אן אטעסטאט.“ זאג איך איהם, אז איך רויכער ניט. זאגט ער מיר: „דארף מען יא רויכערען, און טאקע שבת דעם ערש־טען פאפיראס פעררויכערען... און איך וועל דיר ווייזען, ו ו א ו צו רויכערן!“ — „בפרהסיא אין גאס?“ פרעג איך. „ניין“, זאגט ער, „בפרהסיא איז נאך גארנישט; איך האב א בעסערען פלאץ.“ — „אין שוהל?“ פרעג איך ווידער. „ניין,“ זאגט ער ווידער, „אין שוהל איז נאך אויך גאר נישט. וואס ארט דיר, איך וועל שוין דיך אוועקפיהרען אין א גוטען פלאץ: דו וועסט זעהען פארטיגערהייד.“

איך בין געווארען זעהר טשיקאווע צו וויסען, וואס פאר א פלאץ דאס איז, און איך האב קוים דערלעבט שבת נאך ווארמעס, די צייט, וואס מיר האבען אפגערעדט צו געהן רויכערען. מיר זיינען אוועק אונטער'ן שטאט, און איך האב נאך אלץ ניט געוואוסט, וואוהין ער פיהרט מיך. ערשט מיר זיינען געקומען אויפ'ן אלטען בית עולם. „אט דא?“ האב איך געפרעגט. „ווארט נאך!“ האט ער וואזשנע געזאגט. און ער האט מיך געפיהרט צווישען די קברים מיט די האלב איינגעזונקענע מצבות. איך זאג:

געפיהרט, ווייל ער האָט מיך ווירקליך געהאַלטען ביי דער האַנט. איך האָב געפיהלט, ווי די פיס ברעכען מיר זיך אונטער, און איך וואָלט אַליין בשום אופן ניט געקענט געהן. האָב איך זיך געשראָקען? איך ווייס אַליין ניט. ער, מיין לעהרער, איז געווען זיכער, אַז איך שרעק זיך, און ער האָט געזוכט מיך אויפצו־מונטערן, שרייענדיג אַלץ: „פע, מיאוס! שרעקסט זיך גאָר?"

מיר זיינען געקומען צום קבר פון אַ בעוואוסטען גאון, און מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט. אויפ'ן קבר איז געווען אַן אוהל און אַ נר־תמיד האָט געברענט. „אָט דאָ וועלען מיר פער־רויכערען, און טאַקע אָן דעם נר־תמיד," האָט מיין לעהרער גע־זאָגט, און תוך כדי דיבור האָט ער ארויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פערוויכערט אָן דעם נר־תמיד און האָט זיך געשמאַק פערצווי־גען. מיר האָט ווי מיט טויזענט האַמערן געקלאַפּט אין האַרץ, און ווי איך פערשטעה, בין איך געווען אויך שרעקליך בלייך אין געזיכט. „נו, פאַרוואָס פערויכערסטו ניט?" האָט ער מיך געפרעגט, „האָסט מורא, אַז דער... (דאָ האָט ער דעם גאון אָנ־גערופען מיט אַ מיאוס'ען נאָמען, און דערביי משונה הנאה'דיג געקוואַלען) זאָל ניט קומען אין חלום דיך שטיקען?" מיר איז שוין ניט אָנגעשטאַנען צו זיין אַזאַ פּחדן, איך האָב זיך געמאַכט האַרץ, און פערוויכערט מיין פּאַפּיראָס אָן דעם נר־תמיד. הענט און פיס האָבען מיר געציטערט. פערוויכערענדיג דעם פּאַפּי־ראָס, האָב איך זיך גלייך אומגעקעהרט. „ע, ביסטו דאָך טאַקע אַ יאָלד", האָט מיין לעהרער מיך פּירגעהאַלטען, „האָסטו, הייסט עס, טאַקע מורא פאַר'ן מת, אַז דו ווילסט איהם ניט בלאָזען דעם רויך אין אוהל אריין... אָט זעה, ווי איך טו!" און ער האָט אריינגעבלאָזען אַ זייל רויך אין אוהל אריין און דערביי מאָדנע הנאה געהאַט. „דאָס בין איך מקטיר קטורת פאַר איהם..." האָט ער גע'לצ'ט, „אויב דו האָסט פאַר איהם דרך־ארץ, טו אויך אַזוי, און ער וועט פאַר דיר אַ גוטער בעטער זיין..." איך האָב געמוזט טאָן אַזוי ווי ער האָט מיר געהייסען,

ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז ער זאָל פון מיר לאַכן, אָבער ווי איך האָב געפיהלט בעת מעשה — פרעגט גאָרניט.

איך האָב נאָכדעם זיך קוים פערשלעפּט אַהיים, און זיך גלייך אַריינגעוואָרפען אין בעט. עס האָט מיר געטרייסעלט, ווי אין אַ קדחת. טראַכטען האָב איך גאָרנישט געטראַכט, ווייל איך האָב ניט געקענט טראַכטען. געזעהן פאַר די אויגען האָב איך אויך גאָרנישט. איך בין געווען די פערקערפּערונג פון אַן אומבע־וואוסטען שרעק. נאָר ביינאַכט, ווען איך בין איינגעשלאָפען, האָב איך געזעהן איין חלום שרעקליכער פון דעם אַנדערען. יענער גאַון איז מיר צו חלום געקומען. ער האָט זיך מיר פאַר־געשטעלט מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט טיפע לעכער אַנשטאַט אויגען, און ער האָט צו מיר שטיל און צאַרט גע־זאָגט: „טו תשובה!“ מילא, ס׳איז דאָך נאַרישקייטען, נאָר גלויבט מיר, אַז איך האָב פון יענעם טאָג אַן קיין בערוהטע מינוט ניט געהאַט. אויף אַ פּאַפּיראָס האָב איך שוין ניט גע־קענט קוקען, און ער היום רויכער איך ניט. פרימער בין איך ניט געוואָרען: אדרבא, איך האָב זיך אין מיין אפּיקורסות נאָך מעהר בעפעסטיגט, אָבער יענעם חטא האָב איך ניט געקענט פערגעסען, און איהר מעגט אייך לאַכען, איך האָב עס זיך ניט געקענט פערגעבען. איבעראַל האָט עס מיך פערפאָלגט, און ניט איין מאָל האָט זיך מיר געוואָלט געהן צו יענעם גאַון אויפ׳ן קבר און בעטען ביי איהם מחילה. איך האָב עס אָבער ביי זיך ניט געקאָנט פועל׳ן.

אַזוי איז אוועק צעהן יאָהר. איך בין שוין מגולגל געוואָרען אין אַן אַנדער שטאָט, ווייט פון מיין געבורטס־שטאָט, אָבער די מעשה מיט׳ן פּאַפּיראָס האָט ניט אויפגעהערט מיך צו פער־פאָלגען. איך האָב זיך שוין געקליבען פאָהרען קיין אמעריקע, אָבער עפּעס האָט מיך ניט געלאָזען — אָט טאַקע די עבירה מיט׳ן פּאַפּיראָס. ניין, איך קען ניט אַוועקפאָהרען, האָב איך זיך געטראַכט, וואו איך וועל זיך ניט איבערבעטען מיט׳ן גאַון. איך

מוז אראפּוואַרפן דעם שטיין פון האַרצן. און ענדליך בין איך אוועקגעפאָהרען צוריק אין מיין געבורטס־שטאָט, וואו איך האָב שוין אבסאָלוט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און בין גלייך פון וואָקזאַל אוועק צו יענעם גאון אויפ׳ן קבר, און האָב ביי איהם מחילה געבעטען...

איך קען אייך דאָ ניט דערצעהלען דאָס וואָס איז דאָרט געווען. ווייל עס איז געווען אַן אויסברוך פון האַרצען, אַן אויס־גוס פון דער נשמה. איך אַליין קען דאָס אייך ניט דערצעהלען, און קיין אַנדערער איז דערביי ניט געווען. עס וועט זיין גענוג צו זאָגען אייך, אַז איך האָב באמת תשובה געטאָן אויף דער דאָזיגער יונגענד־זינד. איך האָב תשובה געטאָן, און האָב זיך גלייך אויפ׳ן אָרט בערוהיגט, און בין מיט אַ גרינג האַרץ אוועק־געפאָהרען קיין אמעריקע... איהר מעגט אייך לאַכען, אָבער איך האָב געפיהלט, אַז איך מוז עס טאָן. דאָס איז געווען די איינציגע עבירה, אויף וועלכער איך האָב חרטה געהאַט, און געמוזט תשובה טאָן. איהר מעגט אייך לאַכען...

מיר האָבען אָבער ניט געלאַכט: עס איז עפּעס געווען אַ צו ערנסטער מאָמענט. פאַר וואָס און מיט וואָס? דאָס האָבען מיר אַליין ניט געוואוסט.

אויף וועמען געהט דער איד?

(פון דעם טאגעבוך פון א רוסיש־אידישען סאלדאט.)

אויגוסט 8, 1914.

ענדליך!

אונזער רעגימענט געהט שוין אפ... היינט בעשטימט. און איך כאפ זיך צום טאגעבוך. פיליכט שרייב איך צום לעצטען מאל?

און דאס טאגעבוך איז מיר אזוי ליב געווארען, און איך פיהל מיך איצט, ווי איך וואלט זיך דארפען שיידען מיט א ליבע לעבעדיגע פערזאן... עס איז מיין הארץ, מיין נשמה...

עס ווילט זיך מיר היינט א סך שרייבען, אבער די געדאנקען מישען זיך מיר אין קאפ, שפרינגען אום ווי דערשראקענע, און איך קען זיי ניט צונויפבינדען...

וואס קלאפסטו אזוי שטארק, מיין הארץ? איז עס אומגעדולד אדער שרעק?

דער סיגנאליסט בלאזט אין הארן. חזר'ט איין די קריגס־סיגנאלען. עפעס ווי פאר זיין אייגענעם פערגעניגען. פאר מיר זיינען דאס ווי טויט־סיגנאלען, און זיי הויבען מיך אן צו שרעקען. צום ערשטען מאל דערפיהל איך אויף אן אמת דעם גאנצען שרעק... די אימה נעהמט מיך ארום און האלט מיך ווי אין צוואנגען... מיין בלייפעדער שפרינגט ארום...

זאָל ער אויפהערען צו בלאָזען!
איך זאָג דאָס איהם טאַקע:
— סעראַפּימאָוו, געננג דיר שוין צו טרובען!
— אהא, האָסט זיך דערשראָקען, זשיד?
און ווי אויף צו להכעיס בלאָזט ער ווייטער, און נאָך שטאַרקער ווי פריהער.
און איך ענטפער איהם:
— וועסט אויך פּגר'ן...
און ער צוריק:
— אָבער אָפריהער וועל איך דיך בעגראָבען.
עס ווערט מיר מיאוס צו פיהרען מיט איהם דאָס געשפּרעך, און איך נעהם זיך ווידער צום שרייבען...
זאָל ער בלאָזען! איך האָב דאָך אויף דעם געוואָרט! דער איד מוז קעמפען, און זאָלען זיי זעהן! זיי — און די גאַנצע וועלט!
אונזער רעגימענט געהט, און שרייבענדיג קלאַפּען מיינע פּיס צו: איינס צוויי... איינס צוויי... מיט'ן לינקען... מיט'ן רעכטען...
ווער וועט דאָס קוקען אויף די פּיס? ווער וועט דאָס געהן אין פוס? הארמאָניע אין טויטען־מאַרש!
דער וואַטיאַק מיטקא קען קיינמאָל ניט געהן אין פוס, כאָטש הרג'ע איהם, און די נאַטשאַלסטווע פלעגט רק אויף איהם שרייען:
— העי, מיטקא! פּלאָנטער ניט מיט די פּיס!
וועט מען איצט אויך קוקען אויף זיינע פּיס? וועט ער גלאַט ווערען ליעגען אין זינען, ווען טויזענטער ווי ער וועלען פאַלען ווי פליגען אונטער דעם שונא'ס פייער?
טויזענטער? מיין פאַנטאַזיע קען דערווייל ווייטער ניט געהן... איך זעה נאָך ניט פאַר זיך דעם מלאך־המות פון שלאַכט־פעלד אין זיין פולער מאַכט...

אבער מיטקא וועט קענען פריי געהן מיט זיינע פיס! ער געהט דאך צום טויט... אבער צו וואס האט מען איהם געלערנט די גאנצע צייט: מיט'ן לינקען! מיט'ן רעכטען! איינס, צוויי! — צו וואס אזוי פיעל פערשוועגדטע ענערגיע און יאהרען? צו וואס אזוי פיעל אומזיסט געגעבענע קלעפ און סטיסאקעס?

דער סיגנאליסט סעראפימאוו הערט ניט אויף צו טרובען, קומט צו אלץ נעהענטער צו מיר, ווי ער וויל זיך מיט מיר רייצען, און טרובעט אלץ שטארקער און שטארקער.

ער רופט מיך? איך געה!

דער איד געהט! איך האב קיין מורא ניט! עס איז פאר מיר א הייליגער קאמף, א קאמף פאר'ן גאנצען יודענטום...

וועסט מיך ניט אפשרעקען, סעראפימאוו! איך געה ווי צום טאנץ!

דער איד געהט!

אבער אויף וועמען געהט ער?

א מאדנע פראגע! וואס הייסט אויף וועמען געהט דער איד? אויף עסטרייך און דייטשלאנד, די שונאים פון רוסלאנד!

און עס נעהמט מיך ווידער ארום אן אימה, גאר א נייע אימה... אונזער רעגימענט געהט, אבער מיר ווייסען קיינער ניט, וואוהין. מיר ווייסען קיינער ניט, אויף וועמען אונזער רעגימענט געהט — אויף דייטשלאנד צי אויף עסטרייך?

איך בין פאטריאטיש געשטימט. מיין פאטער און מיין מוטער און אלע רדיפות און בעליידיגונגען, וואס אידען שטעהען אוים, זיינען פערשוואונדען געווארען. איך האב זיך שוין אויך פערגעסען אז מיין מאניע'ן, וועלכע מען האט ניט געוואלט צונעהמען אלס בארמהערציגע שוועסטער, ווייל זי איז א זשידאווקא... איך דערמאן זיך, וויל א זיפץ טאן, אבער איך דערשטיק דעם זיפץ אין זיך... מאך זיך הארץ...

מיר געהען... און וואס איז מיר דער אונטערשייד, מיט וועמ-

מעו אונזער רעגימענט וועט זיך דארפען שלאגען? זאל זיין מיט דייטשלאנד! זאל זיין מיט עסטרייך...

אבער דא דערמאן איך זיך עפעס, און איך שריי אויס:

— הלואי אויף דייטשלאנד!

די סאלדאטען קוקען מיך אן.

— וואס פלוידערט דארט דער זשיד?

אזוי הער איך זיי רעדענדיג. אבער זיי קימערען מיך ניט. איך בין פערטיפט אין מיינע געדאנקען...

הלואי אויף דייטשלאנד! נאר ניט אויף עסטרייך...

איך האב זיך דערמאנט אן די גאליציאנער אידען... עס שוי־דערט מיך! די מלחמה איז ביי מיר א קאמף פאר דעם אידישען נאמען, פאר די אידישע עהרע — וועל איך געהן שיסען אין מיינע ברידער פון גאליציען? וועל איך געהן מקריב זיין דאס גאליצישע יודענטום פאר׳ן וואוילזיין פון דעם רוסישען יודענ־טום?

די רוסישע אידען זיינען די מעהרהייט פון דעם אידישען פאלק... די גאליציאנער זיינען א סך, א סך ווייניגער... מיט מאטעמאטישע אויסרעכענונגען וויל איך רעכטפערטיגען ברוי־דער־מארד... עס איז עקעלהאפט! ווי שעם איך זיך דאס גאר ניט אזוי צו דענקען? ווי אזוי האב איך דאס אין מיין פאטריא־טישער בעגייסטערונג זיך פערגעסען אן די גאליציאנער אידען? זיינען זיי דען מיינע שונאים?

דאס גאליציאנער יודענטום שטעהט אויף פאר מיינע אוי־גען, טייט אויף מיר מיט די פינגער און שרייט:

„קין! ברודער־מערדער!"

איך קען עס ניט אויסהאלטען...

אבער פארוואס בין איך עפעס דער קין? איז דען דער גאליציאנער איד ניט אזא ברודער־מערדער ווי איך? וועט ער דען ניט שיסען אין מיר, אזוי ווי איך אין איהם?

די אידישע טראגעדיע, די גלות־טראגעדיע — אן איהר

האָב איך זיך גאָר פערגעסען! די דאָזיגע פּראָבלעמע, די שווי־
דעריכע פּראָבלעמע איז פון מיינע אויגען פערשוואונדען. אַז
פאַר די אידען איז די מלחמה אַ ברודער־מאָרד — דאָס האָב איך
זיך פערגעסען!

אַ, ווי שוידערליך!

עס שוידערט מיך ביים געדאַנק, טאָמער ווערט אונזער רע־
גימענט געשיקט אויף עסטרייך!

און אַז אויף דייטשלאַנד, איז וואָס? זיינען דען אין
דייטשלאַנד קיין אידען ניטאָ? וואו איך זאָל מיין קויל ניט שי־
קען, וועט זי אַלץ טרעפען אַ אידען...

איך קען אויף זיך ניט קוקען... ווי אַזוי האָב איך דאָס גאָר
פריהער אַרויסגערעדט די ווערטער „הלואי אויף דייטשלאַנ־"?
קיין!

איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט:

איך בין אַמאָל געווען אין בערלין, האָט מיך אַ דייטשער
איד אָנגערופען „פּוילישער שנאָרער". אייגענטליך ניט מיך, נאָר
דעם גאַנצען כלל רוסישע אידען: „פּוילישע שנאָרער!" דאָס דיי־
טשע יודענטום איז פערפוילט, קוקט אויף אונז, רוסישע אידען,
פון אויבען אַראָפּ, פעראַכטעט אונז... העכסטענס, האָט עס
רחמנות אויף אונז: אָרימע גלויבענס־גענאָסען פון מזרח...

און דער סיגנאַליסט סעראַפּימאָוו טרובעט אַלץ. ער רופט
מיך צו געהן מאָרדען מיינע אייגענע ברידער...

ער ווינקט גנב'יש מיט די אויגען אין מיין זייט... ער מאַכט
חוזק פון מיין טראַגעדיע, פון דער אידישער טראַגעדיע... איך
פיהל עס...

קאָנאָפּליאַניקאָוו'ען, זאַטאָוו'ן, מיטקאַ'ן — אַלעמען, זיי
אַלעמען איז גוט... זיי קענען געהן מאָרדען מיט אַ ריינעם גע־
וויסען...

איך קוק אויפ'ן פּאָליאַק בלאַזשעעוויטש. ער איז אויך
אומעטיג... דריקט איהם אויך דערזעלבער געדאַנק וואָס מיך?

ער דארף דאך אויך גען מאַרדען ברידער, פּאַליאַקען פון עסט־רייך און דייטשלאַנד... טראַכט ער וועגן דעם?

עס שווינדעלט מיר פאַר די אויגען. שווידערליכע בילדער שפּרינגען פאַר מיר... פיגורען זעה איך... בעקאַנטע פיגורען. דאַכט זיך... אידען אין קאַפּטאַנעס מיט ווייסע זאָקען מיט ביק־סען אויף די פּלייצעס... גאַליציאַנער אידען... זיי צילעווען זיך אויף מיר מיט זייערע ביקסען, און איך לאָז זיך אויף זיי מיט מיין באַיאָנעט מיט אַ הוראַ...

און איך זעה אויך דעם בערלינער אידען... אַ זאַטער, אַ צופרידענער... רופט מיך: „פּוילישער שנאָרער"... און שטעלט אויף מיר אָן אַ גרויסען האַרמאַט... אָבער זיין גראָבער בויך וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר, און שטייגט אַריבער דעם האַר־מאַט... עס קומט מיר אוים קאָמיש... פון דעם האַרמאַט שפּאַרט אַ רויך... נאָר דאָס איז ניט קיין האַרמאַט: דאָס איז זיין גראָ־בער ציגאַר, וואָס ער האָט געהאַלטען אין מויל, בעת ער האָט גע־זאָגט: „פּוילישער שנאָרער"...

ניין! ניין! ער איז אַ איד... אַזאַ איד ווי איך... נאָר ער קעמפט פאַר זיין פאָטערלאַנד, און איך פאַר מיינס... האָב איך אָבער אַ פאָטערלאַנד? איך וועל עס האָבען! מיט מיין בלוט וועל איך עס קריגען!

ער איז אַ איד... און איך זעה אַ סך אידען... אויף וועמען גיי איך דאָס?

איך קען מעהר ניט שרייבען...

אויפ'ן באל.

דער באל איז געווען אין פולען גאנג. פארלעך האבען זיך געדרעהט ווי אין א ווירבעל, פער'שכור'ט פון לעבען, פרייד און גליק. און נאר ער איינער איז געשטאנען אן א זייט, איינער אליין, פיהלענדיג זיך ווי אן אבל צווישען בעלי־שמחה.

וואס האט איהם געבראכט אהער? ער ווייסט אליין ניט. עפעס א געהיימע קראפט האט איהם פערשלעפט אהער... אבער פארוואס האט זי איהם איבערגעלאזט, יענע געהיימע קראפט, איינעם אליין מיט זיין צער, מיט זיין פיין אין אזא ים פון פרייד און גליק? צו וואס האט זי איהם געבראכט מיט זיין אומעט אהער? איז דען ניט לייכטער אריבערצוטראגען דעם אומעט אין איינזאמקייט, איידער אין אזא גערויש, אין אזא קאכיגען שטראם?

האט דאס עמיצער געוואלט רייצען זיך מיט איהם, צי ווייזען איהם, אז עס איז נאך דא גליק אויף דער וועלט, אבער ניט פאר איהם?

וואס שטעהט ער נאך דא? וואס האט ער דא צו ערווארטען? ווער קוקט זיך אויף איהם אום? יעדערער איז פערנומען מיט זיין אייגען ביסעל גליק. וואס דער שיקזאל האט איהם גנעדיגסט צוגעווארפען... אך, ער האט אויך אמאל געהאט א ביסעל גליק, אבער דער שיקזאל האט איהם ניט געלאזט לאנג שפילען זיך מיט דעם!

יא, וואָס שטעהט ער דאָ? ער וועט אַנטלויפען און פער־שוואונדען ווערען אין דער אייביגקייט פון דער נאַכט, און וועל־כער זיין גליק איז פערשוואונדען געוואָרען... ער וועט אַנטלוי־פען!

אָבער זיינע פיס ריהרען זיך ניט פון אָרט. די אויגען זוכען די טיר, און די פיס געהען ניט. ווי עפּעס וואָלט איהם דאָ צוגע־שמידט. „וואַרט נאָך אַ ביסעל... געה ניט אַוועק!" הערט ער אַ געהיימע שטימע. אויף וואָס וועט ער וואַרטען? דורכאויס פאַר־לעך, און נאָר ער — איין־איינציגער איבערגעבליבענער...

אַ פרוועז־שטימע האָט איהם אויפגעוועקט פון זיינע גע־דאַנקען:

— איהר טאַנצט גאַרניט?

— ניטאָ מיט וועמען... — האָט ער געענטפערט, ניט אויפ־הויבענדיג אפילו די אויגען אַ קוק צו טאָן אויף איהר.

— לעקיש! — האָט זי איהם אַריינגעשריען גלייך אין פנים אַריין און זיך פרעך צולאַכט, פערשווינדענדיג צווישען די פּאָרלעך.

ער האָט ווידער גענומען טראַכטען, און ווידער האָט איהם אַ פרוועז־שטימע אויפגעוועקט פון זיינע געדאַנקען — די זעל־בע, וואָס פריהער, צי אַן אַנדערע?...

— פאַרוואָס טאַנצט איהר ניט? — האָט זי איהם גע־פרעגט.

— ניטאָ מיט וועמען... — האָט ער ווידער געענטפערט, און אויך דאָס מאָל ניט אויפהויבענדיג אפילו די אויגען אַ קוק צו טאָן אויף דער פרעגערין.

— נעהמט מיך! — האָט זי איהם אַריינגעשריען גלייך אין פנים אַריין, און אַ זילבערנער געלעכטער האָט זיך ווי צו־שאָטען איבער׳ן גאַנצען זאַל.

ער האָט אינסטינקטיוו געמאַכט אַ בעוועגונג מיט די הענט,

ווי עפּעס אַרומצונעהמען. אָבער קיינער איז שוין ניט געווען אַרום איהם.

אַ טיפער זיפץ האָט זיך איהם אַרויסגעריסען פון האַרצען און איז דערטרונקען געוואָרען ווי אַ טראָפּען אין דעם ים פון פרייד און גליק. אָה, ווער מאַכט דאָס חוזק פון איהם?

ער האָט ווידער דערהערט אַ פרויען־שטימע, אָבער דאָס מאָל, דאַכט זיך, שוין אַ זאַנפטערע, מיט אַ שאָטען פון מיטלייד און אפשר פון אומעט.

— וואָס שטעהט איהר עפּעס אַזוי? — האָט זי איהם אַ פרעג געטאָן, און איהם האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז ער הערט דאָס זיין אייגענע שטימע.

— ווייל איך טאַנץ ניט, — האָט ער געענטפערט.

— איהר טאַנצט ניט? — האָט זי איבערגעפרעגט, — טו וואָס זשע טוט איהר דאָ?

— איך ווייס ניט, — האָט ער געענטפערט, — פערבלאָנדזשעט... איך האָב געזאָלט אויפ'ן בית־עולם געהן...

— אויפ'ן בית־עולם? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט שרעק. — וואָס עפּעס אויפ'ן בית־עולם?

— מיין ליבע... מיין גליק... איז דאָרט בעגראָבען... — האָט ער קוים געענטפערט.

זי האָט אַרויסגעלאָזען אַ טיפען זיפץ, אָבער עס איז ניט געווען קיין זיפץ פון מיטגעפיהל, נאָר אַ זיפץ אויף אַן אייגענעם אומגליק. איהר זיפץ האָט איהם ערמונטערט: ער האָט געמיינט, אַז ער איז איין אומגליקליכער אויף דער וועלט, און דאָ זעהט ער פאַר זיך נאָך אַ מענשען, אַן אומגליקליכען. ער האָט אָבער געוואָלט זיכער זיין און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— אויך אַן אומגליקליכע?

— יאָ!

— און איהר טאַנצט אויך ניט?

— ניין!

— אויך פערבלאָנדזשעט אהער?

— יאָ!

— געהענדיג אויפ'ן בית־עולם?

— ניין! איך בין אומגליקליכער פון אייך... איהר ווייסט כאָטש, וואו אייער ליבע, וואו אייער גליק איז בעגראָבען, און איך ווייס ניט... איך האָב ניט וואוהין צו געהן... איך קען אויפ'ן בית־עולם ניט געהן, ווייל איך האָב דאָרטען קיינעם ניט...

ער האָט געוואָלט אויף איהר אַ קוק טאָן, אָבער ער האָט ווי פאַר עפּעס מורא געהאַט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, און אויך ניט געקענט.

— ווייסט איהר גאָר וואָס? — האָט זי פּלוצלונג איבער־געריסען די דריקענדע פּויזע. — מיר זיינען דאָךביידע אומ־גליקליכע, ביידע עלענדע, ביידע איינזאַמע, טו לאָמיר ביידע געהן טאַנצען...

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט און זיך גענומען מיט איהם דרעהען.

— לאָמיר זיך פערדרעהען די קעפּ און אָן אונזער אומגליק פערגעסען... — האָט זי געשעפּטשעט איהם אין אויער. — לאָ־מיר טאַנצען... צוויי מתים געהען טאַנצען... נעהמט מיך אָרום... שטאַרקער... שטאַרקער... אָט אַזוי! אָט אַזוי! נאָך שטאַר־קער... איך הער די שטימע פון לעבען... דאָס לעבען רופט מיך... וואָס'ט איהר זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט? וואָס לאָזט איהר מיך איין? איך בין שכור... דער קאָפּ האָט זיך מיר פער־דרעהט... לאָזט מיך ניט איין, וואָרים איך וועל אומפאַלען...

— איך מוז געהן... האָט ער שטיל געזאָגט. — מען רופט מיך אוועק...

— ווער רופט אייך? — האָט זי דערשראָקען געפרעגט, טוליענדיג זיך צו איהם, — ניט דאָס לעבען רופט אייך?

— ניין! דער טויט... אַ שטימע פון יענער וועלט האָב איך ערשט דערהערט... אויפ'ן בית־עולם רופט מען מיך... מיך רופט

מיין אלטע ליבע, וואס איז דארט בעגראבען געווארען... איך האב צוגעזאגט, אז ווען זי וועט מיך רופען, וועל איך גלייך געהן... שוין לאנג, ווי איך ווארט אויף דעם רוף...

זי האט איהם פרובירט איינהאלטען, אבער ער האט איי־דעל זיך געריסען פון איהרע ארימס.

— איך מוז געהן... — האט ער זיך ביי איהר געבעטען.— האלט מיך ניט אפּ! זי רופט מיך... א דאנק אייך, אומבעקאנטע, ליבע פריילין, וואס איהר האט אין מיר אויפגעוועקט מיין אלטע ליבע... זי רופט מיך איצט... איך מוז געהן!

ער האט זיך ענדליך בעפרייט פון איהרע ארימס, און איז דורך א הינטער־טיר פון דעם רוישענדען זאל פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערקייט פון דער נאכט, אזוי ווי עס איז אמאל זיין אלט גליק, זיין אלטע ליבע פערשוואונדען...

און די אומבעקאנטע אומגליקליכע איז געבליבען שטעהן אין זאל מיט אויסגעשפּרייטע ארימס צו דער פוסטער אונענד־ליכקייט, און זי האט מקנא געווען דעם גליק פון דעם אומבע־קאנטען אומגליקליכען, וואס ער האט כאטש וועמען אויפ'ן בית־עולם, וואס רופט איהם — זי האט ניט, ווער עס זאל זי רופען... אך, ווי אומגליקליך זי איז, ווי עלענד זי איז! פון א י ה ר עלענדקייט וועט אפילו דער טויט זי ניט קענען בע־פרייען, פונקט ווי ער האט איצט בעפרייט דעם אומגליקלי־כען אומבעקאנטען.

און אזוי איז זי געבליבען אויפ'ן באל אליין מיט איהר עלענד, און ארום איהר האבען פארלעך זיך געדרעהט ווי אין א וויכער, פער'שכור'ט פון לעבען, פרייד און גליק...

די קעניגין פון ליבלאַנד.

אין אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט האָב איך פון מיין געלע־גער דערהערט אַ קלאַפּען פון צאַרטע פינגער אין דער טיר פון מיין איינזאַמען צימער. דאָס קלאַפּען האָט מיר געקלונגען אין די אויערן, ווי אַ זיסע פּרעלודיע, אַן אָנזאָג, אַז עפּעס שעהנס און ערהאַבענס דאַרף באַלד קומען, און עס האָט זיך מיר אויס־געדוכט, אַז יענע געהיימניספוּלע צאַרטע פינגער קלאַפּען דאָס ניט אין טיר, נאָר אויף די סטרונעס פון מיין האַרצען, וואָרים אויך מיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּען, גלייך ווי עפּעס געהיימ־ניספוּלעס וואָלט זיינע טיפקייטען אָנגעריהרט.

— ווער איז דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— איך, די קעניגין פון ליבלאַנד! — האָט אַ זאַנפטע זיסע שטימע געענטפערט.

— די קעניגין פון ליבלאַנד?!

איך האָב איהר געעפענט די טיר, און פאַר'ן שיין פון איה־רע פייערדיגע אויגען האָב איך איהר שעהנקייט דערזעהן. נאַכט־שוואַרצע זייד־ווייכע האָר האָבען אַראָפּגענידערט אויף איהר שעהנעם נאַקען און געגלעט און געצערטעלט איהר האַניג־זיסען, סאַמעט־גלאַטען לייב. איך האָב מעהר ניט געקענט זעהן, ווייל זי האָט צניעות'דיג אַרונטערגעלאָזען איהרע פייער־אויגען, און ס'איז געוואָרען צוריק פינסטער אַרום מיר.

— די קעניגין פון ליבלאַנד האָט איהר שעהנעם פּאַלאַץ

— פערלאזען און איז אין מיין איינזאמען צימער געקומען? — האב איך אויסגעדריקט מיין פערוואונדערונג. — זאג, וואס האט דיך אהער געבראכט?

— מיין איינזאמקייט, — האט זי שטיל געענטפערט.

— דיין איינזאמקייט?

— יא, מיין איינזאמקייט. מיין פאלאץ איז נים ווייניגער איינזאם, ווי דיין ארים צימער: דארט ווי דא פעהלט ליבע און גליק. איך בין דארום נאך דיר געקומען, אריבערצוברענגען דיך אין מיין קעניגרייך פאר א ווילע, און דיך פאר מיין קעניג קרוינען.

— אבער אזוי שפעט ביינאכט?

— יא, וויל קיין אנדער צייט קען איך ניט. זיי האלטען מיך געפאנגען אין מיין פאלאץ. זיי ווילען ניט ארויפלאזען קיין שום מאן אויף מיין שוועל, וויל, זאגען זיי, א מאן וועט פער־שוועכען די הייליגקייט פונ'ם פאלאץ, און ס'איז ניטא, זאגען זיי, אזא מאן, וואס זאל אזוי ריין זיין, אז ער זאל ניט פער־אומרייניגען מיין פאלאץ. איך געה אבער אוים נאך ליבע און גליק. מיר געהט מיין קעניגרייך ניט איין אין מיין איינזאמקייט. האב איך זיך ארויסגע'גנב'עט אין דער פינסטערקייט פון דער נאכט צו זוכען א ריינעם מענשען, וואס זאל ראוי זיין צו בע־טרעטען מיין קעניגליכען פאלאץ, און מיינע געפיהלען האבען מיך צו דיין צימער געבראכט... האבען מיך מיינע געפיהלען אפגענארט? ניין, ענטפער ניט! מען דארף ניט! איך וויל בע־סער גלויבען! קום, מיין אויסדערוועהלטער, אין מיין פאלאץ אריין! אין דער שטילקייט פון דער נאכט וועל איך דיך פאר קעניג פון ליבלאנד קרוינען. קום שנעלער, איידער די נאכט וועט פערשווינדען און איידער זיי וועלען פון שלאף זיך אויפכאפען צו שטערען מיין גליק. קום, יעדע מינוט איז טייער...

און זי האט מיך אנגענומען ביי דער האנט.

— אבער ס'איז דאך אזוי פינסטער! — האב איך גע־וואגט. — ווי וועלען מיר דעם וועג טרעפען?

— איך וועל דיר די ליבע אנצינדען אין דיין הארצען, און ווי א פייערדיגער זייל וועט זי אונז דעם וועג לייכטען. — האט זי געענטפערט מיט א שמייכעל, וועלכער האט ווי א זון א שיין געטאן אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

א פלאם־פייער האט א בליץ געטאן פון איהרע שווארצע אויגען, וועלכע האבען ווי צוויי קויהלען געברענט, און די ליבע אין מיין הארצען האט זיך אנגעכאפט, און ווי א פייער־זייל האט זי אונז פאראויס דעם וועג געוויזען צו ליבלאנד.

די קעניגין האט מיך אנגעטרונקען מיט די קושען פון איה־רע האניג־טריפענדע ליפען, און מיר האבען זיך געלאזט פרעה־ליך, לוסטיג אין וועג אריין, געהענדיג צום טאקט פון דער זי־סער מוזיק, וואס האט אין אונזביידען געשפילט.

בייזע ווינטען האבען זיך פלוצלונג אויפגעהויבען, סטרא־שענדיג צו פערלעשען די ליבע, און איינמאל האט זיך זיי טאקע איינגעגעבען צו פערלעשען, און ס'איז פאר א ווייליע פינסטער געווארען, אבער באלד האט פון דער קעניגינ'ס ברענענדיגע קויהלען־אויגען ווידער א בליץ געטאן דער געטליכער פלאם, אנ־צינדענדיג צוריק די ליבע, און ווידער איז ליכטיג געווארען דער וועג צו ליבלאנד.

— קום שנעלער אוועק פונ'ם לאנד פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט! — האט מיך די קעניגין געאיילט, נעהמענדיג מיך שטייפער אונטער'ן ארים, — בייזע ווינטען בלאזען, פער־גינען ניט אונזער גליק...

מיר זיינען ענדליך אנגעקומען צו די טויערן פון ליבלאנד. צוויי שניי־ווייסע טייבעלעך האבען ליבליך ארויסגעקוקט פונ'ם שפיץ טויער, ווארקענדיג דאס ליד פון ליבע און טרייהייט, און שטרעקענדיג צו מיר, ווי צו א „שלום־עליכם" געבען, זייערע רויטינקע שנעבעלעך.

— דאָס זיינען די וועכטער פון דער ליבע, וועלכע האָט איהר נעסט געמאַכט אין ליבלאַנד. זיי זיינען וואַך די גאַנצע נאַכט, זיי בעוואַכען די ליבע, קיינער זאָל איהר הייליגקייט ניט פערשוועכען. — האָט מיר די קעניגין ערקלערט, אָנצייגענדיג אויף די טייבעלעך, און זי האָט אָפגעשלאָסען די טויערן פון ליבלאַנד.

— קום אַריין, מיין אויסדערוועהלטער!

ווייט און ברייט האָבען זיך פאַר מיר געעפענט די טויערען פון ליבלאַנד, און פאַר דער שיין פון דער ליבע האָב איך דערזעהן דאָס אייביג־גענאַרטע, גאָט־געבענטשטע פרוכטבאַרע לאַנד אין זיין פולער פראַכט און גלאַנץ. יעדעס ווינקעלע האָט ליבליך אַרויסגעקוקט פון זיין פערבאָרגעניש, פערשפּרעכענדיג גליק און פרייד. מיינע אויגען האָבען זיך גאַר זאַט ניט געקענט אָנקוקען.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער און ווייטער, ביז מיר זיינען געקומען צו אַ באַרג.

— דאָס איז דער באַרג פון ליבע, — האָט מיר די קעניגין ערקלערט, — דער נייער הר סיני, אויף וועלכען דער גאָט פון ליבע וועט זיך ענטפּלעקען און וועט אונז געבען די תורה פון גליק און פרייד. קום, מיין אויסדערוועהלטער! נעהם אַרום מיין טאַליע, און איך וועל דיך איינשליסען אין מיינע אָרימס, און אַזוי האַלטענדיג זיך איינע אָן די אַנדערע, וועלען מיר אויפ'ן באַרג פון ליבע אַרויף.

מיר זיינען אַרויף אויפ'ן נייעם באַרג סיני מקבל צו זיין די נייע תורה, און פּונקט ווי אויפ'ן אַלטען באַרג סיני בעת מתן־תורה, אַזוי האָט איצט אויך דאָ, אויפ'ן נייעם באַרג־סיני, גענומען בליצען און דונערן. אָבער ניט פון הימעל האָט עס איצט געבליצט, נאָר פון איהרע און פון מיינע אויגען, און געדונערט האָט עס איצט אין אונזערעביידענ'ס הערצער. אויף אַ וואולקאַן זיינען מיר ביידע געשטאַנען, — דער וואולקאַן פון ליבע האָט

זיך דאָס צופלאַקערט. דער בארג האָט געראָויכערט און געצי־טערט, און מיר ביידע צוזאַמען מיט איהם. איך האָב געמיינט, מיר ווערען ביידע פערברענט פון ליבע און גליק.

אויפ'ן בארג האָט זי מיך פאַר קעניג פון ליבלאַנד גע־קרוינט, בעדעקענדיג מיין קאָפּ מיט די קושען פון איהרע זאַפ־טיגע ליפּען, און פון איהרע שלאַנקע אָרימס האָט זי א קעניגלי־כען האַלזבאַנד געמאַכט און עס מיר אויפ'ן האַלז אָנגעטאָן. דער אויסגעשטערנטער הימעל איז ווי א חופּה איבער אונזערע קעפּ געהאַנגען.

— דו ביסט צו מיר געהייליגט מיט דעם דאָזיגען פינגערל נאָך די געזעצען פון ליבלאַנד! — האָב איך צו איהר געזאָגט, אָנטועענדיג איהר דאָס קדושין־פינגערל.

מיר האָבען דערנאָך געטרונקען פונ'ם כוס פון ליבע, איבער וועלכען איך האָב אַפריהער די ברכה געמאַכט:

— געבענשט זאָל זיין דער וויינגאַרטען, וועלכער האָט אזא גוטען וויין אַרויסגעגעבען, און געבענטשט זאָל זיין דער גערט־נער, וועלכער האָט דעם וויינשטאָק געפלאַנצט!

און די טייבעלעך פונ'ם שפּיץ טויער, פלאַטערנדיג און צאַפּלענדיג זיך פאַר פרייד און גליק, האָבען וואָרקענדיג „אָמן“ געענטפערט.

פונ'ם געטליכען בארג האָט די קעניגין מיך אַרונטערגע־פיהרט אין א טאָל. גאָט מיינער! ס'אַרא בשמים! ס'אַרא געט־ליכע ריחות! פון וואַנען טראָגט זיך דאָס? פון גן־עדן? געהען מיר צוריק אַהין, פון וואַנען גאָט האָט דאָס ערשטע גליקליכע פּאָר אַרויסגעטריבען?

און וואָס זעהען דאָס מיינע אויגען? א הענגענדער פּאַרק! וואו בין איך? בין איך דאָס אינ'ם אַלטען נינוה? האָט זיך דאָס ענטפּלעקט פאַר מיינע אויגען איינס פון די זיבען וואונדער פון אַלטערטום? וועלכע געטליכע האַנט האָט דאָס דאָ דעם פּאַרק פערפלאַנצט און אויפגעהאַנגען פאַר א וואונדער? איך

שפּאַציר מיט ניט־זיכערע טריט איבער׳ן וואונדער־פּאַרק, מייד נענדיג, אַז אַט־אַט פאַל איך אַרונטער אין אַן אָפּגרונד. אָבער אַ זיכערע האַנט האָט מיך געפיהרט, די האַנט פון מיין קעניגין, און איך האָב אויפגעהערט צו שרעקען זיך.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַן אַזיערע, וועלכע האָט רוהיג געפּליסט צווישען שמעקעדיגע געדיכטע קוסטעס.

— דאָס איז „פּלעזשור לעיק" — האָט מיר די קעניגין ער־קלערט, — דאַ ביים ברעג צווישען די קוסטעס שטעהט גרייט אַ שיפעל, וועלען מיר זיך אַריינזעצען און צופאָהרען צו דעם פּאַלאַץ, וועלכער שטעהט אויף דעם אַנדער ברעג פון דער אַזיערע.

מיר האָבען זיך אַריינגעזעצט ביידע אין שיפעל, און איך האָב גענומען רודערן.

— ווי קרעפטיג דו רודערסט! ווי גראַציעז! — האָט מיין קעניגין אויסגעדריקט איהר התפּעלות, צוטוליענדיג איהר קאָפּ צו מיין ברוסט, — פיהר מיך, פיהר מיך, מיין ליבסטער, צו גליק און פרייד!

מיר האָבען זיך געשיפט אויף די כוואַליעס פון לוסט און פערגעניגען, ביז מיר זיינען צום ברעג צוגעשוואומען. מיר זיי־נען אַרויס. דער פּאַלאַץ, געבויט אין׳ם סטיל פון ששת ימי בראשית, איז מאַיעסטעטיש געשטאַנען ביים סאַמען עק ליב־לאַנד. צוויי לייב־וועכטער, דער קעניגינ׳ס אַנפערטרויטע, זיינען בעוועגלאָז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און האָבען פון ווייטען אויסגעקוקט ווי צוויי מירמעלשטיינערנע זיילען. די קעניגין האָט צו זיי געגעבען אַ צייכען, און אויף אַ מיליטערישען שטייגער האָבען זיי זיך אָפּגערוקט איינער פונ׳ם אַנדערן, און אונז דורכ־געלאָזען.

די קעניגין אַליין האָט געעפענט פאַר מיר די טירען, זעהר שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערען, און האָט מיך אַריינגעפיהרט אין פּאַלאַץ. זי האָט מיך אַרומגעפיהרט איבער אַלע צימערן,

און איין צימער איז געווען שענער פאר'ן צווייטען, און עס איז קיין צאָהל ניט געווען צו די רייכטימער און אוצרות, מיט וועל־כע דער פאלאץ איז פול געווען. אינ'ם פאלאץ איז געווען אויך א טעמפעל אויסגעבויט פאר דער קעניגין, וואו זי פלעגט גאָט בעטען. זי האָט מיך אריינגעפיהרט אין דעם קדשי־קדשים פון איהר טעמפעל, און א רעליגיעזער עקסטאַז האָט מיך אָנגענומען. איך בין פאר התלהבות געפאלען אויף די קניע, און מיינע ליפען האָבען געזוכט די פאַסיגע פסוקים.

— קדוש! קדוש! קדוש! — האָב איך געשעפטשעט ווי אין א תפילה, — די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין עהרע! ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט! אַלעס האָסטו מיט חכמה בע־שאַפען. פול איז די ערד מיט דיינע מייסטערווערק, און ליב־לאַנד איז די קרוין פון דיין שעפּפונג!

עפּעס א געהיימניספולעם ריטמישעם קלאַפּען האָט זיך פּלוצלונג דערטראָגען צו מיינע אויערן פון די טיפעניש'ען פונ'ם פאַלאַץ. איך האָב זיך אויפגעהויבען און פערוואונדערט זיך ארומ־געקוקט.

— דאָס איז א סיגנאַל, מיין אויסדערוועהלטער, אַז דו מוזט שוין פערלאָזען דעם פאַלאַץ, — האָט מיר די קעניגין ער־קלערט, — ווייסט דאָך, אז איך בין געפאַנגען, און קיינער טאָר צו מיר אין פאַלאַץ ניט קומען. עס טוט מיר זעהר לייד, וואָס דו מוזט אַוועק צוריק צו דיין אָרים צימער, אָבער דו בלייבסט דער אין געהיים געזאַלבטער קעניג פון ליבלאַנד, און דו זאָלסט ווידער וואַרטען אויף מיין קומען... קורץ איז דאָס מענשליכע גליק, און די שטערונגען זיינען אַזוי פיעל! קום ארויס!

זי האָט מיך ארויסגעפיהרט פון פאַלאַץ און בעגלייט ביז צו די טויערן פון ליבלאַנד. עס איז שוין געווען טאָג, ווען מיר זיינען אַהין אָנגעקומען, און די זון האָט געשיינט איבער גאַנץ ליבלאַנד. איך האָב צום לעצטען מאָל א קוק געטאָן אויף מיין קעניגין, ערשט איהרע קויהלען־אויגען, וועלכע האָבען ווי צוויי

פייערן געברענט אין דער פינסטערקייט פון דער נאכט, האבען איצט פאר׳ן שיין פונ׳ם טאג געקוקט מילד־בלוי ווי צוויי הימ־לען, און אנשטאט די נאכט־שווארצע האבען איצט טאג־העלע האר זונען־שטראליג זיך געשפילט מיט איהר שעהנעם נאקען, געגלעט און געצערטעלט איהר האניג־זיסען, סאמעט־גלאטען לייב.

ווי דאס אויג קען זיך ניט אנזעטיגען, און עס זעהט אלץ נייע בילדער, נייע געשטאלטען!

זי האט זיך מיט מיר צוזעגענט, אנגעקושט מיר אויפ׳ן וועג און איז אוועק צוריק אין ליבלאנד. איך האב זיך צוריקגעקעהרט צו מיין איינזאמקייט אינ׳ם לאנד פון דער טרויעריגער ווירק־ליכקייט, מיט דער האפנונג, אז די קעניגין פון ליבלאנד וועט ווידער אמאל קומען, ווי זי האט פערשפראכען, און כאטש אויף איין ווייל מיך בעפרייען פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט.

אבער זי איז ניט געקומען מעהר. ווער ווייסט, וואס מיט איהר איז געשעהן!

אך, וואו ביסטו, מיין קעניגין, די קעניגין פון ליבלאנד? ווי א חלום ביסטו געקומען און ווי א חלום ביסטו פערשוואונ־דען!

הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען

זעלבסט־אויסלאכעריי.

א לעזער דארף צו מיר שרייבען:

„געגוג שוין צו לאכען פון אנדערע; לאך פון זיך אליין אמאל, א. אז. וו.“

און איך וועל איהם ענטפערען:

„ליבער לעזער! ווי איז דאס מעגליך, א מענש זאל פון זיך אליין לאכען, בפרט נאך, אז דער מענש פרעטענדירט צו זיין א הומאריסט, אז אפלאכער פון אנדערע?

וועט דען א שוחט זיך אליין קוילען? וועט דען א דאקטאר זיך אליין היילען?

א מענש קען דאך איבער זיך אליין קיין גזלן נים זיין, סיי־דען ער וויל בעגעהן זעלבסטמארד, וואס דאס איז ווייט נים הו־מאריסטיש.

זעלבסט־אויסלאכעריי, ליבער לעזער, איז נים מעגליך. צו אזא מדרגה איז דער מענש נאך נים געקומען. ער וועט גיכער זיך מאכען צו אש און בלאטע, אין שטויב פאר א פאר פים זיך וואלגערען, אבער נים אפלאכען פון זיך. ער וועט גיכער זיך בעוויינען, קאפ אן וואנט אפילו שלאגען, אבער נים אויסלאכען זיך. ער וועט זיך לעכערליך מאכען, אבער נים לאכען פון זיך.

א מענש מוז אויפ'ן גאלגאן געהן, אום צו לאכען פון זיך אליין: גאלגאן־הומאר. אין גוטען מוט אבער וויל ער פון זיך נים לאכען.

די בעלמער נאראנים זיינען דאך א טעמע פאר יעדן וויצ־לינג, פונדעסטוועגן, אז די בעלמער אליין דארפן א טעמע פאר א וויץ, געהען זיי זוכען אנדערע נאראנים.

יעדער מענש רעכענט, אז ניט איהם מיינט מען דאס, נאר די באלטרימאנצער, און פון די באלטרימאנצער איז דאך געווים א מצוה צו לאכען, ווייל יענע זיינען דאך ניט מיר.

א מענש דארף זיך איינגאנצען אויסטאן פון זיך, אום אפ־צולאכען פון זיך, און א הומאריסט מעהר ווי יעדער אנדער מענש איז ניט פעהיג זיך אויסצוטאן פון זיך.

א הומאריסט קען קיין וויץ ניט פערטראגען. ער האט ניט קיין חוש פאר הומאר, וואס ווערט אין איהם געצילט.

א הומאריסט קען פון זיך אליין ניט לאכען, אחוץ פון זיינע אייגענע וויצען.

איך אליין האב זיך אמאל אוועקגעשטעלט אין שפיגעל, אום אפצולאכען פון זיך אליין. איך האב אבער דערזעהן מיין פנים, האב איך בעשלאסען, אז איך בין דער שעהנסטער מענש אין דער וועלט, און ווי לאכט מען דאס אפ פון אזא מענשען? איך האב בלויז צופרידען א שמייכעל געטאן, אבער ניט געלאכט.

ניין, ליבער לעזער, זעלבסט־אויסלאכעריי איז ניט מעגליך. אפשר וועט אמאל אנקומען אזא צייט, און מענשען וועלען אנ־שטאט זעלבסטמארד בעגעהן זעלבסט־הומאר?

לאמיר האפען, ליבער לעזער!

די אפשטאמונג פון פסעוודאנימען.

א קאמפאניע שרייבער זיינען געזעסען און האבען גערעדט וועגען פסעוודאנימען: פארוואס האבען אנדערע שרייבער ליב צו ערשיינען פאר די לעזער אונטער פערשטעלטע נעמען? עס איז אוועק א גאנצע דעבאטע, און איטליכער האט געזוכט צו בעווייזען זיין חריפות: ווער עס האט געוואלט ערקלערען די ערשיינונג פון פסעוודאנימען דורך פסיכאלאגישע טעמים, ווער — דורך עקאנאמישע, ווער — דורך עסטעטישע, ווער — דורך פאליטישע און ווער — דורך סאציאלע.

ווער ווייסט, ווי לאנג זיי וואלטען דעבאטירט און גע־חקרנ׳ט זיך, נאר זיי האבען זיך ענדליך דערמאנט, אז צווישען זיי געפינען זיך גראד צוויי פסעוודאנימען, וועלכע זיינען די גאנצע צייט פון דער דעבאטע זיך געזעסען און אונטערגעשמייכעלט.

— שא! — האט זיך אפגערופען איינער פון די דעבאטאנטען, דער טאקע, וואס האט געוואלט בעגרינדען פסעוודאנימען פסיכאלאגיש, — זאלען אונז אונזערע קאלעגען פסעוודאנימען ערקלערען, פאר וואס זיי האבען זיך אויסגעקליבען פסעוודאנימען. איהר וועט זעהן, קאלעגען, אז איך בין גערעכט!

— אדרבא! אדרבא! — האבען די איבעריגע אונטערגעכאפט.

די צוויי שרייבער מיט די פסעוודאנימען האבען זיך איבער־

געקוקט מיט אַ שמייכעל, און דער ערשטער האָט אָנגעהויבען „גמליאל בן פדהצור":

ניט קיין פסיכאָלאָגישע און ניט קיין אַנדערע טעמים האָבען איהם צו זיין פסעוודאָנים געטריבען, נאָר פשוט אַ רוצח אַ רעדאַקטאָר. ער האָט ביי זיך לכתחילה אָפּגעמאַכט צו שרייבען נאָר אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ערשטענס, איז דער נאָמען גופא געווען אַ גאַנץ שעהנער, און צווייטענס, האָט ער טאַקע געוואָלט, אַלע זאָלען וויסען, אַז ער איז דאָס דער שרייבער, ניט ער זאָל דאַרפען געהן מגלה זיין איטליכען זיין סוד, אַז יענער און יענער איז דאָס ער אַליין. הויפּטזעכליך אָבער האָט ער געוואָלט צוליב טאָן זיין געליבטער, וועלכע איז שפּעטער טאַקע זיין ווייב געוואָרען: ער האָט געוואָלט, זי זאָל וויסען, אַז נאָך דער חתונה וועט זי טראָגען דעם נאָמען פון אַ בעוואוסטען שרייבער (דאָס איז ביי איהם דעמאָלט גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז ער וועט ווערען בעוואוסט), און טאַקע נאָר בזכות זיין אויפוואַכענדען טאַלענט האָט זי איינגעשטימט צו ליבען איהם.

הכלל, דאָס זיינען געווען זיינע פּלענער, איז אָבער געקומען אַ רוצח אַ רעדאַקטאָר, און האָט פון זיי אַ תל געמאַכט. דאָס איז טאַקע געווען דער רעדאַקטאָר, צו וועמען ער האָט געשיקט די ערשטטצייטיגע פרוכט פון זיין פען.

שיקט ער צו יענעם רעדאַקטאָר צו איין זאַך, און קריגט אַז ענטפער אין בריף־קאַסטען אויף זיין פולען נאָמען, אַז די זאַך אַליין וואָלט געווען גוט, נאָר זי איז שלעכט אָנגעשריבען. אַזאַ שאַנדע! וואָס וועלען זיינע בעקאַנטע זאָגען? און איבערהויפּט זיין געליבטע, וואָס נאָר צוליב איהר וויל ער אַ שרייבער ווערען! אש להבה איז ער געווען אויפ'ן רעדאַקטאָר, וואָס ער האָט ניט געשאַנעוועט זיינע געפיהלען און האָט איהם מבזה געווען אַפען פאַר אַלעמען! נאָר האָט דען אַ רעדאַקטאָר אַ האַרץ?

ער איז אָבער ניט אַפּהענטיג געוואָרען, און ווען די ערשטע בושה איז אריבער, האָט ער אַוועקגעשיקט, און טאַקע דעם

איינגענעם רעדאקטאר, איהם אויף צולהכעיס, נאך א זאך. און א בעזונדער בריוועלע האט ער דעם רעדאקטאר געשיקט, בעטענדיג איהם רחמים, אז טאמער טויג די זאך ניט, זאל ער איהם ענט־פערען אויף די ראשי תיבות פון זיין נאמען.

קריגט ער ווידער אן ענטפער אין בריף־קאסטען, און ווי אויף צולהכעיס ווידער אויף זיין פולען נאמען, אז געשריבען איז עס דוקא ניט שלעכט, נאר די זאך אליין טויג אויף כפרות.

פערשעמט ער זיך ווידער און ווערט ווידער מלא חמה אויפ׳ן הארצלאזען רעדאקטאר. און דא האט נאך די געליבטע גענומען קוקען קרום אויף איהם: אז ניט קיין שרייבער, אויף וואס דארף זי איהם? איהר חבר׳טע האט חתונה געהאט פאר א שרייבער, און זי מוז אויך חתונה האבען פאר א שרייבער!

האט ער דער געליבטער, ראשית, געגעבען צו פערשטעהן, אז זי האט ניט וואס פערצווייפעלט צו זיין, אז אפילו טאלסטאי און טשעכאוו האבען אויך געמוזט דורכגעהן די שבעה מדורי גיהנום פון בריף־קאסטען, ביז זיי זיינען שרייבער געווארען. און ווער ניט? והשנית, האט ער איהר בעוויזען, אז ער פראגרע־סירט, אז די ערשטע זאך זיינע איז בעצם געווען גוט, נאר זי איז געווען שלעכט געשריבען, און די צווייטע איז שוין געווען גוט געשריבען, נאר די זאך אליין טויג אויף כפרות, איז דא א האפנונג, אז די דריטע זאך וועט זיין אי בעצם גוט, אי גוט געשריבען.

און ער האט זיך אוועקגעזעצט און האט אנגעשריבען א דריטע זאך און זי אוועקגעשיקט טאקע צום זעלביגען רעדאק־טאר, צום רוצח. און ווידער א בריוועלע בייגעלעגט, און נאך אמאל רחמים געבעטען, אז דער רעדאקטאר זאל אזוי גוט זיין און ענטפערן איהם אויף די ראשי־תיבות פון זיין נאמען, און דערביי איהם גאנץ ווייך (כדי ניט צו דער׳רגז׳ענען איהם) אויס־גערעדט, פאר וואס ער האט פריהער ניט ממלא געווען זיין בקשה און ניט געענטפערט איהם אויף די ראשי־תיבות.

קריגט ער ווידער אַז ענטפער אין בריף־קאַסטען, און ווי־דער ווי אויף צו־להכעיס, זיין פולער נאָמען: „עס טויג אינ־גאַנצען ניט, ניט די זאַך גופא, ניט דאָס שרייבען, און מיר זע־הען ניט, אַז עס זאָל פון אייך עפּעס אַרויסקומען. שרייבט מעהר ניט: אַז עבירה די צייט און די מיה. צום סוף בעטען מיר אייך, איהר זאָלט אונז ענטשולדיגען, פאַר וואָס מיר האָבען אייער פערלאַנג ניט ערפילט און ניט געענטפערט אייך אויף אייערע איניציאַלען: עס איז אונזער מנהג, ניט צו לייענען די פערזענליכע בקשות פון די זאַכען־צושיקער, זינט איינער האָט ביי אונז געבעטען געלט פאַר זיין שרייבען.“

ער האָט אָבער ניט געפאָלגט דעם רעדאַקטאָר'ס עצה, בפרט, אַז ער קאָן נאָך צוליב דעם פערלירען זיין געליבטע, און ער האָט אָנגעשריבען אַ פערטע זאַך און אוועקגעשיקט זי דוקא צום זעלביגען רעדאַקטאָר. נאָר אום צו בעשיצען זיך קעגען דעם בריף־קאַסטען, האָט ער זיך אונטערגעשריבען מיט אַ פּסעוודאָנים: גמליאל בן פדהצור. זאָל דער רעדאַקטאָר מבייש זיין איינעם אַ גמליאל בן פדהצור! ווער מען אַרט עס?

און ווידער אַז ענטפער אין בריף־קאַסטען! אָבער שוין נאָר אַן אַנדערער, אָט אַזאַ: „גמליאל בן פדהצור. — ווי איהר זעהט, איז אייער סקיצע געדרוקט אין דעם איצטיגען נומער. נאָר מיר ענטפערן אייך, אום צו געבען אייך מוט, אַז איהר זאָלט שרייבען נאָך און נאָך. אייער סקיצע האָט ביי אונז זעהר און זעהר אויסגענומען, און מיר ערוואַרטען פון אייך גאָר גרויסעס.“

עס האָט אפילו פערדראָסען, וואָס „גמליאל בן פדהצור“ האָט דאָס זוכה געווען צו אַזאַ כבוד, נאָר מילא, זאָל זיין „גמליאל בן פדהצור“, אבי געדרוקט זיין. הלמאי גאָרקי, אויך אַ פּסעוודאָנים? און מאַרק טוויין? אַ צרה איז נאָר געווען מיט דער געליבטער, וואָס זי האָט ניט געוואָלט גלויבען איהם, אַז ער איז דאָס „גמליאל בן פדהצור“. האָט ער אָבער אָנגעשריבען נאָך אַ סקיצע און זיך אונטערגעשריבען ווידער „גמליאל בן

פאר פרהצור", און איבערלייענדיג זי אפריהער אין כתב־יד זיין געליבטער, האט ער זי דערנאך אוועקגעשיקט צום זעלבינגן רעדאקטאר. און זי איז ווידער געדרוקט געווארען. ערשט דאן האט די געליבטע איהם געגלויבט, און איינגעשטימט חתונה צו האבען פאר איהם, כאטש זי האט זיך אביסעל געקווינקעלט וחתונה צו האבען פאר א פסעוודאנים.

אט דאס איז איינגאנצען די געשיכטע פון זיין פסעוודאנים אונטער וועלכען ער איז בעריהמט געווארען.

אז ער האט געענדיגט צו דערצעהלען, האט דער צווייטער שרייבער מיט'ן פסעוודאנים, „לארד ביקאנספילד דער צוויי־טער", זיך אפגערופען:

— און מיך האט אן אנדער צרה, דער בחור הזעצער, גע־טריבען צו מיין פסעוודאנים. יא, דער בחור הזעצער, וועלכער איז בבחינת רעדאקטאר, און מוז אויף זיין אופן פעררריכטען די אר־טאגראפיע און די ווערטער גופא און אפילו אויך גאנצע זאצען. איהר קענט דאך איהם, קאלעגען. דאס איז דער זעלבער בחור, וואס מאכט פון „אידיליע" — „אידעלע" אדער „אידישע", פון „קריזיס" — „קריטיק", פון היסטעריע" — „היסטאריע", פון „סינדיקאליסטען" — „סקאנדאליסטען", פון „פראבע" — „גראבע" א. ד. גל. און פרעגט איהם, וואס האט ער צו אונז ארימע שרייבער? נאר איך וועל אייך בעסער דערצעהלען, ווי אזוי איך קום צו מיין פסעוודאנים.

און ער האט דערצעהלט:

פון אלע מאל אן, זינט ער איז אויף דער וועלט ארויס, ביז ער האט גענומען די פען אין זיין האנט צו פעראייביגען זיין נא־מען, איז זיין נאמען געווען בערנפעלד. אונטער דעם דאזיגען נאמען האט ער צוגעשיקט א זאך אין א רעדאקציע, די זאך איז מיט מזל אנגענומען געווארען און איז אוועק צום דרוק.

אבער א שרייבער טראכט, און דער זעצער לאכט. די זאך איז אפגעדרוקט געווארען, אבער ניט „פון בערנפעלד", נאר פון

„ביקאַנספילד“. איז ער אוועק מיט אַ קלאָג צום רעדאַקטאָר. שיקט איהם אָפּ דער רעדאַקטאָר צום זעצער, און דער „בחור“ פערענטפערט זיך פאַר איהם, אַז ער האָט גראָד פאַר דעם גע־זעצט אַן ארטיקעל וועגען לאָרד ביקאַנספילד, און דער נאָמען האָט זיך איהם אזוי איינגעקריצט אין זכרון, דאָס ער האָט ניט דערזעהן „בערנפעלד“ און אַנשטאָט דעם אוועקגעשטעלט „בי־קאַנספילד“. ער האָט אָבער פערשפּראָכען, דער זעצער, אַז ווייטער וועט ער שוין ביקאַנספילד'ען ארויסשלאָגען פון קאָפּ, און ער וועט געדענקען נאָר „בערנפעלד“.

אָבער דער זעצער האָט אזוי איינגע'חזר'ט „בערנפעלד“ און ניט „ביקאַנספילד“, דאָס צום צווייטען מאָל האָט ער ווידער אוועקגעשטעלט: „ביקאַנספילד“. איז בערנפעלד ווידער אוועק־געלאָפען מיט אַ יעלה אין רעדאַקציע, און דער זעצער האָט ווידער פערשפּראָכען: „בערנפעלד“ און ניט „ביקאַנספילד“. און צום דריטען מאָל איז ווידער געווען „ביקאַנספילד.“

איז בערנפעלד אוועקגעלאָפען אין רעדאַקציע און ווידער צום זעצער. און דאָ האָט איהם שוין דער זעצער איבערצייגט, אַז ביקאַנספילד איז אַ סך אַ שעהנערער נאָמען ווי בערנפעלד, און ער האָט איהם דערביי געראַטען, אַז ווי באַלד שוין יאָ ביקאַנס־פילד, טאָ זאָל שוין אויך זיין לאָרד, און כדי מען זאָל איהם ניט פערבייטען מיט יענעם לאָרד ביקאַנספילד, זאָל ער זיך אונטערשרייבען: „לאָרד ביקאַנספילד דער צווייטער“.

און אזוי האָט ער זיין פּסעוודאָנים געקראָגען.

נאָך דיביידע געשיכטעס האָט די גאַנצע קאָמפּאַניע בע־שלאָסען, אַז דער מענש האָט ניט קיין פרייען ווילען, בפרט נאָך ער איז אַ שרייבער, און אַז אפילו אַ נאָמען קען ער זיך אויך ניט אויסקלייבען מיט זיין אייגענעם ווילען.

אָהן אַ נאָמען.

בעקענט האָט זיך מיט איהר פישקין אין אַ הויז אויף אַ „סאָושעל געדהערינג“. מען האָט איהם זי פאָרגעשטעלט, און ווי עס טרעפט זיך אין אַזעלכע פעלען, האָט ער איהר נאָמען פערהערט, אָדער די פּערזאָן, וואָס האָט פאָרגעשטעלט, האָט דעם נאָמען ניט דייטליך אַרויסגערעדט. ער האָט לכתחילה גלאַט בעטראַכט די בעקאַנטשאַפט מיט איהר, ניט אַלס שטענדיגע, און דאַרום האָט ער זיך ניט אינטערעסירט איהר נאָמען צו וויסען. בעזאָנדערס אינטערעסאַנט האָט זי איהם אויך ניט אויסגעוויזען אויפ'ן ערשטען קוק.

זי האָט זיך אָבער גראָד יאָ פּעראינטערעסירט אין איהם, און יענעם אָווענט האָט זי זיך געדרעהט אַרום איהם, געזוכט אַלע ווייל צו פערפיהרען מיט איהם אַ געשפּרעך און צו פערינטערעסירען איהם אין זיך. אָבער עס איז איהר ניט געגאַנגען: ער איז געבליבען כמעט ווי גלייכגילטיג צו איהר דעם גאַנצען אָווענט, כאָטש בכלל איז ער שוין דוקא ניט גלייכגילטיג צום שעהנעם געשלעכט, און זי איז כלל ניט געווען קיין מיאוס'ע.

ער ווייסט אַליין ניט, וואָס דעמאָלט איז עס מיט איהם געוועזען: אפשר איז ער ניט געווען אויפגעלעגט, און אפשר, ווייל עס זיינען געווען צופיעל מיידלעך, און ער זאָל זיך פּערינטערעסירען נאָר אין איינער. בכלל ווערט ער צוטומעלט,

ווען ער דערזעהט אַ סך מיידלעך, און ער ווייס אַליין ניט, אויף וועמען בעזאַנדערס זיין אויפמערקזאַמקייט אָפּצושטעלען.

געזעגענענדיג זיך מיט איהם, האָט זי איהם מיט אַ בע־זאַנדערע כונה די האנט אַ דריק געטאָן, און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, מר. פישקין! איך בין זעהר צופרידען צו זעהן אייך ווידער...

— זעהר אַנגענעהם, זעהר אַנגענעהם, מיס...

און דאָ האָט ער זיך פערהאַקט און איז רויט געוואָרען: ער ווייס ניט איהר נאָמען. ער האָט זיך אָבער ווי עס איז ארויס־געדרעהט פון דער פערלעגענהייט, ענדיגענדיג מיט עפּעס אונ־טער'ן נאָז. אין דעם מאָמענט האָט איהר בליק איהם פיל גע־זאָגט, און נאָך מעהר — דער דריק פון איהר האנט. זי האָט איהם פעראינטערעסירט, און איהם האָט שוין פערדראָסען, וואָס ער ווייס ניט איהר נאָמען. פרעגען זיך, פּאַסט עפּעס ניט, און ער האָט זיך אַזוי מיט איהר צושיידט, ניט וויסענדיג איהר נאָמען.

נייע איינדריקען, און פישקין האָט שוין אַן איהר פערגע־סען. נאָר אין אַ חודש שפּעטער האָט ער זי געטראָפען אויף אַ באַל. זי איז מיט פרייד צוגעלאָפען צו איהם, ווי צו אַן אַלטען בעקאַנטען.

— אָה, וואָס מאַכט איהר, מר. פישקין? אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהן! ווי מיר פרעהט עס!

און זי האָט מיטביידע הענט ארייגעכאַפּט זיין האנט, און גאָר אָפּלאָזען ניט געוואָלט.

— מיר פרעהט זעהר צו טרעפען אייך, מיס...

און ווידער האָט ער מיט עפּעס געענדיגט אונטער'ן נאָז, עס זאָל אויסקומען, אַז ער רעדט אַרויס איהר נאָמען.

— איהר געהט גאָרניט אריין צו די קאַפּלאַנס? — האָט זי איהם געפרעגט, שוין כאַפּענדיג איהם ענטציקט אונטער'ן אָרים.

די קאפּלאַנס איז די פאַמיליע, ביי וועלכער ער האָט זיך מיט איהר צום ערשטען מאָל געטראָפען. ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז זי איז דאָרט ביי די קאפּלאַנס שוין ניט איין מאָל געווען נאָך יענעם אָווענט, און געוויס מיט דער כונה צו טרעפען איהם. די דאָזיגע פערזענליכקייט איהרע אין איהם האָט איהם זעהר געשמייכעלט.

— ניין, עס איז מיר גראָד קיין צייט ניט אויסגעקומען, אריינצוגעהן אהין, — האָט ער זיך ווי פערענטפערט.

— אזוי פערנומען זייט איהר דאָס? — האָט זי איהם געפרעגט, דריקענדיג איהם צו זיך, אמת, גאַנץ פאַרזיכטיג.

ער האָט זיך וועגען עפּעס פערטראַכט, און האָט גאָר איהר פראַגע ניט געהערט. ער האָט אָבער געפיהלט איהר נאָהענטקייט.

דעם גאַנצען אָווענט איז ער שוין געווען איהר געפאַנגענער, און מען קען זאָגען, אַז ער איז געווען צופרידען מיט איהר, כאָטש געוועהנליך האָט ער זיך פיינט אָפּצוגעבען מיט איין מיידעל. זי האָט איהם שוין אויסגעזעהן צו זיין בעזאָנדערס אינטערעסאַנט.

נאָכ'ן באַל האָט ער זי מיט פערגעניגען אָפּגעפיהרט אהיים. וויסט ער שוין אַלזאָ איהר אדרעס, אַז זי איז אַ באַרעדרקע ביי איינער אַ מרס. פיינמאַן. רעדענדיג מיט איהם, האָט זי איהם אגב אויך געגעבען אַביסעל אינפאָרמאַציע וועגען זיך, ביי וואָס זי אַרבייט, ווי לאַנג זי איז אין לאַנד, א. ד. גל. ער האָט איהר אויך דערצעהלט אַביסעל וועגען זיך און געגעבען איהר אויך זיין אדרעס.

— איך וועל אייך בעזוכען, מר. פישקין! — האָט זי זיך אָפּגערופען.

— אָ, דאָס וועט פאַר מיר זיין דאָס גרעסטע פערגעניגען, — האָט ער אויסגעשריען בעגייסטערט פון איהר אָנבאָט. — האָט איהר גאָר ניט מורא אַריינצוקומען צו אַ באַרדער?

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איך בין ניט פון די שרעקעדיגע מיידלעך, — האָט זי בוואַטסקע געענטפערט.

— און איך גלייך אַזעלכע מיידלעך! — האָט ער געזאָגט.

און זי האָט לאַנג אויף זיך ניט געלאָזט וואַרטען: צוויי טעג שפּעטער איז זי שוין ביי איהם געווען. געזעסען, פערבראַכט, דערנאָך האָט ער זי אָפּגעפיהרט אַהיים. ביים געזעגענען זיך האָט זי איהם איינגעלאַדען צו קומען צו איהר אַמאָל אויף אַ בעזוך.

— אויף וועמען זאָל איך פרעגען? — האָט ער איהר געשטעלט די פראַגע, האַפענדיג, אַז אויף אַזאַ אופן וועט איהם איצט געלינגען צו דערגעהן איהר נאָמען, וואָרים זי וועט דאָך מסתמא ענטפערן: „אויף מיס די און די...“

אָבער דער דיפּלאָמאַטישער צוג האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. זי האָט אויף איהם גאָר פערוואונדערט אַ קוק געטאָן, און מיט אַ בתמיה, און נאָך ווי עפּעס בעליידיגט, האָט זי אויסגעשריען:

— וואָס הייסט אויף וועמען זאָלט איהר פרעגען? אויף מיר!

ער האָט פערביסען די ליפּען; הכלל, ער ווייסט ניט איהר נאָמען.

ווי דערגעהט מען אָבער פאָרט איהר נאָמען? עס איז דאָך עפּעס מאָדנע, זיין בעקאַנט מיט אַ מיידעל, און כמעט שוין נאָהענט בעקאַנט, און ניט וויסען איהר נאָמען! ער וועט גאָר ארייננעהן צו די קאַפּלאַנס, און זיך דערקונדיגען ביי מיס קאַפּלאַן, ווי אַזוי די מיידעל הייסט.

און ער האָט אַזוי געטאָן. ער האָט דערביי אָנגעווענדט זיין גאַנצע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייט.

— זעהר אַ אינטערעסאַנטע מיידעל אַט יענע, וועלכע איך

האָב ביי אייך געטראָפען אויפ'ן אָווענט, — האָט ער זיך אָפּגע־רופען צו מיס קאַפּלאַן.

מיס קאַפּלאַן האָט איהם מאָדנע אָנגעקוקט.

— וועלכע מיינט איהר? — האָט זי איהם געפרעגט.

— אָט די... די... די שאַטענקע... מיט די...

— וועלכע שאַטענקע? עס זיינען אַ סך שאַטענקעס גע־ווען... אָט בין איך אויך אַ שאַטענקע.

— אָט יענע... איי, איך האָב איהר נאָמען גראָד איצט פערגעסען... פון צונג האָט ער זיך מיר אַראָפּגעגליטשט...

— אַז איהר קענט זיך מיט אַזוי פיעל מיידלעך, טו ווי אַזוי זשע זאָלט איהר זייערע נעמען אַלעמענס געדענקען? גע־דענקט איהר כאָטש מיין נאָמען?

— אָה, יאָ! — האָט ער מיט אַ שמייכעל געענטפערט.— אייך ניט געדענקען!

— האָב איך הייסט עס די זכיה...

— אָבער איהר נאָמען האָב איך פערגעסען... אַ אינטע־רעסאַנטע מיידעל...

— ברענגט זי אַהער, וועל איך אייך זאָגען, — האָט זיך מיס קאַפּלאַן געוויצעלט.

— סיידען אַזוי, — האָט ער געזאָגט.

הכלל, ער ווייסט ניט איהר נאָמען. היינט ווי זאָל ער אריינ־געהן צו איהר? ווי געהט מען דאָס אריין אין אַ פרעמד הויז, און מען פרעגט אויף אַ מיידעל, ניט וויסענדיג איהר נאָמען? אָבער מען מוז געהן, און איהם ווילט זיך אויך געהן. און ער איז אַוועק.

די ווירטין פון הויז האָט איהם געעפענט די טיר, און גע־פרעגט איהם, וואָס ער דאַרף.

— איז מיס...

צו זיין גליק האָט זי אַליין דערהערט זיין שטימע, און זי איז מיט פרייד אַרויסגעלאָפען איהם אַנטקעגען. אַ שטיין פון

האָרצען איז איהם אַראָפּ. זי האָט איהם מיט שטאָלץ פאָרגעשטעלט פאַר איהר מיסים, און איהם אַריינגענומען צו זיך אין צימער.

און אַזוי איז זייער בעקאַנטשאַפט געוואַקסען, און זיי זיינען נעהענטער געוואָרען איינע צו די אַנדערע. ער האָט געזעהן, אַז די מיידעל איז אין איהם ממש פערליבט איבער די אויערן, און ער האָט געפיהלט, אַז זי ליבט איהם מיט אַ צוועק.

האָט ער זי אויך געליבט? די דאָזיגע פראַגע האָט ער זיך ניט געשטעלט. איין זאַך האָט ער געוואוסט, אַז זי איז אינטערעסאַנט, און ער איז צופרידען, וואָס זי ליבט איהם. ער וואָלט אפילו קיין ליבע ניט זשעדנע געווען, ווען ער וואָלט עס געזוכט. אָבער ליבע, ווייס ער, ענדיגט זיך דאָס רוב מיט חתונה, און דאָס האָט ער נאָך אין זינען ניט געהאַט, ווייל ער האָט זיך ניט געוואָלט בינדען הענט און פיס, ווי ער פלעגט זיך אַליין אויסדריקען אין זיינע געדאַנקען. האָט ער אַלזאָ קיין ליבע ניט געזוכט, און די מיידלעך, וועלכע וואָלטען גערן געווען איהם צו קריגען, האָבען ניט געיאָגט זיך נאָך איהם אַזוי אָפען און מיט אַזאַ עקשנות, ווי אָטאָ־די מיידעל, וועמעס נאָמען ער ווייס ניט. די עקשנות פון דער דאָזיגער מיידעל צו קריגען איהם, איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. דאָס האָט איהם העכסט הנאָה געטאָן, און ער איז מיט שמחה געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער אין דעם נעץ, וואָס זי האָט פאַר איהם פערשפרייט.

און ענדליך איז ער אין דעם דאָזיגען נעץ אַריינגעפאַלען. זי האָט איהם ממש געפאַנגען, און ער האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, און האָט זיך איהר ערקלערט אין ליבע.

ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון דעם ערשטען ליבעסכוס, האָט איהם שוין גענומען פערדריסען אויף דער גאַנצער געשיכטע. אָבער ער האָט באַלד צוריק אַ טראַכט געטאָן: וואָס שאַדט עס? ענדיגט זיך דען יעדע ליבע מיט אַ חתונה? און אַז אפילו חתונה האָבען, געהט ער דאָך נאָך מיט איהר ניט מאָרגען

צו דער חופּה! און ווי וועט ער עס גלאַט חתונה האָבן מיט אַ מיידעל, וועמעס נאָמען אפילו ער ווייסט ניט? נאָר וואָס האָט ער דערווייל וואָס צו טראַכטן? דערווייל איז אינטע־רעסאַנט. איי, איהר נאָמען? זאָל זיין אָהן אַ נאָמען!

אָבער זי האָט אַנדערש געטראַכט. זי האָט לאַנג קיין כלה ניט געוואָלט זיין, און זי האָט שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, ווען די חתונה זאָל זיין. און איינמאָל, פֿער'שכור'ט פון דער ליבע, האָט ער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, בעת זי האָט איהם געזאָגט דעם טאָג, ווען זי רעכענט מיט איהם צו דער חופּה געהן. עס איז ניט זעהר ווייט געווען: סוף הכל, אַ צוויי מאָנאַטען.

און זי האָט שוין מודיע געווען אַלע איהרע פריינד און בע־קאַנטע, אַז דעם און דעם טאָג אין דעם און דעם מאָנאַט זאָלען זיי זיך ריכטען אויף איהר חתונה.

און איהר נאָמען ווייסט ער נאָך אַלץ ניט. ער קושט זי און האַלזט זי, אָהן אַ נאָמען. און דאָ ווערט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער חתונה, און פישקינ'ען נעהמט קלאַפּען אין האַרצען. וועט ער טאַקע חתונה האָבן? אוים פרייער פויגעל? אָנטאָן שוין אויף זיך דעם יאָך? דאָס האָט זיך איהם זעהר און זעהר ניט געוואָלט, און ער האָט גענומען בעטען זי, די חתונה אָפּצולעגען. זי האָט עס אפילו ניט געוואָלט, אָבער מילא — וועט זי וואַרטען נאָך אַ ביסעל.

און די חתונה איז אַזוי אָפּגעלעגט געוואָרען און אָפּגעלעגט געוואָרען, און זיין ליבע האָט גענומען קיהלען און קיהלען, ביז זי איז קאַלט געוואָרען ווי אייז. די מיידעל האָט געוויינט, און פישקין, אום איהרע טרערען ניט צו זעהן, האָט גענומען זי אויס־מיידען. ענדליך האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און איהר אָפען ער־קלערט, אַז ער האַלט ניט ביי חתונה האָבען. ער איז אַוועק פון איהר, ניט וויסענדיג איהר נאָמען.

נאָר אין עטליכע וואָכען אַרום האָט ער ערהאַלטען אַ פּאַ־פּיר, אַז מיס מיני גרינהאַלץ האָט פערקלאָגט אין געריכט אייב

פישקין אויף צעהן טויזענט טאָלער שאַדענערזאַץ פאַר „בריטש אָף פּראָמיס.“ און אין דעם פּאַפּיר איז דערצעהלט געוואָרען די גאַנצע געשיכטע פון זיין ליבע מיט דער מיידעל, וועמעס נאָמען ער האָט ניט געוואוסט, ווי אזוי ער האָט פערשפּראָכען צו הייראטען מיט איהר און ווי ער האָט זיין וואָרט געבראָכען.

אָבער אין יענעם מאָמענט האָט איהם די גאַנצע געשיכטע ניט אינטערעסירט, און ער האָט זיך גאָרניט פערטראַכט וועגען דעם, מיט וואָס אזא קיים קען זיך אמאָל ענדיגען; איהם האָט בעת מעשה אינטערעסירט נאָר איין זאַך: איהר נאָמען.

„אזוי! מיני גרינהאָלץ הייסט זי! מיני גרינהאָלץ... מיני גרינהאָלץ... מיני גרינהאָלץ...“

און ער האָט לאַנג גע'חזר'ט דעם נאָמען, גלייך ווי ער וואָלט מורא האָבען, ער זאָל איהם ניט פערגעסען...

א מעדיצינישע טרילאָגיע.

(אַ מעשה מיט אַ סך מוסר־השכל'ס וועגען אַ אידען, וואָס האָט געקראָגען אַ קאָפּווערהטאָג, מיט איין אַלגעמיינעם מוסר־השכל, וואָס ווייזט, ווי אַזוי דאָקטוירים זוכען אַ דיאַגנאָזע און געפינען אַ קרענק, ביז דער פּאַציענט בעפרייט זיי פון אַלע טראָבעל. — צום סוף קומט אַן עפּילאָג, „ווי צו וויסען אַ קרענק". ספּעציעל געשריבען פאר פּאַבלייט).

---

1. דיאַגנאָזעס.

איך האָב געטראָפען מיינעם א לאַנדסמאַן. געווען אמאָל א גאַנץ קרעפטיגער איד, און איצט איז ער הויט און ביינער, חושך ווי די ערד. פרעג איך איהם:

— וואו האָט איהר אַהינגעטאָן אייער געזונד?

— ביי די דאָקטוירים, — ענטפערט ער מיר.

— אויף וואָס, אַן ערך, זייט איהר קראַנק? — פרעג איך איהם ווייטער.

— אויף דיאַגנאָזעס, — ענטפערט ער מיר.

— אויף וואָס? — פרעג איך איבער נאָך אמאָל.

— אויף דיאַגנאָזעס! — חזר'ט ער איבער נאָך אמאָל.

— וואָס איז דאָס פאַר א קרענק? — פרעג איך ווייטער.

— דאָס איז אזא קרענק, וואָס דאָקטוירים אַליין ווייסען אויך ניט, — איז געווען זיין ענטפער.

— קענט איהר מיר ניט דערצעהלען די היסטאָריע פון איי־

ער קרענק? — האָב איך איהם געבעטען, — איהר ווייסט דאָך, אז איך בין ניט קיין דאָקטאָר און איך וועל ביי אייך דערפאַר קיין געלט ניט נעהמען. ד'ערצעהלט, ליבער פריינד! איך דאַרף אזוי נויטיג א טעמע!

— אָ, מיט פערגעניגען! — האָט ער געענטפערט, און ער האָט גענומען דערצעהלען:

— אָנגעהויבען האָט זיך מיין קרענק פון א קאָפּוועהטאָג. וואָס איז א קאָפּוועהטאָג? גאָרנישט מיט גאָרנישט! נאָר אז די ווייב הייסט געהן צו א דאָקטאָר און זאָגט, אז זי וויל ניט זיין קיין אלמנה, פאָלג איך איהר.

קום איך צום דאָקטאָר, ערקלערט ער מיר, אז קאָפּוועהטאָג איז ניט קיין קרענק, נאָר א סימפּטאָם. דערפרעה איך זיך שוין, און וויל לויפען אהיים צו מיין ווייב מיט דער גוטער בשורה. האַלט מיך אָפּ דער דאָקטאָר: „וואַרט, מיסטער! איך בין נאָך מיט אייך ניט פאַרטיג.“

טענה איך צו איהם: „איהר האָט דאָך מיר נאָר וואָס געזאָגט, אז קאָפּוועהטאָג איז ניט קיין קרענק, נאָר א סימפּטאָם.“ זאָגט ער, אז א סימפּטאָם איז נאָך ערגער, ווי א קרענק, ווייל פון א קרענק קען מען פּטור ווערען, און פון א סימפּטאָם ניט. מיט א סימפּטאָם מוז מען שוין געהן צו א מומחה, צו א ספּעציאַליסט, הייסט דאָס.

„צו וואָס פאַר א ספּעציאַליסט שיקט מען אייך?“ האָט דער דאָקטאָר גענומען טראַכטען. „קאָפּוועהטאָג, פערשטעהט איהר מיך, קען זיין א סימפּטאָם פון אויגענוועהטאָג, פון בויך־וועהטאָג, פון לונגענפעהלער און פון וואָס איהר ווילט אין דער וועלט. נאָר לאָמיר אָננעהמען, אז איהר ליידט פון די אויגען, און מיר וועלען אייך שיקען צו אן אויגען־ספּעציאַליסט.“

איך האָב, אמת, געוואָלט פּראָטעסטירען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען: איך האָב געמוזט געהן צום אויגען־ספּעציאַליסט, בפרט מיין ווייב האָט מיר נאָך געסטראַשעט מיט בלינד

ווערען. דאָס רעזולטאַט איז געווען: אַ היבשע לאָך אין קעשענע. דער אויגען־ספּעציאַליסט האָט אויסגעפונען, לויט דעם אַלטען כּלל פון „יגעת מצאת", אַז מען זוכט געפינט מען, אַז דאָס לינקע אויג האַרמאָנירט ניט מיט מיין רעכטען, און איך האָב געמוזט אַנטאָן אַ פּאָרברילען מיט'ן פעראַזאַג צו קומען אין צוויי חדשים ארום נאָך אַמאָל, צו בייטען די ברילען.

אָבער מיין קאָפּוועהטאָג האָט דער אויגען־ספּעציאַליסט מ י ר איבערגעלאָזען. לויף איך צוריק צו מיין דאָקטאָר: סטייטש? גיט ער מיר צו פערשטעהן, אַז די שווערסטע זאַך אין דער מעדיצין איז פעסטצושטעלען די דיאַגנאָזע. האָרב אָבער שטעלט מען די דיאַגנאָזע, געהט דאָס שוין ווי געשמירט. מוז ער מיך אַלזאָ שיקען צו אַ צווייטען ספּעציאַליסט, אָבער דאָס מאָל שוין צו אַ האַרץ־ספּעציאַליסט.

„אָבער מיין האַרץ איז דאָך געזונט?" טענה איך.

„דאָס איז גאָרנישט, וואָס עס איז געזונט, דער ספּעציאַליסט וועט שוין אויסגעפינען."

און איך האָב ווידער געמוזט פאָלגען. און דער דאָקטאָר האָט געטראָפען: דער ספּעציאַליסט האָט טאַקע אויסגעפונען, אַז איך האָב אַ קראַנק האַרץ, און ער האָט מיך אַוועקגעשיקט קיין קאַרלסבאַד, נאַטירליך, אויף מיינע הוצאות.

געקומען פון קאַרלסבאַד — דער קאָפּוועהטאָג וויל אַלץ ניט אַוועקגעהן. צו וואָס פּאָר אַ ספּעציאַליסט טראָגט מען איצט אַוועק דעם קאָפּוועהטאָג? מיין דאָקטאָר שיקט מיך צו אַ לונגען־ספּעציאַליסט. מען מוז פעסטשטעלען די דיאַגנאָזע, טענה'ט ער.

אַוועק צום לונגען־ספּעציאַליסט. נעהמט ער מיך אויפ'ן פערהער.

„וואָס פּאָר אַ סימפּטאָמען, אַחוץ קאָפּוועהטאָג, האָט איהר נאָך?"

איך זאָג איהם, אַז איך האָב ניט. זאָגט ער מיר, אַז איך

מ ו ז האבען, ווייל אזוי זאגט די מעדיצין בנוגע צו טובערקו־לאזע. פרעג איך איהם: „פון וואנען איז געדרונגען, אז איך האב טובערקולאזע?“ ענטפערט ער מיר: „אז איהר האט ניט קיין טובערקולאזע, טו וואס זייט איהר צו מ י ר געקומען?“

מילא, איז געבליבען, אז איך האב טובערקולאזע. בלייבט נאר איצט איבער די סימפטאמען. פרעגט מיך דער ספעציא־ליסט:

„הוסטען הוסט איהר?“

„ניין“, ענטפער איך.

„דאס איז שלעכט. איהר מוזט הוסטען, אנדערש קענט איהר קיין טובערקולאזע ניט האבען. נו, און שוויצען ביינאכט שוויצט איהר?“

„אויך ניט.“

„מוזט איהר אלזא זעהן צו שוויצען.“

א. אז. וו., א. אז. וו., ביז איך האב פון איהם געקראגען א גאנצען צעטעל מיט סימפטאמען, און בין אוועק אהיים רייכער מיט נאך א מחלה.

בקיצור, מיט די לונגענס, מיט׳ן הארץ, מיט די אויגען בין איך פערזארגט. אבער וואס טוט מען מיט׳ן קאפוועהטאג? ס׳איז טאקע ניט מעהר ווי א סימפטאם, אבער ער האט זיך איינגעגעסען ווי א קרענק, און וויל ניט אוועקגעהן. לויף איך ווייטער צו מיין דאקטאר. שיקט ער מיך ווידער צו א ספעציא־ליסט נאך א דיאגנאזע. דאס מאל איז עס געווען א מאגען־ספעציאליסט. און ער האט אויך געהאלטען פון דעם כלל „יגעת מצאת„, האט אומזיסט קיין געלט ניט געוואלט נעהמען און האט ענטדעקט ביי מיר א מאגען־קאטאר.

אבער אויך דער מאגען־ספעציאליסט האט ביי מיר דעם קאפוועהטאג ניט אוועקגענומען, און איך האב געמוזט געהן צו א נערווען־ספעציאליסט נאך א נייע דיאגנאזע. און עס וועט וואהרשיינליך דערמיט זיך ניט ענדיגען: עס זיינען דא נאך

גענוג ספעציאַליסטען, און יעדערער פון זיי מוז עפּעס אויסגע־
פינען, אַ דיאַגנאָזע שטעלען. מיין דאָקטאָר סטראַשעט מיך, אַז
אויב קיין שום ספעציאַליסט וועט ניט קענען פעסטשטעלען מיין
דיאַגנאָזע, וועט ער מיך שיקען צום דיאַגנאָסטיקער אַליין. דער
גאַנצער טראַבעל מיט מיר, זאָגט ער, איז די דיאַגנאָזע. ווען ניט
די דיאַגנאָזע, זאָגט ער, וואָלט איך געווען געזונט און שטאַרק.

* * *

אַז מיין בעקאַנטער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין געשיכ־
טע, האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן:

— אָבער אחוץ די דיאַגנאָזע, וואָס הערט זיך מיט אייער
קאַפּוועהטאָג?

— מיין קאַפּוועהטאָג, — האָט ער מיר געענטפערט, —
איז פערשוואונדען, אָבער איך בין נאָך אַלץ אונטער דער אויפ־
זיכט פון דאָקטוירים, היינט ווי קען איך געזונט זיין? און דאָן
זאָגט מיין דאָקטאָר, אַז צום געזונט האָט דאָס ניט — די דיאַג־
נאָזע מוז מען געפינען.

2. דיעטיטים.

מיין לאַנדסמאַן, וועלכער האָט נעביך, ניט פאַר קיינעם
גערעכט, געליטען אַ לאַנגע צייט פון דיאַגנאָזעס און איז אַזוי
געזונט געוואָרען אָהן אַ דיאַגנאָזע, איז ווידער, ניט פאַר קיינעם
גערעכט, ניט מיט אַלעמען, און אַזוי ווי ער האָט גענומען שטאַרק
באַדערן די דאָקטוירים מיט טאַלערס, מיט צוויי טאַלערס און
אפילו מיט פינפערלעך, האָבען זיי איהם גענומען שטראָפען מיט
דיעטעס.

און אַ דיעטע, רבותי, איז גאָר אַן אומגליק. דאָס איז אַ
מכה אשר לא כתובה בתורה, און ווען טביה דער מילכיגער

לעבט, טייטשט ער עס אָפּ: אַ מכה אָהן רעצעפּטען און אָהן רפואות. עס איז ווי אין פּסוק שטעהט: את זה תאכל ואת זה לא תאכל, און טביה דער מילכיגער וואָלט עס ווידער אָפּגע־טייטשט: ביסט ניט קראַנק צו עסען קדחת מיט כשר'ע פּאַדים.

הכלל, ווען מיין לאַנדסמאַן האָט דערפּיהלט, אַז ער איז ניט מיט אַלעמען, האָט ער בעשלאָסען שוין מעהר ניט צו געהן צו דאָקטוירים נאָך דיאַגנאָזען. נאָר ער וועט זיך אַליין שטעלען די דיאַגנאָזע. מילא באַנקעס שטעלען, האָט ער זיך גע'חקרנ'ט, קען מען אַליין ניט, אָבער אַ דיאַגנאָזע קען מען זיך דאָ יאָ אַליין שטעלען! צו וואָס באַדערן אומזיסט די דאָקטוירים? און דאָס פּאָלק אַליין האָט דאָך שוין לאַנג גע'פּסק'ענט: „ניט פרעג דעם רופא, נאָר פרעג דעם חולה." און אָט אַזוי חקירה'נדיג זיך, האָט ער זיך געשטעלט די דיאַגנאָזע, אַז ער ליידט אויפ'ן מאָגען.

און מיט דער דאָזיגער פּאַרטיגער דיאַגנאָזע איז ער אַוועק ווידער צו אַ מאָגען־ספּעציאַליסט.

אַז ער איז געקומען צום מאָגען־ספּעציאַליסט, האָט ער גע־קראַגט צו וויסען, אַז אום צו קריגען אַ רפואה שלמה, מוז ער בעצאָהלען פּאָר דריי וויזיטען, אַ פּינפּעריל אַ שטיק: איין ווי־זיט — דער איצטיגער, וואָס דער ספּעציאַליסט דאַרף איהם אַרומפרעגען און אַרומטאַפּען; דער צווייטער וויזיט — שטע־לען די דיאַגנאָזע, און ענדליך דער דריטער וויזיט — געבען די דיעטע.

רופט זיך אָפּ מיין לאַנדסמאַן: „וועלל, הערר דאָקטאָר! די אַרבייט פון צוויי וויזיטען האָב איך איך שוין איינגעשפּאַרט. איהר גיט מיר נאָך דעם דריטען וויזיט, די דיעטע מיין איך."

האָט דאָך איהם מסתמא דער דאָקטאָר אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם: „וואָס הייסט איהר האָט מיר איינגעשפּאַרט צוויי וויזיטען? זייט איהר שוין געוועזן ביי אַן אַנדער ספּעציאַליסט?"

אָבער מיין לאַנדסמאַן איז ניט פון די שרעקעדיגע, און ער

רופט זיך אָפּ: „ניין, איך בין נאָך ניט געווען ביי קיין דאָק־טאָר.“

קוקט איהם דער ספּעציאַליסט ערשט אָן ווי אַ משוגע׳נעם. גיט איהם מיין לאַנדסמאַן צו פערשטעהן, אַז ער איז געקומען מיט אַ פאַרטיגער דיאַגנאָזע. ווערט שוין דער ספּעציאַליסט גאָר מבולבל: „וואָס הייסט אַ פאַרטיגע דיאַגנאָזע?“ פרעגט ער. „וואו האָט איהר זי גענומען?“

— מסתמא אין אַ רעסטאָראַן, — ענטפערט מיין לאַנדס־מאַן.

— איך מיין, ווער האָט אייך די דיאַגנאָזע געשטעלט? — פרעגט איהם דער ספּעציאַליסט.

— אליין געשטעלט זי, — ענטפערט מיין לאַנדסמאַן.

— זייט איהר אַליין אַ דאָקטאָר? — פרעגט איהם דער ספּעציאַליסט.

— אַליין קיין דאָקטאָר בין איך ניט, — ענטפערט מיין לאַנדסמאַן, — נאָר אַ קרענק ווייס איך ניט ערגער פון דעם גרעסטען דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט דאָ דערזעהן, אַז ער האָט דאָ צו טאָן ניט מיט קיין נאָר אַ אידען, רופט ער זיך צו איהם אָן:

— גוט, האָט איהר געקענט אַליין שטעלען די דיאַגנאָזע, אָבער פון וואַנען האָט איהר געקענט וויסען די סימפּטאָמען? אַלס דיאַגנאָסטיקער דאַרפט איהר דאָך וויסען, וואָס סימפּטאָמען איז...

— געוויס ווייס איך די סימפּטאָמען, — ענטפערט מיין לאַנדסמאַן, — נאָך בעסער פון אַ דאָקטאָר, ווייל דער דאָקטאָר דאַרף דאָך ביי מיר פרעגען די סימפּטאָמען. און וואָס דאַרף איך אַ בעסערען סימפּטאָם ווי בויכוועהטאָג? פאָלגט מיר, הערר דאָקטאָר, גיט מיר די דיעטע צו מאָגען־קראַנקהייט און באַדערט זיך ניט!

— אָבער מאָגען־קראַנקהייט איז צו אַלגעמיין, — טענה׳ט

דער דאָקטאָר, — עס דאַרף נאָך ספּעציפיצירט ווערען, וואָס פאַר אַ מאָגען־קראַנקהייט, וואָס פאַר אַ „איטיס". עס איז דאָ אַ גאַסטריטיס, קאַטאַריטיס...

— און למנצח על הגיתית, — ענדיגט מיין לאַנדסמאַן מעשה טביה דער מילכיגער, — נאָר מילא, הערר דאָקטאָר, אַז איהר געטרויט ניט מיין דיאַגנאָזע, טאָ טוט מיט מיר וואָס איהר ווילט, אַבי גיט מיר נאָר די דיעטע.

בקיצור, ווי איהר זעהט דאָך, האָט דער דאָקטאָר אויסגע־פיהרט, און אַזוי איז דאָס געווען: דריי וויזיטען, צו פינפעריל אַ שטיק, ס"ה פופצעהן טאָלער. און מיין לאַנדסמאַן איז אַוועק אַהיים מלא שמחה, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטען די דיעטע און אין דער צווייטער — דעם בויך, ווע͏לכער האָט איהם זעהר שטאַרק וועה געטאָן.

די דיעטע איז געווען אַ גאַנצער שלחן ערוך, און ווען מיין לאַנדסמאַן האָט דאָס אַהיים געבראַכט, איז די לאַנדסמאַניכע אַ פערצאַפּעלטע געוואָרען און האָט פּאַטעטיש אויסגעשריען:

— איך ווייס ניט, צי די דיעטע וועט דיך געזונט מאַכען. אָבער מיך וועט זי געוויס קראַנק מאַכען. ס'איז דאָך אַזוי פיעל אַרבייט! האָסטו גאַרניט געקענט נעהמען ביים דאָקטאָר אַ פאַרטיגע דיעטע, אַן אָפּגעקאָכטע, אַז איך זאָל זיך ניט דאַר־פען באַדערן? איז נאָך אַ פינפעריל!

און מיין לאַנדסמאַניכע האָט טאַקע געטראָפען: זי איז אַליין קראַנק געוואָרען פון באַדערנדיג זיך גאַנצע טעג מיט איהר מאַנ'ס דיעטע. דאָס געדולד האָט איהר געפּלאַצט, און צורייסענ־דיג די דיעטע אויף פּיץ־פּיצלעך, האָט זי זיך אָנגערופען צו איהר מאַן:

— געה, בעט ביים דאָקטאָר אַן אַנדער דיעטע, אַ גרינגערע.

איז ער אַוועק צום דאָקטאָר נאָך אַ גרינגערע דיעטע.

— וואָס איז דער מער? — האָט איהם דער דאָקטאָר גע־פרעגט, — איז יענע דיעטע פאַר אייך געווען צו שווער?

— פאר מיר ווי פאר מיר, נאר פאר מיין ווייב איז זי גע־וויס געוועז צו שווער, — האט מיין לאנדסמאן געענטפערט,— צופיעל באדער געוועז.

— אבער איהר אליין, ווי פיהלט איהר זיך?

— נאך הערינג פיהל איך זיך זעהר גוט.

דא איז דער דאקטאר געווארען אן אנגעצונדענער.

— הערינג האט איהר געגעסען, ניט די דיעטע? — האט ער געשריען אויף מיין לאנדסמאן.

— גאט איז מיט אייך! — האט מיין לאנדסמאן געלאסען געענטפערט, — ווי אזוי וועל איך דאס ניט עסען די דיעטע, ווען זי קאסט מיך פופצעהן בלוטיגע טאלערס? — איך האב געגעסען אי הערינג, אי די דיעטע.

— אבער איך האב דאך אייך אנגעזאגט קיין הערינג ניט צו עסען!

— אבער דאס פערשאדט מיר ניט!

— נעווער מאינד, וואס עס פערשאדט אייך ניט, אבער איהר טארט קיין הערינג ניט עסען, ווייבאלד אז אין דער דיעטע איז עס ניטא.

מיין לאנדסמאן אבער איז א איד, וואס לאזט זיך ניט שפייען אין קאשע, רופט ער זיך אן:

— נעווער מאינד אייער דיעטע. הלמאי שטעהט דארט, אז איך זאל טרינקען מילך און עסען ווייכע אייער, און נאכדעם שפארט עס מיר אונטער'ן הארצען? פערקעהרט, קאווע און הארטע אייער, וואס עס שטעהט ניט אין דער דיעטע, פערדייה איך גאנץ גוט.

— נעווער מאינד, וואס איהר פערדייהט, — האט דער דאקטאר ווידער געשריען אויף מיין לאנדסמאן, — אז איך זאג אייך, אז קיין הארטע אייער טארט איהר ניט עסען, זאלט איהר ניט עסען.

— מילא, לאמיר ניט קריעגען זיך, הערר דאקטאר, —

האט זיך מיין לאנדסמאן אנגערופען, — און גיט מיר בעסער א גרינגע דיעטע פאר מיין ווייב, איך מיין, אזא דיעטע, וואס זי זאל ווייניגער באדער האבען מיט מיר.

— מילך און לויזע אייער — איז געווען דער קורצער פסק־דין פון דעם דאקטאר.

מיין לאנדסמאן האט זיך ביי איהם רחמים געבעטען, אז ער זאל איהם אזא דיעטע ניט געבען. ווייל ער איז א דער'הרג'ע־טער נאך אזא דיעטע, אבער עס האט ניט געהאלפען.

האט זיך מיין לאנדסמאן אזוי אפגעמוטשעט מיט מילך און לויזע אייער, ביז ער האט בעשלאסען צו געהן צו אן אנדער דאקטאר, און יענער האט איהם אן אנדער דיעטע געגעבען און אז. וו., א. אז. וו., א. אז. וו., ביז ער האט געקראגען עפעס א מאדנע קראנקהייט, וואס קיין דאקטאר וויים נאך ניט, וואס דאס איז אזוינס. מיין לאנדסמאן אבער זאגט, ער איז זיכער, אז דאס איז די מחלה „דיעטיטיס", און קומען קומט עס פון דיעטעס.

דער מוסר־השכל איז: באדער ניט די דאקטוירים, וועלען זיי דיך ניט באדערן!

---

3. רעפלעקסיע.

דער לאנדסמאן מיינער, וואס האט געליטען יאהרענלאנג פון דיאגנאזעס און דיעטעס, איז שוין עליו השלום. די דאק־טוירים האבען פריי אפגעאטעמט, און האפענטליך, אז ער וועט זיי שוין מעהר ניט באדערן. ארימע דאקטוירים!

און געשטארבען איז ער, מיין לאנדסמאן, ניט ווי ער האט גערעכענט — פון דיאגנאזעס און פון דיעטעס, נאר פון א רעפלעקסיע. די דאקטוירים האבען אפילו געזאגט, אז ער איז געשטארבען פון „קאמפליקיישאן אוו דיזיסעס", נאר איך פרעג

אייך: איז ניט געווען אַ י י ן קראַנקהייט אויף צו טויטען אַ מענשען? צו וואָס אַלע ארבע מיתות בית דין? טאַקע דאָק־טוירים, אָבער וואו איז דאָס דער יושר אַנצושיקען אַזוי פיעל קראַנקהייטען אויף איין מענשען. און נאָך אויף אַ געשטאָרבע־נעם, וועלכער קען זיך שוין נעבעך ניט וועהרען און ניט קלאָגען זיך און ניט אַנווייזען, וואו עס טוט איהם וועה? אַ געפאַלענעם שלאָגט מען ניט. אַז דעם דאָזיגען כלל מעגען זיך אַפילו דאָק־טוירים האַלטען.

נאָר וואָס איז די רעד? ער איז טויט, מיין לאַנדסמאַן, ווי אַלע טויטע, גלייך ווי ער וואָלט אויף זיין לעבען גאַרניט גע־קרענקט. נו, פרעג איך אייך, וואָס'ט ער אויסגעפיהרט? אָפּ־געהאָוועט אַ לעבען מיט דיאַגנאָזעס און דיעטעס, און צום סוף איז ער געשטאָרבען! עט, עס לוינט זיך גאַרניט צו קרענקען, ווייבאַלד דערנאָך מוז מען שטאַרבען.

איך האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבען פון אַ רעפּלעקסיע אויף צו־להכעיס די דאָקטוירים. ומעשה שהיה כך היה:

אויב איהר געדענקט, איז דאָס געווען אַ קרענק אַ איד. אַלע דאָקטוירים האָט ער ממש קראַנק געמאַכט, אָבער די דאָקטוירים האָבען לכל הפחות געקראָגען פאַר דעם בעצאָהלט, און ער — אַ קרענק. יעדער דאָקטאָר האָט איהם אַן אַנדער קרענק געגע־בען, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ איד אַ חלוש און ער האָט ניט געקענט טראָגען אין זיך אַלע קרענקען, האָט ער ענדליך אויסגעקליבען איינע פון זיי — מאַ־גען־קראַנקהייט. פאַרוואָס עפּעס מאַגען־קראַנקהייט? ווייל נאָך זיין שכל, וועלכער איז איצט שוין לײדער אויף דער וועלט ניטאָ, איז אויסגעקומען, אַז מיט אַ מאַגען־קראַנקהייט קען מען אָפּלע־בען 120 יאָהר. פאַרוואָס? אַזוי: אַ לונגען, אַ הארץ איז אַ געפעהרליכע זאַך, אָבער אַ מאַגען, ווער הערט איהם? ער באַ־דערם? עסט מען ניט! אַזוי האָט ער פילאָזאָפירט, און ער איז

אין זיין פילאָזאָפיע דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען קען אינ־גאַנצען לעבען אָהן אַ מאַגען. און לעבען אָהן אַ מאַגען איז פאַר איהם געוואָרען אַווירקליכער אידעאַל: די עקאָנאָמישע פראַגע וואָלט דאַן געלייזט געוואָרען. אַ האַרץ, אַ לונגען בעט ניט עסען, טו זאָלען זיי זיך זיין געזונטערהייד, אָבער אַ מאַגען? צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט זיין מאַגען־קראַנקהייט און זיך געלעבט גאַרניט שלעכט און ער וואָלט זיך אַזוי אָפּגע־לעבט רוהיג, ביז ער וואָלט געשטאָרבען פון אַן אַנדער קראַנק־הייט, ווי אַן אַנדער דאָקטאָר האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט. האָט איהם אָבער אָנגעהויבען צו שטעכען אין ברוסט. עס שטעכט אין ברוסט, האָט ער שוין ניט געוואָלט ליידען, און ער איז אָוועקגעלאָפען מיט אַ יעלה צו זיין דאָקטאָר דעם מאַגען־ספּע־ציאַליסט:

— דאָקטאָר, עס שטעכט אין ברוסט!

ביים מאַגען־ספּעציאַליסט איז דער גאַנצער מענש בע־שטאַנען פון איינעם מאַגען. קיין אַנדערע איברים אחוץ'ן מאַגען האָט ער גאַרניט געוואָלט אָנערקענען. די גאַנצע מענשהייט האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס איין גרויסער מאַגען, און ער, דער איינציגער דאָקטאָר. איז אַז יענער איז צו איהם געקומען מיט'ן געשריי, אַז עס שטעכט איהם אין ברוסט, האָט ער איהם אַ טאַפּ געטאָן דעם בויך, און ערקלערט, אַז ס'איז גאַרנישט.

— אָבער עס שטעכט דאָך מיר אין ברוסט, — האָט מיין לאַנדסמאַן ע"ה גע'טענה'ט.

— ניט די ברוסט טוט אייך וועה, נאָר דער מאַגען! — האָט דער דאָקטאָר שטרענג געזאָגט.

— טו פאַרוואָס שטעכט מיר אין ברוסט? — האָט זיך מיינער ניט געוואָלט בערוהיגען.

— דאָס איז ניט אייערע ביזנעס! — האָט דער דאָקטאָר ווידער שטרענג געזאָגט.

— וואָס הייסט ס'איז ניט מיינע ביזנעס? — איז שוין מיינער אין כעס געוואָרען, — עס איז דאָך מיין ברוסט, ניט אייערע!

— קיינער נעהמט זי ביי אייך ניט אָפּ! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — האַלט זיך מיט איהר געזונטערהייד!

— איך וואָלט אָבער געוואָלט צופרידען, ווען מען נעהמט ביי מיר צו די שטעכעניש, און מען לאָזט מיר נאָר איבער די ברוסט אַליין, — האָט מיינער געזאָגט.

— דאָס וועט אַוועקגעהן, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט,— אַזוי שנעל ווי אייער מאָגען וועט בעסער ווערען.

— וואָס איז דער שכל דערפון? — איז שוין מיינער גלאַט טשיקאַווע געוואָרען צו וויסען.

— צו וויסען דעם שכל דערפון, מוזט איהר געהן אין קאָ־לעדזש, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— אָבער וואָס זאָל איך זאָגען מיין ווייב? — איז מיי־נער צוגעשטאַנען.

— זאָגט איהר, אַז ס'איז גאָרנישט, — האָט דער דאָק־טאָר געענטפערט.

— מילא ביי מיר קענט איהר עס פּועל'ן, אַז ס'איז גאָר־נישט, — האָט מיינער געזאָגט, — אָבער מיין ווייב קענט איהר ניט בלאָפען. איהר מוזט איהר זאָגען דעם אמת, דערליווערן די גודס, ווי מען זאָגט. איך מוז איהר זאָגען, ווי דאָס רופט זיך.

— וואָס ווי רופט זיך? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— אָט דאָס וואָס ס'איז מיר טוט־וועה... איך מיין, די שטעכעניש אין ברוסט. ווי זאָל איך דאָס איהר ערקלערען?

— צו וואָס דאַרף זי דאָס אינגאַנצען וויסען?

— אָט זי דאַרף דאָס פאַר די שכנות דערצעהלען.

— וועל, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — זאָגט איהר,

אז ס'איז אַ רעפּלעקסיע פון דעם מאַגען, ד. ה., אַז אין דער אמת'ן איז אין דער ברוסט גאָרנישט ניטאָ, נאָר די וועהטאָגען פון מאַגען רופען זיך אָפּ אויף דער ברוסט.

— איז ווי רופט איהר דאָס?

— רעפּלעקסיע.

און מיינער איז אוועק מיט דער רעפּלעקסיע אהיים, און עס איז אוועק אַ סדרה רעפּלעקסיע. דער ווייב איז דער נאָמען שטאַרק געפעלען געוואָרען, און זי פלעגט רק איהם פרעגען: „וואָס מאַכט דיין רעפּלעקסיע?“ און ער פלעגט ענטפערן: „עס שטעכט נאָך!“ און די שכנות פלעגען ביי דער ווייב כסדר פרעגען: „וואָס מאַכט אייער מאַנ'ס רעפּלעקסיע, ניט פאַר קיינעם געדאַכט?“ און זי פלעגט זיי ענטפערן: „אַ, פרעגט גאָרניט! דאָס איז שוין איין מאָל אַ רעפּלעקסיע!“ און איין טאָג האָט זיך פאַר איהר שוין אַ שכנה בעקלאָגט, אַז עס דאַכט זיך איהר, צי וואָס, אַז זי האָט שוין אויך געקראָגען אַ רעפּלעקסיע. און ווייט און ברייט האָט מען גענומען רעדען וועגען דער נייער קראַנקהייט ר"ל, וואָס האָט זיך בעוויזען און וועלכע הייסט מיט אַזאַ „פּענסי“ נאָמען ווי רעפּלעקסיע.

און מיין בעקאַנטער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט דער רעפּלעקסיע און געאָכצעט און געקרעכצעט, צוביסלעך: „אוי, מיין רעפּלעקסיע!“ ביז ער האָט איינמאָל אַזוי הויך און שטאַרק אַ געשריי געטאָן: „אוי...“ און שוין! אפילו „מיין רעפּלעקסיע“ ניט געענדיגט. אָבער ער האָט דאָס זיכער געוואָלט זאָגען.

מילא, זיין סוף ווייסט איהר דאָך שוין. איך וויל אייך נאָר בעמערקען, אַז דער מאַגען־ספּעציאַליסט האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מיין בעקאַנטער איז געשטאָרבען נאָר פון'ם מאַגען. די איבעריגע דאָקטוירים, ווי איהר ווייסט שוין, האָבען ערקלערט „קאָמפּליקיישאָן אָוו דיזיזעס“, אָבער איך זאָג אייך, אַז ער איז געשטאָרבען פון דער רעפּלעקסיע. זיין ווייב זאָגט דאָס אויך און אַלע שכנות זאָגען דאָס אויך, בעמערקענדיג דערביי:

„וואס איז? די דאקטוירים ווייסען דען עפעס? טראכטען אפריהער אויס א קרענק, א רעפלעקסיע, זאל גאט אויסהיטען, און ווייסען דערנאך ניט ווי צו היילען דאס!"

עפילאג: ווי צו וויסען א קרענק.

אום צו וויסען א קרענק, מוז מען וויסען די סימפטאמען פון דער קרענק. יעדע מין קראנקהייט, אדער „איטים", ווי דאס ווערט וויסענשאפטליך אנגערופען, האט איהרע סימפטאמען. וואס אן אנדער קראנקהייט, אדער „איטים", דארף דאס ניט האבען. אמאל מאכט זיך, אז צוויי אדער עטליכע קראנקהייטען האבען איינע און די זעלבע סימפטאמען, קומט פאר א קאמף צווישען די קראנקהייטען איבער די סימפטאמען — איין קראנקהייט שלעפט די סימפטאמען צו זיך, און די צווייטע צו זיך — און וואס זאל נעביך דער דאקטאר טאן? פאיטען זיך אזוי ארום די קראנקהייטען, ביז דער חולה נעביך פעקעלט זיך אריבער אויפ'ן עולם האמת אדער בלייבט לעבען ביז 120 יאהר, און גארנישט.

אלזא, אום צו אונטערשיידען פון איין קראנקהייט ביז א צווייטער, זאגען מיר דא אויס די סימפטאמען פון יעדער קראנקהייט:

מאקעבעצידאיטיס. די סימפטאמען: קאפּ־וועהטאג, פערלוסט פון אפעטיט, אפטמאל אויך ברעכען, שוואכקייט, מעגליך אויך היץ א. אז. וו.

אימרוליילאהימיטיס. די סימפטאמען: מעגליך אויך היץ, שוואכקייט, אפטמאל אויך ברעכען, פערלוסט פון אפעטיט, קאפּוועהטאג א. אז. וו.

די איבעריגע קראנקהייטען האבען אויך די זעלבע סימפּטאמען, נאר אביסעלע אנדערש. אט אזוי האט יעדע קראנק־

הייט איהרע בעזונדערע סימפּטאָמען, מיר וואָלטען אויסגערע־
כענט נאָך סימפּטאָמען, נאָר. ליידער, זיינען זיי קיין סך ניטאָ.
אך! אזוי פיעל קראנקהייטען און אזוי ווייניג סימפּטאמען!
אַ סקאַנדאַל!
אָמן סלה!

דער הומאָר־צאַפּער.

פאָלגענדע טעמע האָט מיר אוועקגעשענקט אַ ברודער־שרייבער, וועלכער האָט זיך קוים מיט'ן לעבען געראַטעוועט פון אַ מדינה, וואו אַלע שרייבער, די טויט־ערנסטע אפילו און להבדיל די גרעססטע קאַליקעס מוזען שרייבען הומאָר, צי מען קען, צי מען קען ניט. עס מעג געהן אַ שלאַקס־רעגען, עס מעג זיין אַ הונגער אין לאַנד, אַ שרפה, אַן ערד־ציטערניש, אַ פּאָג־גראָם, אַדער אַן אַנדער אומגליק ר"ל — מוז מען הומאָרעווען. אַזאַ מדינה איז דאָס און אַזאַ מאָדע איז דאָרטען, ניט פאַר אונז געדאַכט. צוליב צענזור־בעדינגונגען, ד. ה. פּשוט צוליב דעם, מען זאָל פון יענער הומאָריסטישער מדינה חלילה ניט קריגען אויסגעפּאַטשט, ווייל זי קען אפשר אויסגעפינען, אַז מיר לאַכען אויס איהר הומאָר, וועלען מיר זי אָנרופען: „הומאָר־לאַנד", און דעם בחור הזעצער וועלען מיר שטאַרק בעטען, אַז ער זאָל ניט מאַכען קיין „אומער־לאַנד", מיינענדיג, אַז יענע מדינה מוז שוין זיין געגנוג פעראומערט פון דער שפע הומאָר, וואָס מען האָט אויף איהר ר"ל אַרויפגעגאָסען.

איצט, פערשטעהט איהר דאָך, וועט איהר מיך פרעגען, ווי אַזוי שענקט דאָס אַוועק איין שרייבער אַ צווייטען אַ טעמע? אדרבא, אַ שרייבער וועט גיכער צונעהמען ביי אַ צווייטען אַ טעמע, ניט נאָר וואָס אַוועקשענקען! אַבער איך מוז אייך זאָ־גען, אַז יענער שרייבער איז אין הומאָרלאַנד פערהומאָרעוועט

געוואָרען אויף טויט, און ער האָט צוליב דעם געוואָרפען אַז אום'חן אויפ'ן גאַנצען שרייבער־טרייד. ער וויל, זאָגט ער, אַרויסטרייסלען פון זיך דאָס לעצטע ביסעל הומאָר, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט אין יענער מדינה, און האַדיע! זיך נעהמען צו עפּעס אַנדערש. איהר האָט איהם געדאַרפט אַנקוקען: הויט און ביינער, אַ פערזויערטער, אַ פערקרימטער פּנים, אַט דאָס האָט פון איהם די הומאָריסטישע אַרבייט געמאַכט!

— אַז איך בין אַנגעקומען אין הומאָר־לאַנד, — האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען, — איז גלייך דער „ליך־לאַך“, דער גרעסטער הומאָריסטישער פּייפער פון הומאָר־לאַנד, אַרויס מיט אַ נאָטיץ, אַז דער בעוואוסטער, גרעסטער אידישער הומאָריסט דר. לאַכמאַן איז אַנגעקומען אין הומאָר־לאַנד און ער וועט זיין אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון „ליך־לאַך“.

מיין נאָמען איז טאַקע לאַכמאַן, אָבער איך בין ניט קיין הומאָריסט און ניט קיין דאָקטאָר. לויף איך אוועק מיט כעס אין דער רעדאַקציע פון „ליך־לאַך“, און כאַפּ אַז דעם רעדאַקטאָר פּאָר'ן לאַץ און גיב איהם אַ טרייסעל:

„וואָס האָט איהר צו מיר געהאַט? איך בין דאָך ניט קיין הומאָריסט, אפילו ניט דער קלענסטער!“

בעפרייט ער זיין לאַץ פון מיר און כאַפּט אַז מיין לאַץ און בערוהיגט מיך מיט די ווערטער:

„זייט ניט קיין גרינער! מיר וועלען שוין דאָ פון אייך מאַכען אַ הומאָריסט. אויף דעם בין איך אַ הומאָר־צאַפּער. אפילו פון אַ שטיין, פון אַ האָלץ קען איך צאַפּען הומאָר. איהר מעגט אָנשרייבען די אומעטיגסטע זאַך, האָב איך אָבער אַ שער, וועלכע בעווייזט גאָר וואונדער: אַ שניד אַהער און אַ שנייד אַהין, און עס קומט אַרויס הומאָר. ניט אומזיסט בין איך אַמאָל אַ שניידער געוועזן. איך אַרבייט מיט דער שער בעסער ווי מיט דער פּען.“

„גוט", האָב איך זיך אָפּגערופֿן, שוין אַביסל ווייכער, „וועט איהר פֿון מיר צאַפּן הומאָר. וואָס קען איך העל־פֿן? אָבער צו וואָס האָט איהר מיך פֿאַר אַ דאָקטאָר גע־מאַכט?"

„וועל", האָט ער געזאָגט, „דאָ מוז אַ שרייבער זיין אַ דאָקטאָר. שרייבעריי און דאָקטאָריע געהען דאָ האַנט אין האַנט. קיין פּליינע שרייבעריי געהט ביי אונז ניט."

אַ לעבען האָב איך דאָך געמוזט מאַכען. מילא, בין איך געוואָרען אַ קרבן פֿון אומשטענדען און אַזוי אַרום בין איך אויך געוואָרען אַ הומאָריסט, אַז איך האָב זיך דערנאָך איינפֿאַך גע־חידוש'ט: ווי קומט צו מיר הומאָר?

די ערשטע הומאָריסטישע זאַך האָב איך זיך געמאַטערט אַנצושרייבען לויט די הומאָריסטישע טראַדיציעס פֿון מיין אַל־טער היים. איך האָב עס געבראַכט דעם רעדאַקטאָר פֿון „ליך־לאַך" און עס איהם איבערגעלייענט.

„וועל," האָט ער געזאָגט, „ס'איז צו שאַבלאָן. ביי אונז שרייבט מען אַנדערש הומאָר. איך וועל אייך שוין ווייזען. אַט, צום ביישפּיל, ביי אייך געפֿינט זיך דער אויסדרוק: לאַ מיט אַן אלף. דאָס איז צו שאַבלאָן. ביי אונז שרייבט מען: לאַ מיט אַ בית. פֿערשטאַנען? דאָס הייסט הומאָר. אָדער ביי אייך געפֿינט זיך אַזאַ אויסדרוק, ווי: רעד צו איהם און רעד צו דער וואַנט. אויך שאַבלאָן. איך שרייב בכלל ניט, איך שנייד נאָר מיט דער שער. איהר זעהט, ס'אַראַ גרויסע שער? אָבער ווען איך שרייב, דריק איך זיך אויס אַזוי: רעד צו איהם און רעד צום סילינג. איך וועל אייך שוין אויסלערנען."

„אָבער אַזוי איז די זאַך גוט?" פֿרעג איך ביי איהם.

ער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

„האָב איך, הייסט עס, אומזיסט געאַרבייט?" פֿרעג איך איהם.

„וועל", האָט ער געענטפֿערט, „דערווייל אומזיסט.

מיינט ניט, אז דאָס איז נאָר מײַן מיינונג אַליין. איך וועל אַ רוף טאָן גאָר אַן אומפּאַרטײיִשען מענשען, אַט מײַן שיק־בּאָי. יאָסעל, קום נאָר אַהער!"

יאָסעל איז אַרײַנגעלאָפען, און דער הומאָר־צאַפּער האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

„וועל, יאָסעל, וויש אָפּ די נאָז און הער אויס אַ הומאָריסטישע זאַך."

איך האָב נאָך אַמאָל איבערגעלייענט און געוואַרט אויף יאָסעל'ס מבינות. יאָסעל האָט אָבער געוואַרט אויפ'ן רעדאַקטאָר'ס מבינות, און ווען דער רעדאַקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס טויג ניט, האָט ער אויך גע'פּסקנ'ט, אַז עס טויג ניט.

„אַן אומפּאַרטײיִשער מענש!" האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט אויף יאָסלען. „האָט קיין אורזאַך ניט מיך צו חנפ'ענען. נעהמט איינגאַנצען צוויי טאָלער מיט אַ קוואָדער אַ וואָך. נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר? איך וועל אַ רוף טאָן באַלד מײַן ווייב, וועט איהר אויך הערען פון איהר די זעלביגע מיינונג. גאָסי! קום נאָר אַהער!"

איך האָב איבערגעלייענט אויף פאַר גאָסי'ן, און עס איז געווען דאָס זעלבע אורטייל וואָס יאָסעל'ס, ד. ה. דעם רעדאַקטאָר'ס. אַ קאָלעגע, אַ שרייבער הייסט עס, וועלכער איז דערביי געזעסען, אַן אַלטער תושב פון דער „ליך־לאָך"־רעדאַקציע, האָט אויך ערקלערט, אַז די זאַך מיינע איז שוואַך, זעהר שוואַך. וואָס דערפאַר האָט איהם דער רעדאַקטאָר מכבד געווען מיט אַזאַ קאָמפּלימענט: „איהר זעהט," האָט ער צו מיר געזאָגט, „אַט ער, אַן אַלטער שרייבער מיינער און אַ גרויסער אייזעל דערצו און האָט ניט קיין שום חוש פאַר הומאָר, איז אפילו ער זאָגט, אַז עס טויג ניט. נו, וואָס וועט איהר איצט זאָגען?"

דער זעלביגער אייזעל האָט דערנאָך, אין דעם רעדאַקטאָר'ס אַבוועזענהייט, זיך ענטשולדיגט פאַר מיר פאַר זײַן מיינונג, ערקלערענדיג מיר, אַז צוליב דער ביטערער פּרנסה האָט ער צוויי

מיינונגען: איינע אין דעם רעדאַקטאָר׳ס אַנוועזענהייט, און אַ צווייטע אין דעם רעדאַקטאָר׳ס אַבוועזענהייט.

מילא, איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און בין אוועק אַהיים אַנשרייבן אַ צווייטע זאַך. איך האָב די ערשטע זאַך געוואָלט צורייסן. אָבער דער רעדאַקטאָר האָט מיר ניט גע־לאָזן מיט די ווערטער:

„מען טאָר אפילו אַ שמאַטע ניט צורייסן. עס קען נאָך צוניץ קומען. גיט עס מיר, איך וועל מיט דער הילף פון דער שער עפּעס מאַכן דערפון.“

איך האָב איהם אָפּגעגעבן די שמאַטע, די פערבראַקירטע זאַך מיינע, הייסט עס, און דאָס איז ערשינען אין דעם נעקסטען נומער אונטער׳ן רעדאַקטאָר׳ס נאָמען. פון דאַן אָן פלעגען אַלע פערבראַקירטע זאַכען מיינע ערשיינען אונטער׳ן רעדאַקטאָר׳ס נאָמען, און איך פלעג דערפאַר קיין סענט ניט קריגען. איך האָב פּרובירט איינמאָל מאָנען, אָבער דער רעדאַקטאָר האָט אויף מיר אַ געשריי געטאָן: „פאַר מיינע זאַכען זאָל איך איך צאָהלען? נאַ סערי! מיין בלוטיגע שער האָט אויף דעם געאַרבייט! איהר זעהט די מאַזאָליעס אויף מיינע הענט?“

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די מאַזאָליעס, ערשט איך האָב געזעהן, אַז דאָס זיינען גאָר מאַזאָליעס פון אַ שמיד, אָבער ער זאָגט, אַז ער איז געווען אַ שניידער, מוז איך איהם גלויבען.

יאָ, איהר ווילט דאָך וויסען, ווי עס איז צוגעגאַנגען מיט מיין צווייטער זאַך? אויף דער צווייטער זאַך האָב איך גאָרניט געהאָרעוועט. איך האָב גענומען און איבערגעשריבען פאָלגענ־דען אַלטען פסח׳דיגען וויץ (ווייל ער האָט ביי מיר געאָהרערט אַ פסח׳דיגע זאַך, וועלכע ער האָט בעצייטענס, נאָך איידער ער האָט זי געזעהן, שטאַרק אַדווערטייזט, אַלס דאָס גרעסטע מייס־טערווערק):

אַמאָל האָט אַ ישובניק, אָפּגיסענדיג די מכות, געזאָגט: „דם, צפרדע, בנים...“

דעם ישוב׳ניקס זוהן האט עס דערהערט, רופט ער זיך אן :
„טאטע, מען דארף ניט זאגען כנים, ניט בנים.״
רופט זיך אן דער טאטע : „מיין זוהן ! בנים איז אויך א גוטע מכה.״

אז דער רעדאקטאר פון „ליך־לאך״ האט עס איבערגע־לייענט, האט ער אויסגעשריען : „געניאל ! אבער מיר מוזען דאס צופיקסען מיט דער שער.״

און דער אלטער וויץ איז פון אונטער דער שער אזוי ארוים :

אמאל האט א ישוב׳ניק, אפגיסענדיג די מכות, געזאגט :
„דם, צפרדע, בנים...״
רופט זיך אן דער טאטע : „מיין זוהן ! בנים איז אויך א גוטע מכה.״
דעם ישוב׳ניקס זוהן האט עס דערהערט, רופט ער זיך אן :
„טאטע, מען דארף זאגען כנים, ניט בנים.״

אט אזוי ארבייט דארטען די שער. יא, יענער קאלעגע מייַנער מיט די צוויי מיינונגען, וואס איך האב אייך געזאגט, שרייבט זיך אונטער : דר. פפערד. אט אזא פערד איז דאס, אז ער וויל ניט זיין א פשוט׳ער אידישער פערד, נאר דוקא „דר. פפערד״. זיין טענה איז, אז פאר א פליינעם אידישען פערד וועלען אידען קיין דרך־ארץ ניט האבען, אבער פאר א דייטשען פפערד איז גאר אנדערע דיבורים.

איך און מיין העלד.

(פון די מעמוארען פון א שריפטשטעלער.)

1. ער דארף בעגעהן זעלבסטמארד.

שטענדיג, ווען איך נעהם איהם, מיין העלד, אין האנט אריין, מאכט ער אויף מיר דעם איינדרוק פון א מענשען, וואס דארף און מוז בעגעהן זעלבסטמארד. נאר ער האט ניט דעם מוט דערצו. כאטש אנדערע זאגען, אז צו מאכען זיך א לעבען איז פיעל שווערער ווי צו מאכען זיך א טויט.

ס'איז אמת, אז מיין העלד איז ביי מיר אין די הענט, און, אלס שרייבער, קען איך מיט איהם טאן און האנדלען אזוי ווי איך שרייב און פונקט אזוי ווי איך הייס איהם. און אויב איך געפין פאר נויטיג, אז ער דארף און מוז בעגעהן זעלבסטמארד, מוז ער מיר פאלגען, נעהן פאר מיר אין פייער און אין וואסער. ער קען דאך ניט איבערוואקסען זיין שרייבער. ווי זאגט דארטען דער נביא: „צי קען זיך בעריהמען די האק איבער'ן העקער?“ און איינמאל האט טאקע געטראפען, אז איך בין ארויס פון מיין שעפפערישער געדולד און האב אויסגעשריען צו איהם:

— נו, נענוג שוין צו מוטשען זיך אליין און איבערהויפט מיך! שוין, די מינוט זאלסטו בעגעהן זעלבסטמארד, און איך וועל זיך קענען נעהמען צו א בעסערען העלד. וואס זאל זיך נים

פלאגנען אזוי ווי דו! וואס האסטו זיך אנגעזעצט אויף מיינע קינסטלערישע יאהרען?

אז ער האט דערהערט מיין גזרה, איז ער א טויטער געווארען. און איך האב געמיינט, אז איך פערליר איהם שוין איינגאנצען, נאך איידער איך וועל דערפיהרען די מעשה וועגען איהם ביז צום סוף, ביז צו דער זייט 160, לויט דעם קאנטראקט מיט'ן פערלעגער, ווערלכער וויל, אז דאס מעשה־ביכעל זאל נאר אזוי פיעל פערנעהמען און נים מעהר. היינט ווען איך פערליר מיין העלד אינמיטען דער מעשה, וואו וועל איך נעהמען אן אנדער העלד, וואס זאל וועלען דערשפילען די ראליע פון אזא שלימזל?

איך בין אבער געווען זעהר קינסטלעריש געשטימט און האב זיך איינגאנצען פערגעסען אז די פערלעגערישע טעמים. מיין קינסטלערישער קאפריז איז אין יענעם מאמענט ביי מיר געשטאנען העכער פון אלץ, און אז איך זאג זעלבסטמארד, מוז זיין זעלבסטמארד!

— בענעה זעלבסטמארד! — שריי איך אויס נאך אמאל מיט אלע מיינע שעפפערישע כחות.

איך גיב אבער א קוק: נישטא שוין צו וועמען צו רעדען. ער ליעגט א נע'חלש'טער. מינטער איך איהם אפ אויס ריין מענשליכע טעמים, שטעל איהם אוועק אויף די פיס, און שפאר איהם צוריק דעם רעוואלווער אין האנט און שריי אויף איהם נאך שעפפערישער:

— זאלסט מיר בענעהן זעלבסטמארד!

אבער דער פייגלינג איז זעהר גרויס, און ער האט גענומען זוכען תירוצים, ווי מבטל צו זיין מיין גזרה. ער האט דערזעהן אז איך בין אין א העכט־קינסטלערישער שטימונג, האט ער גענומען אפעלירען צו מיינע קינסטלערישע געפיהלען:

— גרויסער בעשעפער מיינער! ווי פאסט דאס פאר אזא קינסטלער, ווי דו, צו דערענדיגען דיין העלד אויף אזא שונד־

מעסיגען, מעלאָדראַמאַטישען אופן? וועט דען ניט זיין קינסט־לערישער, ווען דו לאָזט מיך לעבען אין מוטשען זיך?

— איך וויל אָבער דיך מאַכען נאָך טראַגישער ווי דו ביסט! — האָב איך אויסגערופען.

— איז דער טויט טראַגישער ווי דאָס לעבען? — האָט ער גע'טענה'ט.

— אָבער דו האָסט דאָך אַליין געטראַכט פון זעלבסט־מאָרד! — האָב איך געזאָגט, — זעה זייט 10...

— יאָ, — האָט ער צוגעגעבען, — געוויס האָב איך גע־טראַכט פון זעלבסטמאָרד, און איך טראַכט נאָך איצט אויך. און יעדעס מאָל, וואָס איך דאַרף פאָהרען מיט'ן סאָבוויי צו דער אַרבייט, טראַכט איך וועגען זעלבסטמאָרד. אָבער יעדעס מאָל קויף איך צוויי טיקעטס, איינעם אויף אַהין און איינעם אויף צוריק. אַט אַזוי כסדר: צוויי טיקעטס. אַט איצטער אפילו רעדענדיג מיט דיר, האָב איך אָנגעגרייט אַ סאָבוויי־טיקעט אויף צו פאָהרען אַהיים...

— ווילסטו אויסיוזען דעם טיקעט? — האָב איך איהם מיט קינסטלערישער פּעראַכטונג געפרעגט.

— איך ווייס אויך ניט, וואָס איך וויל אויסיוזען, — האָט ער געזאָגט, — עפּעס ווילט זיך אויסיוזען... איך ווייס אַליין ניט וואָס...

מיר האָבען זיך ביידע פערטראַכט. דאַן האָב איך איהם געפרעגט:

— הייסט עס, אַז דו ווילסט ניט, אָדער דו קענסט ניט בעגעהן קיין זעלבסטמאָרד?

ער האָט זיך פערטראַכט אַליין, אָהן מיר, אָהן מיין קינסט־לערישער הילף. דאַן האָט ער געזאָגט:

— דו וועסט דאָך פון מיר לאַכען, אָבער איך מוז דיר זאָ־גען, אַז איך וואָלט יאָ בעגעהן זעלבסטמאָרד, ווען איך ווייס, אַז איך וועל זיין אימשטאַנד דערנאָך איבערצולייענען אין די

ציימונגען, וואס זיי וועלען שרייבען פון מיר. עס איז אפילו א כבוד נאכ׳ן טויט, אבער עס ווילט זיך איהם זעהן מיט די אויגען.

בקיצור, איך האב געזעהן, אז דער העלד מיינער האט קיין חשק ניט צו בענעהן זעלבסטמארד, וואס דאס מיינט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי שטארבען. אוי, שטארבען! און דאן איז מיר ארויף אויפ׳ן זינען דער אפאריזם, וואס עמיצער האט געדארפט זאגען: „ס׳איז פיעל לייכטער זיך אנצוטאן א נייעם בגד, ווי אנצוטאן זיך א מיתה״. ניט וואהר?

---

2. ער דארף ווערען א פערפיהרער.

דער העלד פון מיין ראמאן האט געדארפט פערפיהרען א מיידעל. ווען איך האב איהם אנגעזאגט די בשורה, האט ער גאר אזש גענומען טאנצען פאר פרייד.

— איך וועל דאס מיט פערגעניגען טאן! — האט ער מיר ערקלערט, — אט אזעלכע דזשאבס גלייך איך, אבער ניט צו האלטען לאנגע מאנאלאגען און צו פילאזאפירען וועגען נעכטי־גע טעג און צו גריבלען זיך אין דער איינענער נשמה, ביז עס זאל ניט גוט ווערען, אי מיר אליין אי דעם לעזער. האנדלונגען— אט דאס איז וואס איך גלייך! אבער ניט אזעלכע האנדלונגען, ווי בענעהן זעלבסטמארד, נאר אזעלכע האנדלונגען, ווי דו האסט מיר ערשט געזאגט. א קינסטלער דארף לאזען זיינע העלדען האנדלען...

— גענוג דיר שוין צו פלוידערן און מיר מוסר צו זאגען! — האב איך איהם איבערגעהאקט, מיין העלד, — דו פערגעסט ניט פונדעסטוועגען מיט וועמען דו רעדסט! דו רעדסט מיט דיין בעשעפער... דו אליין ביסט ניט מעהר ווי א גולם, נאר איך, דיין בעשעפער, מיט מיין גייסט, מיט מיין קונסט, מיט מיין טאלאנט טו איך אין דיר אריינבלאזען א רוח חיים, און דו

ווערסט אַ לעבעדיגער נפש, און דו קריכסט שיער ניט אַרויס פון צווישען די שורות, אין וועלכע איך מיט דער הילף פון דעם בחור הזעצער האָב דיך אַריינגעקלאַמערט. דו אַליין האָסט גאָר ניט קיין רעכט צו רעדען. דו דאַרפסט נאָר רעדען וואָס איך לעג דיר אַריין אין מויל אַריין; דו דאַרפסט נאָר טאָן, וואָס איך הייס דיר...

— געוויס וועל איך טאָן וואָס דו הייסט מיר! — האָט ער מיט בעגייסטערונג מיך איבערגעהאַקט, טראַכטענדיג אַלץ וועגען דעם, וואָס איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער דאַרף פערפיהרען אַ מיידעל אין דעם ראָמאַן.

— איז נאָך לאַנג צו וואַרטען אויף דער פערפיהרונגס־סצענע? — האָט ער געפרעגט אומגעדולדיג, — אין וועלכען קאַפּיטעל וועט דאָס געשעהן? מיר האַלטען איצט, דאַכט זיך, ביים צעהנטען קאַפּיטעל אין דעם ראָמאַן... איך גלויב, אַז איצט איז די ריכטיגע צייט, דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פאַר דעם, ווי דו רופסט עס אָן קינסטלעריש... און אחוץ דעם פּסיכאָלאָגישען מאָמענט, האָב איך שוין מעהר ניט קיין געדולד צו וואַרטען, ווי באַלד אַז דו האָסט מיר שוין אויסגעזאָגט...

— דאָס איז שוין צופיעל חוצפה פון דיין זייט! — האָב איך אויסגעשריען. — פערגעס ניט, אַז דו ביסט ניט מעהר ווי אַ העלד, און אַלס אַזעלכער קענסטו קיין אייגענעם ווילען ניט האָבען, אחוץ דעם ווילען פון דיין בעשעפער, דעם פערפאַסער.

ער האָט טרויעריג אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און מיט מיין ערלויבניש אַ זיפץ געטאָן. דאַן האָט ער מיט געבעט אַ קוק געטאָן אויף מיר, זיין בעשעפער, און איך האָב איהם ערלויבט נאָך אַמאָל אַ זיפץ צו טאָן.

— נאָר איין פראַגע וויל איך דיך פרעגען, מיין בעשעפער! — האָט ער זיך ביי מיר געבעטען.

איך האָב איהם גנעדיגסט ערלויבט.

— וועלכע מיידעל ווילסטו מיר בעשערען צו פערפיה־

רען? — האט ער געפרעגט, — די בלאנדע סאפיע, מיט וועלכע איך האב זיך בעגעגנט אין קאפיטעל צוויי, אדער מיט דער ברונעטער טייבעל, מיט וועלכער דו האסט מיך בעקענט אין קאפיטעל דריי?

— נעווער מאינד די מיידעל! — האב איך קינסטלעריש א טופע געטאן מיט די פיס אויף מיין העלד, — וועלכע איך וועל דיר געבען, וועט שוין זיין רעכט.

ער האט ווידער א זיפץ געטאן מיט מיין ערלויבניש: דאס איז געווען א זיפץ אויפ'ן ביטערען מזל פון די העלדען געבעה, וועלכע זיינען אין גלות ביי די פערפאסער. ער האט זיך אונ־טערגעגעבען זיין שיקזאל און גענומען וואטשען, ווי איך שרייב יעדע שורה, און איך האב געפיהלט, ווי ביי דעם אומגליקליכען צאפעלט דאס הערצעל נעביך פון גרויס אומגעדולד ביים בע־געגענען זיך דאס מיט סאפיע'ן, דאס מיט טייבלען: ווען וועט שוין די גליקליכע שורה קומען, ווען איך וועל איהם הייסען ארויפוואַרפען זיך ווי א חיה אויף סאפיע'ן אדער אויף טייב־לען? ער האט דערפיהלט, אז באלד דארף עס קומען, דער העכסט־אינטערעסאנטער מאמענט, אבער פלוצלינג האב איך אוועקגעלעגט די פען און האב זיך גענומען אנטאן.

— וואוהין געהסט אוועק אינמיטען דערינען? — האט ער מיך א פרעג געטאן דערשראקען.

—דארפסט וויסען, — האב איך איהם ווידער דערמאנט,— אז דו ביסט ניט מעהר ווי א העלד, די אפשפיגלונג פון דיין בעשעפער דעם פערפאסער, און אלעס, וואס דו דארפסט טאן, מוז דער פערפאסער אליין איבערלעבען, אום עס זאל ארויס א ווירקליך קונסט־ווערק...

— איז וואוהין זשע געהסטו? — האט ער מיך געפרעגט נאך מיט מעהר שרעק.

— איך געה אליין איבערלעבען די פערפיהרונגס־סצענע.

כדי איך זאָל זי קענען נאַטור־טריי בעשרייבען, — האָב איך איהם געענטפערט.

— דאָס הייסט, ד ו וועסט אפריהער פערפיהרען די מיידעל? — איז ער אויפגעשפרונגען פאַר שרעק.

— געוויס! — האָב איך ווי אַ קאַלטער גזלן געענטפערט.

— און ערשט דערנאָך איך? — האָט ער רחמים'דיג מיך געפרעגט.

— אַזוי פיהרט זיך דאָס! — האָב איך איהם אַהן אַ שום מיטלייד געענטפערט.

— דאָס איז דאָך אמת'ע גזל'עוואַיע! — האָט ער אויסגעשריען. שוין ניט קענענדיג מעהר אויסהאַלטען. — אַזעלכעס איז געהערט געוואָרען נאָר אין די צייטען פון פעאָדאַליזם און פאַנשטשינע, אין די צייטען פון פרימאַ נאַקטים!...

איך האָב איהם גענומען אונטער מיין קאָנטראָל און געזעהן, אַז ער זאָל מעהר פון די האַלאַבליעס ניט קריכען און צופריעדענשטעלען זיך מיט די ביינדלעך, וואָס איך וואַרף איהם צו. ליתר בטחון האָב איך איהם צוזאַמען מיט'ן מאַנוסקריפּט אריינגערוקט אין שופלאָד פון מיין שרייב־טיש און פערשלאָסען איהם. איך האָב פון דאָרטען געהערט דערנאָך פערשטיקטע קולות: „געה ניט אליין! נעהם מיך מיט! לאָמיר ביידע צוזאַמען איבערלעבען די סצענע!" איך האָב איהם אָבער ערקלערט, אַז אַלע רעכט בעהאַלט דער פערפאַסער פאַר זיך...

יאָגענדיג זיך נאָך אַ לעזער.

(אַ מעשה׳לע פון דעם לאַנד, וואו די לאַרבער־בלעטער וואַקסען).

קענט איהר דאָס לאַנד, וואו די לאַרבערבלעטער וואַקסען? אַהין, אַהין פיהר איך אוועקעט די איצטיגע טעמע מיינע, כדי איך און אַלע אַנדערע שרייבער, וועלכע זיינען מורא׳דיג האָנאָראַרווע, זאָלען זיך ניט פיהלען בעליידיגט.

אין יענעם לאַנד וואַקסען געניג לאַרבערבלעטער; געניג, איבערגענוג, צו בעקרענצען די קעפּ פון אַלע אונזערע טאַלאַנטען. און דאָך... הערט אַ מעשה!

אַמאָל זיינען געווען צוויי שרייבער, איינער אַ גרעסערער, דער אַנדערער אַ קלענערער. ווער עס איז געווען דער גרעסערער און ווער דער קלענערער, איז ניט פּאַר מיר צו ענטשיידען, ווייל איך בין אַ נוגע בדבר און וועל געווים פּסק׳ענען, אַז פון יענע צוויי שרייבער בין איך, דער דריטער, דער גרעסערער, אויב ניט דער גרעסטער. אַזוי איז שוין די מענשליכע נאַטור, בפרט נאָך ווען יענע מענשליכע נאַטור ליעגט ר״ל אין אַ שרייבער, וואָס מאַכט זיך אַ לעבען און אַנדערע אַ טויט מיט זיין טאַלאַנט.

אַזוי ווי איך האָב זיך אריינגעמישט מיט מיין פּערזענליכקייט צווישען צוויי הויכע בערג, אָדער ריכטיגער געזאָגט צווישען איינעם אַ העכערען באַרג און איינעם אַ נידעריגערען (ווייל אין דער ליטעראַטור איבערהויפּט איז קיין צוויי גלייך הויכע

בערג ניטאַ), הויב איך אָן די מעשה צוריק פון אָנהויב:

אַמאָל זיינען געווען צוויי שרייבער, איינער אַ גרעסערער און דער אַנדערער אַ קלענערער. ווער עס איז געווען דער גרע־סערער און ווער דער קלענערער, איז ניט פאַר מיר צו ענטשיי־דען. נאָר יעדער איינער פון זיי האָט זיך געהאַלטען פאַר'ן גרע־סערען און דעם צווייטען פאַר'ן קלענערען.

כנהוג, אַזוי ווי עס פיהרט זיך.

אָבער דער גרעסערער איז געווען גענוג גרויסמוטיג צו אָנערקענען דעם טאַלאַנט פון דעם קלענערען און צו לויבען איהם זאָגאַר אין דער עפענטליכקייט. און וואָס מעהר ער האָט אָנערקענט דעם טאַלאַנט פון דעם קלענערען און וואָס מעהר ער האָט איהם געלויבט, אַלץ העכער און גרעסער האָט ער זיך אַליין געפיהלט.

די גרויסמוטיגקייט פון אַ לייב אַנטקעגען אַ פליג!

נאַטירליך האָט דער גרעסערער געזעהן, אַז די גרויסמו־טיגקייט זאָל ניט אַריבערכאַפּען די מאָס און זאָל חלילה ניט פערטונקלען זיין אייגענעם טאַלאַנט.

„איהר האָט אָנגעשריבען אַ גאַנץ נעטע זאַך!"

אָדער:

„אייער זאַך האָט אַריבערגעשטייגט מיינע ערוואַרטונגען."

אָדער:

„איך האָב זיך נאַרוואָס אָנגענומען פאַר אייך: אַ קאָלעגע האָט אייך געוואָלט אַרונטעררייסען."

אַזוי אָדער אומגעפעהר אַזוי האָט גערעדט דער גרעסערער צום קלענערען און זייטיגע מענשען וואָס זיינען דערביי געווען און געגלויבען, אַז איין שרייבער מוז אַרונטעררייסען דעם צוויי־טען, האָבען נאָר אָנגעקוואָלען פון דעם גרעסערענ'ס גרויסמו־טיגקייט.

און דער קלענערער, הערענדיג די שבחים, פלעגט בעת מעשה רויט ווערען אין פנים. און די זייטיגע מענשען, וואָס

גלויבען, אז שרייבער זיינען בטבע בעשיידען, פלעגען מיינען. אז דער קלענערער ווערט דאס רויט אויס בעשיידענהייט. דער אמת איז אבער, אז דער קלענערער פלעגט גאר רויט ווערען פאר חרפה, וואס זיין טאלאנט דארף גאר אנקומען צו דער הסכמה פון אזא טאלאנטלאזען, ווי דער גרעסערער איז. ער פלעגט זיך פיהלען בעליידיגט, וואס דער גרעסערער נעהמט איהם, הייסט עס, אונטער זיין שוץ, און ער פלעגט בעת מעשה מאכען פויס־טען אונטער'ן טיש און טראכטען ביי זיך:

„ווארט, דו ניקס וואס דו ביסט! דעם נעקסטען מאל וועל איך פערכאפען די גרויסמוטיגקייט און איך וועל ד י ך נעה־מען אונטער מיין שוץ און אזוי לויבען דיין טאלאנט, אז דו וועסט צופלאצט ווערען! ווארט! וועסט שוין ביי מיר גוט ליעגען אין דר'ערד!".

און אט אזוי האבען דאךביידע שרייבער געלעבט בשלום און נעווען גרויסמוטיג איינער צום אנדערען, ביז זיי האבען בעשלאסען, אז דער אידישער ליטעראַרישער הימעל איז צו קליין פאר צוויי זונען, און — „אדער ער, אדער איך!". ווער־זשע זאל עס בעשטימען? דער לעזער! וואו־זשע כאפט מען אבער אן אומפארטייאישען לעזער, אן אמת'ען פשוט'ען לעזער, אזא וואס דרעהט זיך ניט אין די ליטעראַרישע קרייזען? אין טריין, פאהרענדיג פון דער ארבייט!

און אומר ואוכל, און ביידע שרייבער, דער גרעסערער און דער קלענערער, האבען געכאפט א טריין און זיך אוועקגעזעצט וואטשען א געעהרטען לעזער, וועלכער האט איינגעגראבען זיין קאפ אין זיין טעגליכען פייפער, און צום גליק אין דעם פייפער, אין וועלכען זיי ביידע שרייבען און אין וועלכען זיי האבען גראד ביידע יענעם טאג געהאט „זאכען". איך מאך דאס גראד ווי אין א שונד־ראמאן, זאל ניט פעהלען א האר.

מיט א קלאפענדען הארצען האבען זיי ביידע נעוואטשט דעם געעהרטען לעזער, ווי ער קעהרט די צייטונג אויף אלע זיי־

טען און זוכט עפּעס. און יעדער גרעסערער און יעדער קלענ־דער פון די צוויי שרייבער האָט זיך דערפרעהט.

— ער זוכט מיין זאַך! — האָט איינער געזאָגט.

— ער זוכט מיין זאַך! — האָט דער צווייטער געזאָגט.

און יעדען האָט זיך געוואָלט אריינמישען, אנווייזען דעם געעהרטען לעזער, וואו די „זאַך" איז. רוהען האָבען זיי ניט געקענט. אַ קליינינקייט, זייער פּאָפּולאַריטעט איז אין קאָן!

דער געעהרטער לעזער האָט ענדליך אויפגעזוכט וואָס ער דאַרף און גענומען לעזען פערטיפט און מיט צופרידענהייט. די צוויי שרייבער האָבען געכאַפּט אַ קוק און אין הארצען קלאַפּט— אַ שרעק!

— גאָר די בריף צום רעדאַקטאָר לעזט ער! — רופט זיך אָפּ איינער ענטוישט.

— אַ מאָדנער לעזער! — רופט זיך אָפּ דער צווייטער אויך ענטוישט. — רעגעלע שרייבער אינטערעסירען איהם גאָר ניט.

און שרעקליך אומרוהיג זיינען זיי געוואָרען און אומגע־דולדיג. עס האָט זיך זיי געוואָלט, דער געעהרטער לעזער זאָל וואָס שנעלער פערטיג ווערען מיט די בריף צום רעדאַקטאָר. אַלע סעקונדע האָבען זיי געכאַפּט אַ קוק אין זיין צייטונג, אויב ער איז פערטיג. דער לעזער האָט בעמערקט זייער אומרוהיגקייט, אָבער ער האָט געמיינט, אַז דאָס זיינען סתם אידען, וואָס ווי־לען כאַפּען אַ קוק אין אַ פרעמדען פּייפּער, האָט ער בעשלאָסען ניט צו קימערען זיך וועגען זיי, און ער האָט געטאָן און גע־לייענט און אַלץ די בריף צום רעדאַקטאָר.

אַזוי לאַנג לייענען די בריף צום רעדאַקטאָר! אונזערע ביי־דע שרייבער האָבען דאָס ממש ניט געקענט אויסהאַלטען, און דער געעהרטער לעזער האָט ענדליך דערפיהלט ווידער זייער אומרוהיגקייט און ער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג ווי אויפצור־הויבען זיך און איבערצובייטען דעם פּלאַץ. די צוויי שרייבער

האבען זיך דערשראָקען: זיי וועלען פערלירען דעם לעזער, אַז וועלכען עס הענגט אָפּ זייער צוקונפט! ניין, זיי וועלען איהם מעהר ניט שטערען.

דער געעהרטער לעזער האָט דערזעהן, אַז מען לאָזט איהם צורוה, האָט ער גענומען ווייטער לעזען און אַלץ די בריף צום רעדאַקטאָר. און ביי די צוויי שרייבער פּלאַצט ממש דאָס גע־דולד. „ווען הויבט ער שוין אָן צו לייענען מ י י ן זאַך?". זאָגט איינער. „ווען הויבט ער שוין אָן צו לייענען מ י י ן זאַך?", זאָגט דער צווייטער. ענדליך האָט שוין איינער ניט געקענט אויסהאַלטען און ער גיט אַ פרעג דעם געעהרטען לע־זער:

— מיסטער, וואָס לייענט איהר אַזוי לאַנג די בריף צום רעדאַקטאָר? פאַרוואָס לייענט איהר עפּעס ניט קיין אַנדערע זאַכען?

דער געעהרטער לעזער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן פרעגער און ענטפערט זיך גאַנץ רוהיג:

— ווער איז דאָס מחויב צו לעזען פרעמדע זאַכען?

— זייט איהר אויך אַ שרייבער? — האָבען זיך די שריי־בער אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן ביידע פאַר אַמאָל.

— ניט קיין רעגעלער שרייבער, — האָט דער געעהרטער לעזער געענטפערט, — נאָר איך שרייב אריין אין פּייפּער אַ פאַר מאָל דורך דער וואָך, אַזוי זיך, פאַר פּלעזשור. אָט לעזט וואָס איך שרייב... אָט איז מיין נאָמען און מיין אַדרעס אונטער־געשריבען, אויב איהר גלויבט ניט!

און ער האָט זיי אָנגעוויזען אויף אַ בריף צום רעדאַקטאָר.

— אָט, איך האָב מיר ליב אַליין צו שייוען זיך און אַליין אריינצושרייבען אין פּייפּער, — האָט דער געעהרטער לעזער ווייטער געזאָגט. — ס'איז אַ פּלעזשור צו לייענען אייגענע זאַכען!

— טאָמער האָבען מיר שוין געכאַפּט אַ לעזער, לעזט ער

נאָר זיינע אייגענע זאַכען, — האָט איינער פון די צוויי שרייבער געזאָגט אַרונטערגעהענדיג פון טריין.

— אַז ניט געדאַכט זאָלען ווערען די סייפטי רייזאָרס און די בריף צום רעדאַקטאָר! — האָט דער צווייטער געזאָגט. — דער סוף וועט זיין, אַז באַרבער און שרייבער וועלען אַרויסגע־שמויסען ווערען אינגאַנצען פון זייערע פּראָפעסיעס!

שילטען זיך איז אויך א פרנסה.

(כמעט ווי אַ ספור־המעשה, ווי אַזוי אַ אידענע פון סאַמע „עסטער קאַנער עטיק" האָט זיך אַרויסגעאַרבייט מיט'ן כח פון איהרע קללות און איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע פיגור גאָר להבדיל ווי משאַרלי טשאַפלין. — אויך איז דאָ פערוויקעלט אַ מוסר־השכל, ווי דאָס יודענטום, נעבעך, קאָן אויפגעריכט ווערען דורך קללות און קנישעס, די צוויי פראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע קרעפטען).

צו אַלע פריינד, סימפּאַטייזער און פערעהרער פון אידישען פאָלקלאָר מאַך איך בעקאַנט וועגען דער עקזיסטענץ פון דעם „אידישען קללות־פעראיין" — א פעראיין צו שטודירען, אויפלעבען און פערשפרייטען די אמת'ע אידישע קללות, וועל־כע ווערען בעונותינו הרבים אַרויסגעשטויסען פון די סאַבמאַ־רינס, צעפּעלינס, עראָפּליינס און אַלע אַנדערע מכשירים פון דער מאָדערנער, פּראָגרעסיווער און העכסט־ציוויליזירטער קריעגס־פיהרונג.

דערוואוסט האָב איך זיך וועגען דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיגען פאָלקלאָריסטישען פעראיין אויף א שפּאַציר־גאַנג אי־בער העסטער סטריט און דער סביבה, צווישען די פושקאַרטס. דאָס איז געווען אייגענטליך ניט קיין פּראָסטער שפּאַציר־גאַנג, צו שעפּען פרישע לופט, נאָר א וויסענשאַפטליכע עקסקורסיע, אַזוי צו זאָגען. איך האָב געוואָלט זעהן, צי די אימיגראַנטען־

פרעסער זיינען גערעכט מיט זייער טענה, אז די אימיגראנטען רייסען ארויס דעם ביסען פון די עכט־אמעריקאנישע מיילער.

שפאציר איך מיר אזוי און איך זעה, אז אחינו בני ישראל, זאלען לעבען און געזונט זיין, האבען אראפגעבראכט אהער זייערע היימישע פרנסות, מעהר נישט, זיי האבען דאס טייל־ווייז פערפושקארטיזירט, כדי דעם פאליסמאן זאל זיין לייכטער צו טרייבען זיי פון איין ארט צום צווייטען.

נאך אמאל: שפאציר איך מיר אזוי און איך קלייב נחת, וואס אידען מאכען ביזנעס אפילו פון אן עק פון א הערינג און פון א שאלעכץ פון א ציבעלע. ערשט א זעץ אין מיין ארימען רוקען האט מיך אויפגעוועקט פון מיין טיף־ערנסטען שטודיום.

וואס איז געשעהן? גארנישט. א פושקארט האט דאס מיך א שטויס געטאן. פערשטעהט זיך, אז דער פושקארט האט דא נאר געטאן די שליחות פון זיין פיהרער (זעה מיין ארטיקעל „די מאסען און די פיהרער", וועלכען איך וועל אי"ה אנשרייבען). און דער פיהרער (פראסט גערעדט, דער אונטערשטופער) איז סך־הכל געוועזן א דארער, א קווארער אידעל, וועלכער האט זיך קוים ארויסגעזעהן פון אונטער זיין קאפעליוש, דאס איז טייטש אויף פליין מאמע־לשון: העט. נאר דאס האט ניט צום ענין.

וואס זשע וועל איך שרייען אויפ'ן פושקארט? נאר עס איז מיר גלאט פערשפארט געוועזן צו שרייען, ווארים פון אונטער'ן קאפעליוש האט זיך באלד דערהערט אזוי ווי א מין בייקול:

— איהר זעהט גארניט, ווי איהר געהט, מיסטער? די אויגען זיינען אייך ארויס?

מילא, איך זעה דאך, אז ער איז גערעכט, היינט וואס וועל איך זיך מיט איהם אמפערן? איך האב איהם אבער נאר געוואלט איין זאך קארעגירען, דהיינו וועגען מיינע אויגען. רוף איך זיך אפ:

— מיין ליבער איד, איהר האט א טעות, זאלט איהר מיר

מוחל זיין! מיינע אויגען זיינען מיר נאך ניט ארויס, נאר זיי געפינען זיך, לוידער בלויז פון פארענט, און אייער פושקארט, זאל ער מיר מוחל זיין, איז גראד געגאנגען פון הינטען.

איך האב זיך פאר איהם געוואלט ענטשולדיגען און דערמיט סעטלען דעם אינצידענט. נאר באלד האט זיך ווידער דערהערט א קול פון אונטער'ן קאפעליוש:

— אזוי זאגט איהר? אייערע אויגען געפינען זיך נאר פון פארענט? מעגען זיי דאך אייך טאקע ארויס, און ניט פון פארענט און ניט פון הינטען, נאר טאקע באקום!

וויל איך שוין ווערען אין כעס, און רוף זיך אפ:

— וואס זשע שילט איהר זיך נאך?

רופט זיך אפ דאס קול פון אונטער'ן קאפעליוש:

— איך שילט זיך? דאס איז אויך מיר געשאלטען! אפילו אויף א צאהן וועט דאס אייך ניט קלעקען. אט איך וואלט אייך אויף טשיקאוועס ברענגען מיין ווייב, וואלט איהר ערשט געהערט וואס שילטען זיך הייסט! נאר אומזיסט קענט איהר איצט ביי איהר קיין קללה ניט קריגען. באדאי איהר זאלט קראפירען! ניטא אמאליגע יאהרען, וואס זי פלעגטווארפען רעכטס און לינקס איהרע פערלדיגע קללות, חנם אין כסף — איצט מוזט איהר בעצאהלען גוט געלט. זי שילט אויף בילעטען. פערשטעהט איהר מיך: א רעגעלע טשארלי טשאפלין. נאר יענער מאכט מיט די פיס און מיט די הענט, און זי מיט'ן מויל. אמעריקע — אלץ איז דא א סחורה, אפילו קללות!

פערשטעהט זיך, אז איך האב דעם אידען ניט פערשטאנען, און איך האב איהם געוואלט פרעגען, ווי אזוי מען מאכט דאס געלט פון קללות. אבער דער איד האט נאך ניט געענדיגט רעדען.

— איך אפילו, — האט גערעדט זיין קול פון אונטער'ן קאפעליוש, — קען ביי איהר איצטער קיין קללה ניט קריגען. סיידען בעצאהל איהר. איבער פינף און צוואנציג יאהר האט זי

מיך אפגעשאלטען, מיט דער פולער האנט קללות געגעבען, ניט געזשאלעוועט. עפעס אן אייגענער מאן דאך, ניט קיין פרעמ־דער חלילה... און איצט? קיין ברעקעל קללה קען איך ביי איהר ניט קריגען! איך פערבענק זיך אמאל נאך איהרע קללות, און בעט זיך ביי איהר ווי ביי א גזלן: שימע־מושע, זאג איך, איין קללה'צקע גיב מיר פון דיין פערלדיגען מויל, האב רחמנות! און זי — ביסט ניט קראנק צו בעצאהלען אזוי ווי אלע, קויף א טי־קעט, וועסטו קריגען אזוי פיעל קללות, אז עס וועט דיר פון האלז קריכען. טענה איך דאך: אז אייגענער מאן, סטייטש! האסט דאך מיר קיינמאל ניט געזשאלעוועט! און זי, שטעהט זיך די הענט אין די באקעס, מעשה עקטערקע... פיישע־פיטשע, זאגט זי, ניטא אמאליגע צייטען! אזוי פיעל קללות פאר'ן שווארצען יאהר ארויסגעווארפען! איצט וועסטו ביי מיר פגר'ן נאך א קללה!... טוט איהר עפעס! אז לייט צאהלען איהר...

— פארט ווי אזוי? — האק איך איבער דאס קול פון אונ־טער'ן קאפעליוש.

— אט אזוי איז דאס! — ענטפערט דאס קול פון אונ־טער'ן קאפעליוש, — א סאסייעטע אזא, יו נא... מען בענילט זי, און זי דארף נאר שילטען איין מאל א וואך.

— וואס פאר א סאסייעטע? — פרעג איך שוין מיט אומ־געדולד.

— א סאסייעטע אזא, וואס קלייבט קללות — ענטפערט דאס קול פון אונטער'ן קאפעליוש, — זיי טוען דאס, זאגען זיי, צוליב אידישקייט, דאס אידישקייט זאל ניט אונטערגעהן. אלערליי אידישקייט איז דא, איז קללות אויך א אידישקייט. אמעריקע גנב! איז אלע פרייטאג־צו־נאכט דינגען זיי א האל און אדווערטייזען אין די פייפערס, אז די בעריהמטע שילטער־קע שימע־מושע, מיין אידענע, הייסט דאס, וועט שילטען מיט אמת'ע אידישע קללות פון ווילנער פישמארק. איינטריט צעהן סענט. און דער עולם צאהלט און מיין ווייב שילט זיך און מען

פּאַטשט בראַוואָ. די סאָסייעטע וועט נאָך אָפּדרוקען איהרע קללות אין אַ בוך מיט איהר פּיקטשע און מען וועט דאָס פערקויפען אַזוי ווי תחינות. אַמעריקע! שימע־מושע אויך אַ מענש! וואָס רעדט איהר? פון אַנדערע סאָסייעטעס קומט מען זיך צו איהר בעטען, אַז זי זאָל צו זייערע קאָנצערטען געהן. אונזערע כאַנדרילאַווקער לאַנדסלייט האָבען זי צו זייער באָל אַדוועריטייזט... איהר גלויבט ניט? אָט נאָט אייך, לייענט אַליין!

און ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ הענדביל, און איך האָב איבערגעלייענט, אַז אויפ'ן קאָנצערט און באָל פון די כאַנדרילאַווקער וועט אַנטייל נעהמען „אונזער בעליעבטע לאַנדס־פרוי, די וועלט־בעריהמטע קללות־טשעמפּיאָן שימע־מושע". און זיי לאַדען איין אַלעמען, וועלכע ווילען זיך אַמוזירען, צו קומען אָפּנעהמען אַ גרוס פון דער אַלטער היים און קוויקען זיך מיט שימע־מושע'ס אמת־היימישע קללות.

— איהר זעהט? — האָט דאָס קול פון אונטער דעם קאַפּעליוש אויסגעשריען נצחונ'דיג. — און ווילט איהר וויסען, ווי אַזוי מען האָט אויסגעפונען מיין ווייב'ס טאַלאַנט? אָט טאַקע דאָ ביי דעם פּושקאַרט! איך האָב זי איינמאָל געלאָזען שטעהן מיט'ן פּושקאַרט, איז פאַרבייגעגאַנגען אַזאַ ספּאָרט ווי איהר, און האָט דערהערט, ווי מיין שימע־מושע האַלט אין שילטען אַ אידענע פון אַן אַנדער פּושקאַרט. אַ נאַווינע ביי מיין שימע־מושע שילטען זיך? אָבער דער ספּאָרט האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגענומען אַ ביכעלע און גענומען שרייבען. מיין שימע־מושע שילט און שרייבט. ביז זי האָט דאָס דערזעהן. זאָגט זי: פערשרייבען זאָל מען אייך, מיסטער, אַ שווארץ יאָהר. נעהמט ער און פערשרייבט דאָס אויך. בקיצור, וואָס זאָל איך אייך אַ סך בראַיען? דער ספּאָרט האָט איהר געזאָגט, אַז ער קלייבט אידישע קללות, און ער וועט איהר דערפאַר בעצאָהלען, און גיט איהר טאַקע גלייך אַ טאָלער. איז דאָך מיין שימע־מושע געוואָרען מסתמא צוטומעלט, און עס איז געוואָרען אַ רעדעל. ווייבער

האבען דערזעהן דעם טאַלער און דערהערט, אז איינער א משוגע־נער צאהלט געלט פאר קללות, האט איטליכע גענומען ווייזען וואס זי קען. אבער דעם ספארט איז געפעלען געווארען נאר מיין שימע־מושע׳ס קללות. בקיצור המעשה, ער האט מיט איהר גע־מאכט אן אפאינטמענט, און אט אזוי ווי איהר זעהט...

— און איהר שלעפט נאך דעם פושקארט? — האב איך איהם א פרעג געטאן, נאכדעם ווי די זאך איז שוין מיר קלערער געווארען.

— וואס קען דאס שאטען? — האט ער געענטפערט. — און מיין שימע־מושע זאגט מיר אויך: פיישע־פיטשע, דו וואַרף נאך ניט אוועק דעם פושקארט, טאמער וועט זיי נמאס ווערען מיינע קללות! עס איז דאך אלץ סטייל! אט היינט איז קללות אין סטייל, און מארגען וועט זיך יאוועו אן אנדער משוגעת... און מיין שימע־מושע, יו נאָ, איז ניט קיין נאר א אידענע, פאלג איך איהר... טשארלי טשאפלין, זאגט מען, וועט אויך ארויס פון סטייל, ביז אן אנדער משוגע׳נער וועט זיך יאוועו...

דא האט זיך אונזער געשפרעך געענדיגט, ווייל א צווייטער פושקארט־פעדלער האט זיך אריינגעמישט מיט א ווארנונג צו מיין בעל־דבר, אז ער זאל זיך ניט לאזען אפנארען, ווארים ער דערקענט אין מיר, זאגט ער, א שרייבער פון א פייפער, וואס ער זוכט א „סטארי“, און אז אויב איך זוך, זאגט ער, א „סטארי“, בין איך ניט חולה צו בעצאהלען. אין אמעריקע גיט מען ניט אומזיסט. אזוי זאגט ער. איהם אליין, זאגט ער, האט מען אויך אמאל בעצאהלט פון א פייפער געלט פאר א „סטארי“. ניש־קשה, די פייפערס מעגען בעצאהלען, זיי נעהמען צו ביי אלע אידען די פענים.

אז מיין פיישע־פיטשע האט דאס דערהערט, האט ער זיך א קראץ געטאן אונטער׳ן קאפעליוש און אפגעזאגט ווענען מיר בזה הלשון:

— אזוי גאר? ער איז פון א פייפער? אבי איך האב גע־

מיינט, אז ער איז אזוי א איד! אויב אזוי, טו זאל ער מיר טאקע געהן אין דר'ערד!

און מעהר האט ער מיר וועגען זיין שימע־מושען ניט גע־וואלט דערצעהלען. צו בעקענען זיך נעהנטער מיט איהר טא־לאנט, האב איך געמוזט בעצאהלען פאר א טיקעט און וואס זאל איך אייך זאגען? עס איז ווערט געווען! אחוץ שימע־מושעס קללות האב איך אויך א לעקטשור דארט געהערט. און דער לעק־טשורער האט געשאטען פעך און שוועבעל אויף די אידישע פאלקלאריסטען, וואס זיי האבען פערנאכלעסיגט אזא וויכטי־גען טייל פון דעם אידישען פאלקלאר ווי די אידישע קללות, און ער האט געענדיגט מיט די ווערטער, אז נאר דורך די אידישע קללות און דורך די היימישע קנישעס קען געזיכערט ווערען די אידישע צוקונפט אין אמעריקע, און אז יעדע אנדערע נאציא־נאלע ארבייט איז קיין שוספולווער ניט ווערט.

און צו בעווייזען דעם עולם, אז ער מיינט וואס ער רעדט, האט ער געענדיגט מיט אן עכט־אידישער קללה און פערביסען מיט א היימישען קניש.

די דיסקרעדיטירטע דזשעקס.

דאָס פאָלגענדע היים איך דערצעהלען אַ באַי וואָס איז אַקאַרשט געקומען פון קאָונטרי פול מיט איבערלעבונגען, ער־פאַהרונגען, פאַסירונגען, וועלכע זיינען פיעל און פול אין דער קאָונטרי, כאָטש שאַר זיי צונויף הויפענווייז. דער באַי, וואָס מוז נעבעך דערצעהלען וואָס איך הייס איהם, האָט געהאַט דאָס גליק ביז אַ געוויסער צייט צו זיין דער איינציגער באַי אויף אַ פאַרם צווישען אַזוי פיעל מיידלעך און דאָכ אומגליק צו רו־פען זיך „דזשעק“.

מילא, אז דער שרייבער הייסט דערצעהלען, מוז מען דער־צעהלען, מעג עס זיין אפילו אזעלכעס, וואָס ליעגט אונטער'ן נאָגעל און וואָס אפילו די שעהנסטע נעגעלפוצערין וועט עס ניט קענען ארויסנעהמען. הייבט זיך אָן מיט שרייבער!

— זיץ איך אַזוי איינמאָל אין אַ פינסטערען אָוועגט נאָך סאַפער, — דערצעהלט מיין העלד אויף מיין בעפעהל. — אין אַ ראָקער אויפ'ן פאָרטש און וויג זיך מיר און וואַרט, אז אַ מייי־דעל זאָל צוקומען צו מיר און נעהמען צערטלען מיינע געקריי־זעלטע האָר, וועלכע קענען ניט פערדייהען קיין אַנדער זאַך, ווי ליידים־פינגער. אַזוי ווי איך בין געווען איין זכר אין מאָסקווע, ווי מען רופט עס, פלעג איך אימער וואַרטען, אז די מיידלעך זאָלען קומען צו מיר, ניט איך צו זיי, בפרט נאָך, אז סטאַטיס־טיקער האָבען שוין לאַנג בעוויזען, אז ניט נאָר ביי אונז אויפ'ן

פארם, נאר בכלל אויף דער גאנצער וועלט, ווי גרויס זי איז, זייי־
נען דא מעהר נקבות ווי זכרים. בין איך דאך געווים א יחסן!

און איהר זאלט ניט מיינען, אז דאס איז הוילער עגא־
איזם! דא איז נאך אויך אן אלטרואיסטישער מאטיוו געווען.
נאך מיין רעדען זעהט איהר דאך שוין, אז איך בין ניט פון די
פראסטע באיעס. וואס פאר אן אלטרואיסטישער מאטיוו? אז
איך זאל צוגעהן צו איין מיידעל, וועט דאך די צווייטע פאר־
איבעל האבען. צו וואס זאל איך פערשאפען די איבעריגע עגמת
נפש? האב איך ביי זיך אפגעמאכט: איך געה ניט צו אייך,
נאר איהר קומט צו מיר און האט זיך פאראיבעל איינע אויף
די אנדערע. איך בין אומפארטייאיש, מיידעלעך! איך זיץ מיר
אויף מיין ראקינג־טשער און איהר קעמפט פאר'ן בעזיץ פון
מיין פערזענליכקייט, וועלכע האט דאס גליק, געלויבט איז גאט,
צו טראגען א פאר הויזען. וועמעס גליק עס וועט זיין, דער וועט
בעזיצען מיין פערזענליכקייט. איך דריק זיך אויס „בעזיצען מיין
פערזענליכקייט", ווייל איך בין א דזשענטעלמען און וויל אייך
ניט בעליידיגען, אניט זאג איך גאר „בעזיצען מיין פעי־ענוועד־
לאפ." איך גלויב נאך אין אייער אידעאליזם!

אלזא, זיץ איך אין ראקינג־טשער יענעם אוועגט און ווארט
און ווארט... קיינער קומט ניט! וואס איז דאס, טראכט איך
מיר, א סטרייק קעגען דער מענער־הערשאפט? און יענע שוואר־
צע מיידעל אויך. וואס זי פלעגט זיך מיט א כיון שטעלען די
לעצטע אין דער „ליבע־לאין", כדי צו זיין די לעצטע אין
מיינע ארימס, און זאל זיך ניט דארפען איילען צוליב'ן נעקסט?
וואס קען דאס זיין?

שטעלט אייך פאר, כ'א ל ט דאס מיר איינפאלען (ווי יצחק
אייזיק שרייבט), אז דער פארמער האט אראפגעבראכט א ניי־
עם באָרדער און אז אלע מיידלעך, אפילו יענע שווארצע, זיינען
איהם בעפאלען ווי די ביהנען? ניין, בין איך אויף דעם גראד
ניט איינגעפאלען, און איך האב אלץ געטראכט מי יודע וואס.

בקיצור, איך האב דערזעהן מיין קאנקורענט, איז מיר גע־וואָרען קאַלאַמוטנע אויפ'ן הארצען. און איך האב צו זיך גע־זאגט: „דזשעק, ביסט שוין אוים קעניג! אט איז דיר טריי־קייט און איבערגעבענקייט פון א מיידעל!". און איך לויף די ערשטע זאך אריבער צום פארמער מיט קולות: „סטייטש, איהר האט דאך מיר געזאגט, אז איך וועל זיין ד'ער איינציגער באַי אויפ'ן פארם?" און דער פארמער פערענטפערט זיך, אז די מיידלעך האבען איהם ניט געלאזט לעבען, אז ער זאל אוים־שרייבען פאר זיי כאטש נאך איין באַי, ווארים איך נעהם זיך איבער צופיעל מיט מיין איין־איינציגער באַיעשקייט.

אזוי? האב איך מיר געטראכט. הינטער מיינע פלייצעס? און די שווארצע מיידעל אויך? סטייטש, אזעלכע קושען, אזא ארומנעהמען! איך געה צו צו די מיידלעך און וויל אויסשריי־ען: פערראט! אבער זיי זעהען מיך קיינער ניט. זיי זיינען אלע פערטאן אין דעם נייעם באַי. קוים מיט צרות האבען זיי מיך דערזעהן און האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. מיר דאכט, אז די שווארצע אויך. אה, מיין פרעסטיזש!

מילא, פערפאלען. מיין איינציגער געדאנק איז געווען כאטש די שווארצע ארויסצוראטעווען. די שווארצע איז מיר עפעס אין יענעם מאמענט אין הארצען איינגעבאקען געווארען. ווי אזוי זשע שלעפט מען זי ארוים פון דעם קראוד, וואס שטעהט און בוקט זיך פאר'ן נייעם אפגאט אין הויזען? גיב איך א גע־שריי אוים צו דער שווארצער, אלע זאלען הערען און זאלען צופלאצט ווערען פאר קנאה: „שווארצע! קומט פאר אן אטא־מאביל ראיד!"

איך האב מיט א כיון אויסגעשריען „שווארצע", פאמיליאר, אז ער, מיין קאנקורענט, זאל זעהן, וואס פאר א מאכט איך האב איבער זיי.

די שווארצע האט זיך גלייך ארויסגעכאפט, געשמייכעלט פון דעם, וואס פון אלעמען האב איך זי איינע אויסגעקליבען

און אַז זי וועט ביי מיר זיין היינט די איינציגע, דיווירקליך איינציגע. עס האָבען זיך אָנגעבאָטען נאָך מיידלעך, אָבער איך האָב זיי אַלעמען אָפּגעשטויסען. נקמה!

אין אַטאָמאָביל האָט די שוואַרצע צו מיר זיך צוגעטוליעט נאָך מעהר ווי אימער. מיר האָט אָבער אין האַרצען געברענט אויף איהר, פאַרוואָס אויך זי האָט געוואָגט מיך אויסצובייטען אויף יענעם, וואָס איך וויל גאָר זיין נאָמען ניט וויסען. איך האָב איהר דאָס ענדליך געזאָגט. זי פערענטפערט זיך: הלמאַי רופט מען מיך דזשעק? פרעג איך: „און אַז דזשעק איז וואָס?" גיט זי אַ זיפץ: „אָה, ווען איהר זאָלט וויסען!". פרעג איך: „אודאי דזשעק דהי ריפּער?" ענטפערט זי, און טוליעט זיך דערביי נאָך שטאַרקער צו מיר: „ניין! ווען איהר זאָלט וויסען! עפּעס אַ פאַראורטייל האָב איך געגען די דזשעקס!". זאָג איך צו איהר: „גענוג שוין ציהען די עצמות! בקיצור, וואָס איז די מעשה?". אַזש זי כליפּעט זיך דאָס פאַנאַנדער און דערצעהלט מיר, אַז שוין פינף דזשעקס האָבען זי אָפּגענאַרט און זי האָט מורא, אַז אַ זעקסטער דזשעק וועט אויך זי אָפּנאַרען. שפּרינג איך אויף און שריי אויס: „ווער? איך?". און זי גיט מיך אַ כאַפּ צוריק אין איהרע אָרימס און טוליעט זיך צו מיר נאָך שטאַרקער: „אָה, דזשעק! הלמאַי רופט מען אייך דזשעק?".

פרעג איך זי: „וואָס־זשע זאָל איך טאָן?". זאָגט זי: „אויף אייך איז אויסגעפאַלען צו ראַטעווען די עהרע פון די דזשעקס און חתונה האָבען מיט מיר!". גיב איך נאָך אַמאָל אַ שפּרונג אויף און אַ געשריי אויס: „אָה, דזשעק דער ריפּער, דזשעק ראָוז און איהר אַלע אַנדערע דיסקרעדיטירטע דזשעקס! פאַרוואָס זאָל איך אויסקויפען אייער אַלעמענס זינד און חתונה האָבען מיט אָט דער שוואַרצער מיידעל?". און די שוואַרצע גיט מיך ווידער אַ כאַפּ אין איהרע אָרימס און בעדעקט מיך מיט קושען און שעפּטשעט: „אָה, דזשעק, ראַטעווע דעם נאָמען דזשעק! דער לעצטער, פאַר דיר, איז געווען אַזאַ פּייער, אַזאַ

ברען! ווען ער פלעגט א קוש טאָן, ווען ער פלעגט מיך צו זיך א דריק טאָן! ווען ער פלעגט אויסשרייען: „ציגיינערקע!“ פלעג איך מיינען, אז ער שלינגט מיך איין! דזשעק! האָב מיט מיר חתונה!“. און זי טוליעט זיך און קושט און ברענט ווי א פייער.“ —

מיין העלד וויל מעהר ניט דערצעהלען. איך האָב אָבער מורא, אז דער נאָמען דזשעק איז געבליבען דיסקרעדיטירט, און יענע מיידעל טראָגט א שנאה אויף אלע דזשעקס.

האָט וועלכע עס איז אנדער מיידעל א טענה צו די דזשעקס?

דער טשערמאַן פון די פּאַראַדאָקסען.

— מיינע פריינדע, ליידים ענד דזשענטעלמען! — האָט אנגעהויבען דער טשערמאַן — איידער איך וועל ערעפענען דעם מיטינג...

— איך פּראָטעסטיר געגען אזא אָרטאָדאָקסישען אויסדרוק! — איז אויפגעשפּרונגען אַ ליידי.

— שאַראַפּ! — האָט אויף איהר אַנגעשריען אַ דזשענטעלמען, דעם טשערמאַנ'ס אַ פּאַטריאָט, — אונזער זאַגענאַנטער טשערמאַן איז אַ אינטעליגענטער מענש און מען דאַרף איהם ניט לערנען ווי צו רעדען. ווער האָט אונז אויסגעלערנט די זאַגענאַנטע ווערטער, אויב ניט ער?

— אָרדער! — האָט דער טשערמאַן אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן האַמער און אַן קלאַפּ האָט מען געקענט זעהן, אַז ער איז טאַקע אַ אינטעליגענטער מענש — מען מוז זיין טאָלעראַנט אפילו צו אַ נעגנערקע, ניט נאָר צו אַ געגנער. מען דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערע נעגנערקע ווי מיין זאַגענאַנטע ווייב. פונדעסטוועגען הער איך זי תמיד מיט אַכטונגספאָל אוים. ווי געפעלט אייך דער דזשאָק? אָרדער, פּליז! מיינע פריינדע, איך בעט אייך צו קומען צו אַ שטילשטאַנד, אויב ניט וועל איך ניט קענען פיהרען אונזער פערזאַמלונג. איך האָב אייך שוין איין דזשאָק דערצעהלט, און אויב איהר וועט זיין גוטע באָיעס, וועל איך אייך נאָך אַ דזשאָק דערצעהלען.

— דערצעהלט דעם דזשאק! — שרייען קולות.

— ארדער, פליז! — שרייט דער טשערמאן — איך בעט אייך נאך א מאל צו קומען צו א שטילשטאנד! איך בעט אייך מיט אכטונגספאל, מיט גוטען הייסט עס, איידער איך וועל זיין געצוואונגען צו אטאקירען אייך מיט מיין האמער. די זאגענאנטע ליידי האט דזשאסט בעפאר פראטעסטירט, אדער אינטעליגענטער געזאגט איגנארירט, געגען מיינעם אן ארטאדאקסישען אויסדרוק. איך וועל אלזא, מיינע פריינדע, אנהויבען פון אנהויב, כדי די זאגענאנטע ליידי זאל קענען נאך א מאל פראטעסטירען. אזוי פיהרט זיך אין אלע זאגענאנטע פארלאמענטען און קאנגרעסען, אפילו אין דעם אידישען קאנגרעס, אז אפריהער צופאיט מען זיך, כדי אנצוהויבען פון אנהויב. אלזא, מיינע פריינדע, ליידיס ענד דזשענטעלמען, איידער איך וועל ערעפענען דעם מיטינג... איצט זאל די זאגענאנטע ליידי פראטעסטירען!

— איך פראטעסטיר געגען אזא ארטאדאקסישען אויסדרוק! — איז די ליידי ווידער אויפגעשפרונגען. — איך פראטעסטיר געגען דעם אויסדרוק ערעפענען. וואס עפעם ע ר עפענען? רק ע ר און ע ר און ע ר! זאל ז י אמאל אויך עפענען! וואס עפעס איהר מענער האט אלעם פערכאפט? ע ר ציהען, ע ר רייכען... מיר ווייבער קענען אויך. אין נאמען פון אלע אונזערע ליידיס מאך איך צום פארשלאג, אז פערזאמלונגען זאל מען מעהר ניט ע ר עפענען, נאר ז י עפענען, און קינדער זאל מען מעהר ניט ע ר ציהען, נאר ז י ציהען. נידער מיט'ן ע ר!

— ארדער פליז! מיינע פריינדע! — האט דער טשערמאן שוין גענומען אטאקירען מיט'ן האמער — איהר האט אלע געהערט דעם מיט אכטונגספאלען פארשלאג פון דער זאגענאנטער ליידי. אבער בעפאר איהר נעהמט רעדען, וואלט איך אייך וועלען זאגען א פאר ציווילייזירטע ווערטער. ארדער פליז!

פיהרט זיך אויף ווי אינטעליגענטע לייטע! איך וויל אייך זאגען, אז מיר לעבען איצט אין דער עפאכע פון דער איצטיגער צייט, וואס די סאפראדזשעטקעס האבען זיך זעהר ענטוויקעלט אויף א זעהר גרויסען מאסשטאב. פערשטעהט זיך, אז מיר דארפען זיין דזשענטעללייטע און געבען זיי מעהר רעכטע. מיין עפענט־ליכע מיינונג איז, אז ווען מיר וועלען געבען די פרויען רעכטע, וועלען מיר האבען רעכטע פרויען. דאס איז שוין ניט קיין א ר־ט א ד אקסישער אויסדרוק, נאר א פ א ר א ד אקסישער. אלזא, אלס ציוויליזירטע מענשען מוזען מיר זיין פ א ר א ד אקסען, ניט קיין א ר ט א ד אקסען.

— הוריי פאר די פאראדאקסען! — האט די פראטעסטי־רענדע ליידי אויסגעשריען.

— ארדער פליז! — האט דער טשערמאן אויסגעשריען — אלזא, פריינדע פאראדאקסען...

— איך פראטעסטיר געגען דעם אויסדרוק! — האט זיך אויפגעכאפט א מעמבער — מיר ווילען גאר קיין אקסען ניט זיין, נאר פליינע מעמבערס!

— שאראפ! — האט אויף איהם אנגעשריען דער אוי־בענדערמאנטער דזשענטעלמען, דעם טשערמאנ׳ס פאטריאט,— איהר האט קיין רעכט ניט צו פראטעסטירען געגען דעם טשער־מאן אהן דעם טשערמאנ׳ס ערלויבניש.

— ארדער פליז! — האט דער טשערמאן אויסגעשריען,— איך וויל ערקלערען דעם מעמבער, אז איך האב ניט געזאגט, דאס מיר זיינען פראסטע אקסען. איך האב געזאגט, אז מיר זיינען פ א ר א ד אקסען.

— אבער מיר ווילען ניט זיין אפילו קיין פאראדנע אק־סען! — האט געשריען דער אויבענדערמאנטער מעמבער.

— אלזא מיר וועלען נעהמען מיין שטאנדפונקט צו אפ־שטימונג! — האט אויסגעשריען דער טשערמאן מיט׳ן הא־

מער — ווער עס וויל זיין א פאראדאקס, זאל אויפהויבען די האנט! דאנעגען? קיינער. דאמיט פאסירט!

— ווארט א ווײלע, מיסטער טשערמאן! פאסירט ניט אזוי שנעל! — האט געשריען די אונז שוין גוט בעקאנטע פראטעס־טירענדע ליידי — איך וויל נאך אמאל פראטעסטירען אין דעם נאמען פון די ליידיס!

— ארדער פליז! — האט דער טשערמאן ווידער אטאקירט מיט'ן האמער — וואס וויל ווייטער די זאגענאנטע ליידי?

— איך פראטעסטיר געגען דעם נאמען פאראדאקסען פון אונזער ליידי'שען שטאנדפונקט! — האט די ליידי געשריען— גלייכע רעכטע דארף זיין גלייכע רעכטע, און אויב עס זיינען דא אויף דער וועלט פאראד א ק ס ע ן דארפען אויך זיין פאראד ק י ה. ניין, איהר וועט אונז ניט פערשוויינען! און אז איך שטעה שוין אויפ'ן פלאר, וויל איך, מען זאל סעטלען די פראגע וועגען ערעפענען. מיסטער טשערמאן, נעהמט עס צו אפשטימונג!

— אלזא, מיינע פריינדע! — האט דער טשערמאן ווידער געשריען מיט'ן האמער.

— איך האב א פארשלאג! — האט איינער פון די „פריינ־דע" אויסגעשריען: — לאמיר זיין נייטראל! לאמיר די פער־זאמלונג ניט ע ר עפענען און ניט ז י עפענען, נאר פראסט עפענען און געסעטעלט.

— ניין! — האט געשריען די אלטבעקאנטע ליידי — איך בין געגען אזא סעטלמענט!

— אלזא, מיינע פריינדע! — האט דער טשערמאן ווידער געשריען מיט'ן האמער — איך וועל מאכען א פשרה. דאס הייסט קאמפראמעטירען: צוטיילען אויף העלפט, איין פער־זאמלונג זאל מען ע ר עפענען און א צווייטע ז י עפענען! ווער עס איז דאפיר, זאל אויפהייבען די האנט! דאנעגען?

דאָמיט פּאַסירט! און איצט מיינע פריינדע פּאַראַדאָקסען, וועל איך אייך פאַרשטעלען דעם זאַגענאַנטען רעדנער. און דאָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי אונזער זאַגענאַנטער פריינד מיסטער יאַמראַך...

אן אָריגינעלער שרייבער.

(דערצעהלט פון אַ רעדאַקטאָר)

ליבע לעזער! איך בין אַ רעדאַקטאָר, וואָס האָט צו טאָן, ווי איהר ווייסט, מיט אַלערליי שלעק, אנערקענטע און ניט אנערקענטע.

איינמאָל האָב איך בעגאַנגען אַ נאַרישקייט אָפּצודרוקען אַ זאַך פון איינעם אַ קרענק, וועלכער האָט מיך צום טויט פערמוטשעט מיט זיינע „גייסטיגע קינדער", וועלכע ער פלעגט רעפּראָדוצירען אָהן שום רחמנות, ניט אַכטענדיג אויף'ן גרויסען פּאַפּיר־יקרות.

— האָלט איהר גאָרניט פון געבורט־קאָנטראָל? — האָב איך איהם איינמאָל געפרעגט, ווען איך האָב דערזעהן, אַז עס איז גאָר קיין סוף ניטאָ צו זיין פּרוכטבאַרקייט.

— ניין! — האָט ער תקיפ'דיג געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— גאָר פּשוט, ווייל דאַן וואָלט איך אויף דער וועלט ניט געווען, מחמת איך בין דאָס פינפטע קינד געבאָרען געוואָרען ביי מיין טאַטע־מאַמע, און עס וואָלטען אויך ניט געבאָרען געוואָרען אַנדערע גרויסע גייסטער, וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען אַריבער דער פראַצענט־נאָרמע פון געבורט־קאָנטראָל.

— אָבער איהר אַליין זייט דאָך שוין דאַ אויף דער וועלט,

טו זעהט כאָטש אייער גייסט צו קאָנטראָלירען, ער זאָל ניט בע־לעסטיגען די רעדאַקציעס מיט אַזוי פיעל קינדער! — האָב איך זיך ביי איהם געבעטען.

ניין! ער קען ניט קאָנטראָלירען זיין גייסט. ער מוז שאַפען!

און אַזוי האָט ער מיר געבראַכט איין גייסטיג קינד זיינם נאָכ׳ן צווייטען, און אַלץ אַזעלכע קריפּעלס, דאָס ניט אַכטענ־דיג אויפ׳ן גרויסען פּאַפּיר־יקרות האָב איך זיי געמוזט וואַרפען אין קאָרב, פיעלע ניט איבערלעזענדיג אפילו, און פּאָר איהם אין די אויגען טאַקע. איהם האָט עס גאָרניט געאַרט. מעהר נישט איינמאָל האָט ער סאַרקאַסטיש מיר בעמערקט:

— לייענט פונדעסטוועגען אַפריהער איבער: איהר קענט נאָך אַ מייסטערווערק אריינוואַרפען!

— וואָס איהר וועט איבערשרייבען פון געדרוקטע? — האָב איך, בדרך הלצה הייסט עס, איהם געפרעגט.

ער האָט זיך אָבער ניט בעליידיגט — ווי אימער. האָט איגנאָרירט מיין קיבעץ, און נאָכדעם מיט אַ סטראַשונאַק צו מיר געזאָגט:

— וואַרט, איהר וועט מיך נאָך דרוקען!

און כך הוה: ער האָט געבראַכט אין אַ צייט אַרום אַ גייסטיג קינד נאָך אַ לענגערע געבורט־קאָנטראָל און נאָכדעם ווי מיין בעם אויף איהם איז שוין פאַראיבער. ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם טאָן די טובה בלויז דאָס איין מאָל און אויסהערען זיין זאַך. איך בין גראָד געווען אויפגעלעגט, און האָב אויסגעהערט די זאַך. ערשט גאָרניט קיין שלעכטע זאַך! ער האָט מעפיסטאָפעליש טריאומפירט, ווען איך האָב ביי איהם צוגענומען די זאַך און געזאָגט, אַז עס וועט געדרוקט זיין.

און — ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרען, און, איך זעה דאָך, ליבע לעזער, אַז איהר טרעפט דעם סוד, ס׳איז אַזוי איינפאַך:

די זאך, ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, איז געווען פון א בע־וואוסטע שרייבער!

אז ער איז דערנאך געקומען צו זיך, און איך האב אויף איהם גענומען שרייען „גנב", איז ער גאר ניט נתפעל געווארען.

— איך האב אייך גאר געוואלט ווייזען, — האט ער גאנץ קאלט געזאגט, — אז איהר ווער מיך דרוקען, און טאמער ניט, וואלט איך זיך מיט אייך גערייצט, אז איהר זייט ניט קיין מבין אויף ליטעראטור, און איהר ווארפט מייסטערווערק פון בע־וואוסטע שרייבער אין פאפיר־קארב.

אבער די דאזיגע אפגעדרוקטע גע'גנב'עטע זאך האט פאר איהם געעפענט א טיר אין אנדערע רעדאקציעס. יענע האבען זיך צו דער גנבה ניט צוגעקוקט, און מיינענדיג, אז זיי האבען פאר זיך אן אנערקענטען שרייבער, האבען זיי צוגענומען זיינע נייס־טיגע קינדער, ווער מעהר, ווער ווייניגער.

דאן ערשט פלעגט ער קומען רייצען זיך מיט מיר, און וויי־זען מיר די אלע אפגעדרוקטע זאכען זיינע, וועלכע איך האב פערבראקירט, און דאן פלעגט ער א כאפ טאן מיינע א צייטונג און אויסשרייען מיט נצחון:

— איך וועל אייך ווייזען, ווי אלע שרייבער אייערע טוען מיר נאך, שרייבען מיר נאך ווארט פאר ווארט! קיין טאלאנט האב איך אפשר ניט, אבער אז איך בין אריגינעל, וועט איהר דאך אויך מוזען צוגעבען.

מיין חוש פאר הומאר האט איינגעהאלטען מיין כעס, און איך האב זיך צו איהם אפגערופען:

— נו, אדרבא, צייגט, וואו מאכען אייך נאך מיינע שריי־בער?

— אט שרייבט צום ביישפיל אייערער א שרייבער, — האב ער געזאגט, — אז דער באי האט א קוש געטאן די מיידעל. איך זאג אייך, אז דאס וואלט איהם קיינמאל ניט איינגעפאלען צו שרייבען אזוי, ווען ניט איך. דאס האט ער ביי מיר דער־

זעהן דעם אויסדרוק, האט ער עס איבערגעשריבען. אדער אט א צווייטער שרייבער אייערער בענוצט זיך מיט מיין אויסדרוק: „די ביימער האבען זיך געשאקעלט". און א דריטער שרייבער אייערער געברויכט פונקט אזוי פיעל פינטעלעך ווי איך. איך האב איבערגעצעהלט! און א פערטער שרייבער אייערער גע־ברויכט דיזעלבע דרוקפעהלערן וואס איך. און א פינפטער די־זעלבע פראגע־צייכענס און אויסרוף־צייכענס, און אזוי אלע איי־ערע שרייבער טוען מיר נאך. און ניט נאר אייערע שרייבער, נאר אויך די שרייבער פון די אנדערע צייטונגען. אלע טוען מיר נאך. באשר איהר האט מיך ניט געוואלט דרוקען און גע־צוואונגען מיך צו ווערען איינמאל א גנב! וואס איז? איך דארף דען ביי וועמען גנב'ענען? איך האב אימער געהאט גענוג איי־גענע זאכען צו דרוקען, באשר איהר האט מיך ניט געוואלט דרו־קען און געטריבען מיך צו גנב'ענען ביי פרעמדע! זאל אויף אייער קאפ פאלען די עבירה! איך האב עס געמוזט טאן, כדי צו צווינגען אייער חברה מיך צו דרוקען. איצט זעהט, אז איך שאף שולע אין דער ליטעראטור, אלע טוען מיר נאך, און די קריטיק מאטערט זיך צו געפינען מיין גרויסקייט, און קען ניט! א מכה וועט זי געפינען, די קריטיק, מיין גרויסקייט! זי איז נאך ניט דערוואקסען צו פערשטעהן מיך! איין קריטיקער שרייבט, למשל, אז ער לייענט מיך און לייענט מיך און פערשטעהט קיין איין ווארט ניט. נעווים פערשטעהט ער ניט!

און אז ער האט געענדיגט, האב איך ארויסגעשטעקט מיין קאפ דורכ'ן פענסטער און אויפגעהויבען מיינע אויגען צום הימעל און געפרעגט:

— רבונו של עולם! מוזען דאס טאקע אלע זיין שרייבער?

אלישע.

וואס איז אייער מיינונג, ליבע לעזער, וועגען אזא נאמען ווי אלישע? גארניט קיין פאפולערער נאמען, טו איך ערקלע־רען אין אייער נאמען, ליבע לעזער, אזוי ווי מען טוט ערקלע־רען נאך פיעלע זאכען אין אייער נאמען, און איך הער אייך זאגענדיג, אדער עס דוכט זיך מיר אויס, אז איהר זאגט: אלישע! אויך מיר א נאמען! אזא נאמען האט זיך געקענט פערגינען צו טראגען נאר אזא פארמער, ווי דער אונז אלעמען שלעכט־בעקאנטער נביא. און אויך, ווען איז דאס געווען? גאר אמאל אין די ביבלישע צייטען, אין די צייטען פון פדהצור, נחבי בן ופסי, חשים, חבקוק, שדרך, משך ועבד נגו. אמאל, ווען מען פלעגט ניט שלעפען קיין נעמען ביי טויטע פון קברים! היינט וועט קיין רעכטדענקענדער איד זיך ניט געבען פלוצלונג א נאמען אלישע. אז עכטער יענקי, א פערוואָרפענער פארמער מוז מען זיין, אום צו טראגען אזא נאמען, אדער צו בעלעסטיגען א קינד, אן עופה'לע נאך, וואס קען זיך נעבעך ניט וועהרען, מיט אזא מין נאמען.

אלישע!

אבער מיינט ניט, ליבע לעזער, אז איך מיין דא צו קיבע־צען די אידען, פארוואס זיי האבען זיך דערוויטערט פון דער ביבעל. איך בין דא גאנץ אביעקטיוו. איך קאנסטאטיר דא נאר א פאקט, ווי גוט בעוואוסטע פובליציסטען זאגען, מיט דער האפ־

כונג, אז דער בחור הזעצער וועט עס מיר לאזען קאנסטאטירען און ניט צווינגען מיך צו „קאנסטאנטינען". איך וויל ניט זיין אין דער לאנגע פון קאנסטאנטינען פון גריכענלאנד.

אלזא, איך קאנסטאטיר דא א פאקט, אז קיין אידישע אלישע'ס האב איך אין לעבען ניט בענעגענט. ביז... הערט א געשיכטע!

אין אונזערע צייטען און אין אונזערע טעג איז געוועזען א אידיש פאר־פאלק, שטארק אמעריקאניזירט, אבער אזוי אמע־ריקאניזירט, אז א נאש בראט, וואס רעדט אידיש און נאך מיט די הענט דערצו, איז ביי זיי געוועזען א „קאיק". און איך מוז דא ווידער ערקלערען, אז איך מיין דא ניט וועמען צו זאגען מוסר. נאר אז איך קאנסטאטיר דא א פאקט און אז. וו., ווי איך האב שוין אויבען באריכות ערקלערט. עס טוט מיר אפילו זעהר לייד, וואס איך מוז אזוי פיעל מאל קאנסטאטירען, אבער אז מען מוז, מוז מען. דער בחור הזעצער זאל נאר זיין א גוד באי און קאנס־טאטירען, וועט שוין אלעס זיין גוט.

אלזא, צוריק צום אמעריקאניזירטען פאר־פאלק, ויהי היום האט זיי נאט געהאלפען מיט א בן־זכר. דארף מען דעם בן־זכר געבען א נאמען. וואס־זשע פאר א נאמען גיט מען איהם, ניט קיין נאמען פון א „קאיק"? טראכטען די גליקליכע טאטע־מא־מע. און איך לאז זיי טראכטען, ווי איהר קענט זיך איבערציי־גען פון די פאלגענדע פאסיקלעך: — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואס האבען זיי אויסגעטראכט?

אדרבא, לאמיר הערען! סעם? אייבי? איזי? בעני? משארלי? לואי? דזשייק? פע! דאס זיינען דאך עכטע אידישע נעמען, און די באבע — אך, די באבע! — קען נאך איהם רו־פען: סעמעלע אדער סעמקע, אייבעלע, איזעלע אדער איזינ־קע, בענעלע, טשאלינקע, לואינקע, דזשייקעלע. די באבע! אך, די באבע! וואלט עס נאך געוועזען ז י י ן מאמע, הערט מען

זי ווי די שווינגער, אבער דאס איז די אייגענע מאמע. א י ה ר מאמע! וואס טוט מען מיט דער מאמע'ן? זי פערשווארצט זיי דאס פנים איבער דער גאנצער „נעיבארהוד": דזשעניצע, פאַ־ניטשע, רומסען... אזוי רעדט זי, די מאמע!

— שא! — רופט זיך אפ דער מאן — לאמיר איהם גאר א נאמען געבען סידני!

— סידני! — גיט זיך די ווייב א קרים. — עני קאיק רופט זיך שוין סידני.

— נו, טו זאל זיין מילטאן! — רופט זיך אן ווידער דער מאן.

— מילטאן? — זאגט די ווייב. — איט יוזד טו בי עי נאיס נעים, עי ריעל אמעריקען נעים, באט איצט איז עס שוין טו מאטש דזשואיש, עניבאדי איז מילטאן.

— נו, טו זאל זיין גאר דזשאהן! — שלאגט פאר דער מאן.

— דזשאהן? ! — גיט זיך א כאפ די ווייב. — וואו האסטו געפאקט דעם נאמען? אויף העסטער סטריט? ועלכער ריעל אמעריקען רופט זיך דאס איצט דזשאהן? איך האב אפגע־טראכט א בעסערען נאמען! טאקע א ריעל אמעריקען נעים! געדענקסטו דעם פארמער דעם גוי, וואו מיר זיינען פאראיאה־רען זומער געוועזן?

— יעס! — ענטפערט דער מאן. — אלישע האט מען איהם גערופען, אבער עס איז א פאני נעים!

— פאני נעים! ? — קרימט איהם איבער די ווייב. — אלישע איז א ריעל אמעריקען נעים. מיר וועלען איהם א נאמען געבען אלישע, און קיינער וועט ניט זאגען, אז ער איז א דזשו. סידני, מילטאן, דזשאהן וועט מען גלייך דערקענען, אז ער איז א דזשו, אבער אלישע? נעווער!

און אזוי איז דאס געבליבען: אלישע!

די באבע האט אפילו פרובירט פראטעסטירען: סטייטש, וועלכער איד רופט זיך דאס אלישע? פארוואס אזא גוי׳איש נאמען? און וואס פעהלט לואי, סעם, טשאלי, בעני? זי האט געוויינט, די אלטע, וואס מען דערווייטערט זיך פון אידען. איזי איז אידישער ווי אלישע... עס האט ניט געהאלפען! אלישע — און דהאט׳ס אלל!

און אלישע איז אזוי געוואקסען און טאטע־מאמע האבען געקוואלען. מיט איין ווארט: אלישע! זיי האבען געביט אלע אידען מיט זייער אלישענטום! וואו איז נאך א איד מיט׳ן נא־מען אלישע? און אלישע האט זיך געטאן ווייטער דאס זייניגע— איז געוואקסען און געוואקסען, ביז ער איז אויסגעוואקסען, און איז געקומען מיט טענות צו טאטע־מאמע׳ן: פארוואס האט מען איהם געגעבען אזא פאני נעים, ווי אלישע? דאס איז דאך א פארמער־נאמען! טשאלי, בעני, לואי, איזי, סעמי און אפילו אזעלכע „קאיקס" ווי מילטאן און סידני לאכען פון איהם... אבער טאטע־מאמע האבען איהם געטרייסט און געגעבען צו פערשטעהן די אמעריקאנער בעדייטונג פון אלישע, אז דאס איז ניט קיין אי־דישער נאמען, ניט קיין „קאיק".

און עס איז אזוי אריבער נאך אביסעל צייט, ווי עס דער־צעהלט זיך, און עס וואלט זיך אלעס געענדיגט בשלום ושלוה און דער אמעריקאניזם וואלט טריאומפירט. איז אבער געקומען א סענטימענטאלער העברעאיסט און רופט זיך אנ׳עט צום גליק־ליכען טאטע־מאמע:

— אזוי? אלישע? אייער זוהן רופט מען אלישע? זעהר שעהן פון אייך! דאס איז דאך אן עכט־אידישער נאמען! א קליינינקייט: אלישע הנביא!

זאל איך אייך נאך דערצעהלען, אז טאטע־מאמע זיינען גלייך געפאלען אין חלשות? אבער איך מוז עס טאן, כדי צו קאנסטאטירען נאך א פאקט.

און ווען זיי זיינען צו זיך געקומען, שטעל איך מיר פֿאָר,
ווי זיי האָבען ביי זיך געטראַכט:
„ניט אויסצוהאַלטען פֿון די קאַיקס! אַלע נעמען האָבען
זיי פֿערכאַפּט! קיין איין רעכטער נאָמען איז ניט געבליבען...“

הונדערט יאָהר הויזען.

לייענענדיג אין די צייטונגען וועגען דעם הונדערט־יעהריגען יובילעאום פון אונזערע פיעל־געפּרעסטע הויזען, בין איך געוואָרען מעהר הויזענבעוואוסטזיניג ווי אימער, האָב זיי אויסגעפּרעסט לכבוד יום־טוב מיט אַ פיינעם קנייטש און בין ארויס פראַנטעווען איבער די גאַסען, צו ווייזען די מאכט פון דעם געעהרטען יובילאַר.

„שוין הונדערט יאָהר, ווי עס הויזענט זיך!“, האָב איך מיר שטאַרק געטראַכט, שפּרייזענדיג פריי מיט מיינע בעהויזענטע פיס.

און אזוי הויזענדיג, בעגעגען איך מיין לאַנדסמאַן משה־יאָסעל, וועלכער איז פעסימיסטיש געשטימט ווי אימער און גיט זיך קיינמאָל ניט אָפּ מיט׳ן הויזען־קולט. פאַרוואָס? גאַנץ פּשוט, ווייל ער האָט אַ ווייב, וואָס ז י טראָגט די הויזען — און צו וואָס זאָל ער פרעסען פרעמדע הויזען? הכלל, ער איז פון די הויזענלאָזע מענער, און די דאָזיגע הויזענלאָזיגקייט האָט אויף איהם אַ אומעט אויסגעגאָסען און די גאַנצע מאַנסבילשע גבורה אוועקגענומען.

און אַז ער האָט אויף מיר דערזעהן די פריש־אויסגעפּרעסטע הויזען, האָט ער טיף אַ זיפץ געטאָן און זויער מיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז אויף דיר היינט די שמחה?

— וואָס הייסט? — האָב איך זיך בעליידיגט, וואָס ער ווייס ניט פון אונזער שמחה, — ביסט גאָר קיין מאַנסביל ניט? ווייסטו דען ניט, אַז ס'איז שוין הונדערט יאָהר געוואָרען, ווי מיר טראָגען הויזען?

מיין משה־יאָסעל קוקט מיך אָן ווי אַ משוגע'נעם.

— וואָס הייסט הונדערט יאָהר ווי מיר טראָגען הויזען? — האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט. — און ביז מיט הונדערט יאָהר צוריק, הייסט עס, זיינען מיר במחילה געגאַנגען אָהן הויזען?

— חלילה! — האָב איך זיך אָפּגערופען. — ווי פּאַלט דאָס דיר איין צו דענקען אַזוי שלעכט וועגען אונז? ווי הייסט געגאַנגען אָהן הויזען? מיר האָבען יאָ עפּעס געטראָגען, דהיינו, תחתונים, פּלודערן, מייטקעס, אָבער דאָס זיינען אַלץ ניט געווען קיין הויזען, ביז עס איז געקומען דער היסטאָרישער טאָג, געדענק־זשע, דער 19טער אָקטאָבער 1816, און מיר האָבען אַריינגעמופּט אין אונזערע איצטיגע הויזען, אין וועלכע מיר פּראָגרעסירען פיעל שנעלער ווי אין די אַלטפּרענקישע תחתונים, פּלודערן אָדער מייטקעס. פערשטעהסטו שוין?

— יאָ, איך פערשטעה — האָט ער געענטפערט. — דיר איז גוט, אַז דו האָסט קיין ווייב ניט און דו קענסט פּראַנק און פריי טראָגען די הויזען און ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיי ביי דיר אָראָפּשלעפּען... אָבער ווען דו האָסט אַזאַ געגענשטאַנד ווי איך האָב, וואָלסטו גאָר אַנדערש גערעדט...

— וואָס פאַר אַ געגענשטאַנד איז דאָס, וואָס עס לאָזט דיר קיין הויזען ניט טראָגען?

— האָסט גאָר פערגעסען אַז מיין ווייב?

— וואָס־זשע עפּעס רופסטו זי געגענשטאַנד?

— וואָס איז זי דען, אויב ניט קיין געגענשטאַנד? ווייסט דאָך, אַז אימער שטעלט זי זיך מיר געגען! אַ ווייב איז דער ריכטיגער געגענשטאַנד און אַ שווערער געגענשטאַנד! יאָ, געגענשטאַנד!

ער האָט זיין פּילאַנישע ענטדעקונג שטאַרק בעטאָנט, און געקוקט מיר אין די אויגען, אויב איך האָב עס געכאַפּט.

— וועל — זאָג איך — אויב מען האָט אַזאַ שווערען גע־גענשטאַנד, קויפט מען צוויי פּאָר הויזען פון שלום־בית וועגען, טראָגסטו איין פּאָר און זי איין פּאָר.

— ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט קאָמפּראָמיסען. איך האַלט פון מאַנאָהויזענטום. איין פּאָר הויזען פאַר יעדען מאַן־און־ווייב, און אָדער ער, אָדער זי! ס'איז אַן אייביגע מלחמה, יו נאָו. און אפילו, אַז עס הערשט פרידען, איז עס ניט מעהר ווי א בעוואָפּענטער פרידען, וועלכער קען פּלאַצען צו יעדער מינוט, אַזוי שנעל ווי ער אָדער זי ווערט בעוואוסטזיניג. ניין, ברודערקע, איך האַלט ניט פון צוויי פּאָר הויזען!

— טו פאַרוואָס האָסטו אָפּגעגעבען דער ווייב די הויזען?

— איך האָב אָפּגעגעבען? — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן. — זי האָט ביי מיר צוגענומען. אין איין שעהנעם פריה־מאָרגען האָב איך זיך א כאַפּ געטאָן, אַז ס'איז גאָר א שאַנדע צו זאָגען. שריי איך צו איהר: „ביילע, גיב מיר אָפּ די הויזען! איך דאַרף דאָך געהן אין שאַפּ אריין!" און איך האָב זיך א לאָז געטאָן נאָך מיינע הויזען. האָט זי געמאַכט א גוואַלד, אַז זי איז א שוואַכע פרוי און איך וויל זי דער'הרג'ענען און בערוי־בען זי פון איהר רעכט... מילא, איך האָב ניט געוואָלט מאַכען קיין לייטישע געלעכטער און האָב איבערגעלאָזען די הויזען ביי איהר, און איך וואַרט, ביז איך וועל קריגען גענוג כח אָפּצונעה־מען ביי איהר מיינע הויזען, סיידען זי וועט די הויזען מיינע אָפּגעבען אַן אַנדער מאַן, אַזוי ווי עס האָט זיך געטראָפען ניט פאַר קיינעם געדאַכט מיט אונזער'ן א שכנ'ס הויזען. ס'זיינען דאָ אַזעלכע ווייבער, וואָס רעוואָלטירען געגען דער הערשאַפט פון דעם אייגענעם מאַן, אום איבערצוגעהן אונטער דער הערשאַפט פון א פרעמדען מאַן.

פון זיינע פּעסימיסטישע רייד האָט גענומען איינפאַלען דער

קנייטש אויף מיינע יום־טוב'דיגע אויסגעפּרעסטע הויזן. אום אפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון זיינע רייד אויפ'ן הויזן־קנייטש, האָב איך זיך אָנגערופן:

— וועל, דאָס איז אַלץ פון סוביעקטיווען שטאַנדפּונקט. אָביעקטיוו אָבער זיינען מ י ר די הויזנטרעגער, און די הויזן זיינען דער סימבאָל פון מאַכט.

— מאַכט, זאָגסטו? — אָט דו האָסט קיין ווייב ניט, קענסטו, דאַכט זיך, אַפּאָרדען צו זיין אינדעפּענדענט און אַפּהיטען דעם פּרעסטיזש פון דיין הויזענטום. פונדעסטוועגן, ווי ריינע הויזן דערזעהען נאָר אַ ליאַדע קליידעל, אַזוי ווערען זיי ביי זיך געפאַלען און וואַלגערען זיך אין שטויב פאַר'ן קליידעל און קושען דעם זוים פון קליידעל... שטאַלצע, מעכטיגע הויזן, זאָגסטו? ניין! — האָט ער זיך צושריען. — איך וועל פאַר זיי קיין יובילעאום ניט מאַכען! איך האָב חרטה, וואָס איך האָב זיי גאָר ווען געטראָגען, און זאָלען זיי טאַקע בלייבען ביי מיין ווייב. אויף כפּרות!

און איך פּערענדיג סימבאָליסטיש: דער יום־טוב'דיגער קנייטש אויף מיינע הויזן איז אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. אָרימער יובילעאַר!

19 אָקטאָבער, 1916.

יאָגענדיג זיך נאָכ'ן לעבעלע ברויט.

די בעקער האָבען אָפּגעקניפּען אַן
אונץ פון לעבעלע ברויט — און
פּאַרטזעצונג פאָלגט.
(פון די צייטונגען אָבער אַ פאַקט).

בעוואפענט מיט א מיקראָסקאָפּ, האב איך זיך א לאָז גע־טאָן זוכען דאָס לעבעלע ברויט, ביי וועלכען די בעקער האָבען אראָפּגעריסען חיים טובים. איך האָב פּשוט געוואָלט זעהן דעם אַלטען פריינד פון דער מענשהייט, זעהן ווי ער פיהלט זיך נאָך דער אָפּעראַציע.

אין געוועהנליכע צייטען וואָלט איך געגאַנגען זוכען ברויט אין א רעגעלער בעקערײַ, אָבער אַזוי ווי עס איז יקרות, האָב איך בעשלאָסען צו זוכען עס אין די צירונג־געשעפטען. א קליי־ניגקייט ברויט! מיט גאָלד גלייך און אפשר נאָך טייערער! וואו קען עס ליעגען, אויב ניט אין א דזשועלערי־סטאָר? און איך האָב טאַקע געטראָפען, וואָרים אויפ'ן וועג צו טיפאַני האָב איך דערהערט צייטונגס־אינגלעך שרייענדיג: „עקסטרא! האָלד־אָפּ אויף א דזשועלערי סטאָר!". קויף איך די עקסטרא און לייען איבער, אַז צוויי באַנדיטען אין אַן אָטאָמאָביל האָבען געמאַכט א האָלד־אָפּ אויף א דזשועלערי סטאָר און צונעכאַפּט צוויי מיט דריי־פערטעל גראָם ברויט. יעדערער האָט געלייענט די עקסט־רא און די סלינע געשלונגען. יעדערער האָט די באַנדיטען מקנא געווען.

„רבונו של עולם!“ — האָב איך זיך געוואָלט אויס־טענה'ן. „וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס געוואָרען ?...“

נאָר טענות אַהין, טענות אַהער — מען דאַרף דאָך געהן זוכען דאָס שטיקעלע ברויט, וואָס וואָרט אפשר, אַז מען זאָל עס בעפרייען פון די הענט פון די בעקער, וועלכע האַלטען עס אין איין קנייפּען? און אפשר גלייכט דאָס לעבעל ברויט, אַז מען זאָל עס יאָ קנייפּען, פּונקט ווי יענע מיידעל, וועלכע מיר האָבען אמאָל געקענט?

איך בין אריין אין דזשולערי סטאָר. דער סטאָרקיפּער האָט מיך געפרעגט וואָס איך דאַרף. איך האָב איהם געזאָגט: „אַ לעבעל ברויט.“

— אַ לעבעל ברויט? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן קאָפּ. — איהר מוזט מיינען מסתמא אַ לעבעלע?

— ענטשולדיגט! — האָב איך זיך פערענטפערט, — איך האָב טאַקע געמיינט אַ לעבעלע. דאָס האָט זיך נאָר אַזוי אויס־גערעדט ביי מיר לעבעל, לויט אַלטער געוואוינהייט. ס'איז נאָך גוט, וואָס ביי מיר האָט זיך ניט ארויסגערעדט לאַבען. געוועזן, דאַכט זיך אמאָל אַזאַ זאַך?

— יאָ! — האָט דער סטאָרקיפער אַ זיפץ געטאָן. — עס איז געוועזן אמאָל אַ לאַבען! אַלזאָ, איהר ווילט אַ לעבעלע ברויט? פּאַרטין קערעט מעהל, צי מעיד אין דזשווירמעני?

— דאָס רעגעלע ברויט, — ענטפער איך און שטעק שוין אויס די האַנט.

— וואַרט נאָך אַ ווייל! — קיהלט אָפּ דער סטאָרקיפּער מיין בעגייסטערונג. — ווילט איהר עס בלויז אָנקוקען, צי טאַקע אויך עסען, ווי אמאָל אין די גוטע צייטען?

— וואָס איז אייך דער אונטערשייד? — פרעג איך.

— מיר איז גאָר קיין אונטערשייד ניט, — ענטפערט ער. — איך מיין אייער אונטערשייד, אייער טובה, הייסט עס... אויב איהר ווילט טאַקע עסען, וואָלט איך אייך בעסער געראַטען

נעהמען א דימענט, וועט איהר זיך לכל הפחות קענען אנעסען. ביי מיר איז ראַיעל, יו נאו, איך האָב ליב, אז מיינע קונדען זאָלען צופרידען זיין.

איך האָב אָבער דאָס לעבעלע ברויט געוואָלט זעהן. רוף איך זיך אן מיט עקשנות:

— ניין, איך וויל בלויז אנקוקען!

ווייזט ער מיר אן אויף א ברעקעל, וואָס איז געלעגען אין א קעסטעל אונטער א גלאָז. איך האָב גלייך גענומען מיין מיקראָסקאָפּ און דאַוואַי קוקען!

לאַנג אָבער האָט ער מיך ניט געלאָזען קוקען. איך האָב באַלד זיין שטים דערהערט:

— גענוג צו קוקען, מיסטער! איהר קענט נאָך דאָס גאַנצע לעבעלע אויסקוקען און עס וועט מעהר פאַר קיינעם ניט בלייבען!

און גלייך האָט ער א געשריי געטאָן:

— נעקסט!

איך גיב א קוק — א רעגעלע ברעדלאַין!

איך האָב זיך אָבער ניט געקענט אָפּרייסען פון'ם לעבעלע ברויט. שריי איך אויס צום סטאָרקיפּער:

— איך קויף אָפּ!

טויזענדער פויסטען האָבען זיך אָנגעשטעלט אויף מיר.

— וועסט ניט קויפען! — האָבען זיך קולות דערהערט.

און איין בחור האָט געשריען העכער פון אַלעמען:

— קיינער וועט ניט קויפען! איך מוז עס האָבען! מיין גליק הענגט אן דעם אָפּ. איך וועל דאָס לעבעלע ברויט קויפען און מיין הערצענסגעליבטער צו די פיס לעגען, וועט זי מיין ליבע ערווידערען און צו מיר גלייך אין די אָרעמס פאַלען!

עס איז געוואָרען א גאַנצע באַטאַליע. האָר און ציינער זיינען אין דער לופטען געפלויגען, און געזיגט האָט די ליבע!

דער בחור, א צוקיילטער, א צובייליטער, האָט זיך געלאָזט

לויפען מיט'ן לעבעלע ברויט, האלטענדיג עס ווי א שמעק טא־באק צווישען צוויי פינגער. — — — — — — — — — — — — —

דעם סוף פון דער געשיכטע האב איך געלייענט דערנאך אין די עקסטראס פון די צייטונגען, אז דער בחור האט אריינגע־זעצט דאס לעבעלע ברויט אין א רינג, אנשטאט א דימענט, און עס אנגעטאן דער מיידעל אויפ'ן פינגער, און זיי זיינען גלייך אוועק און האבען ארויסגענומען מערידזש־לייסענס און חתונה געהאט, און זיי לעבען אין גליק און אין פרידען עד היום הזה.

— אך, דאס שטיקעלע ברויט!

.1916

צוויי וואָס זיינען געגאַנגען.

אנטקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, אז עס הערשט צוטרויען פון מענש צו מענש. הערט אַ געשיכטע, וואָס איז מיר איינגע־פאַלען צו שרייבען:

אמאָל אין אַ שטאָק־פינסטערער נאַכט זיינען צוויי מענ־שען געגאַנגען אהיים. אום צו מאַכען די זאַך נאָך שרעקליכער, מוז איך אייך זאָגען, אז עס איז אויך געווען שפּעט ביי דער נאַכט, און די גאַס, מיט וועלכער מיינע צוויי העלדען זיינען געגאַנ־גען, איז דערצו נאָך געווען אַ פערוואָרפענע, אַן איינזאַמע, אַ העק, כאָטש קוילע דאַרטען אַ מענשען.

די צוויי מענשען, וואָס זיינען געגאַנגען, זיינען ניט גע־גאַנגען זאַלבענאַנד, נאָר איינער איז געגאַנגען אַפריהער און דער אנדערער נאָך איהם. מסתמא האָבען זיי זיך ניט אָנגעקעהרט איינער דעם אַנדערן. ווילד־פרעמדע געווען, אומבעקאַנטע, וועל־כע האָבען זיך איינציגווייז אָפּגעריסען פון גרויסע שטיקער מענשהייט און זיינען צופעליג פערוואָרפען געוואָרען אָט אויף דער איינזאַמער גאַס, וואָס פיהרט זיי ביידען אַהיים.

אויף ביידען האָט געציטערט די הויט, און זאַלבענאַנד וואָלט געווען פרעהליכער צו געהן, אָבער דערצו דאַרף מען זיך אָפּשטעלען און צוזאַמענרעדען: אפשר איז מען גאָר שכנים, אפשר וואוינט מען ניט ווייט איינער פון אַנדערן? נו, האָט דערצו, דעם מענשען וואָס איז געגאַנגען אַפריהער, געפעהלט

צוטרויען צום מענשען, וואס איז געגאנגען פון הינטען, ווארים אזוי איז שוין די מענשליכע נאטור צו פערדעכטיגען דעם וואס געהט פון הינטען, אפשר טראגט ער מיט זיך א מעסער און איז גרייט צו בעפאלען. נו, און דער מענש, וואס פון הינטען, האט דוקא יא געהאט צוטרויען צו דעם מענשען, וואס פון פארענט, אבער עס האט איהם געפעהלט מוט אפצושטעלען יענעם און פארשלאגען איהם צו געהן זאלבענאנד. וואס הייסט אפשטעלען גלאט א מענשען, וועלכען איך קען ניט און איך וויים ניט און זאגען צו איהם: „העי, לאמיר געהן זאלבענאנד!" יענער וועט דאך אנקוקען איהם ווי א משוגע'נעם, אדער וואס נאך ערגער— שטעמפלען איהם אלם פייגלינג. און אפשר האט דער מענש, וואס איז געגאנגען פון הינטען, געוואוסט די מענשליכע פסי־כאלאגיע, צו בעטראכטען דעם מענשען, וואס געהט פון הינטען, ווי א געפעהרליכען מענשען?

זיינען זיי אזוי ביידע געגאנגען מיט מורא אין הארצען — דער ערשטער, וואס איז פאראוים געגאנגען, האט מורא גע־האט פאר דעם צווייטען, וואס איז פון הינטען געגאנגען, און דער צווייטער, וואס איז פון הינטען געגאנגען, האט גלאט מורא געהאט, ווייל עס איז געווען א מורא צו געהן אין אזא פינסטע־רער נאכט. און אפשר האט זיך איהם אפגעדוכט, עמיצער געהט איהם אויך נאך פון הינטען? און אפשר איז איהם טאקע עמי־צער נאכגעגאנגען פון הינטען, און יענער האט אויך מורא גע־האט פאר עמיצען, וואס געהט נאך פון הינטען און אזוי כסדר... אך, די מורא פאר'ן מענשען, וואס געהט נאך פון הינטען!

דער ערשטער, וואס איז געגאנגען אפריהער, איז לכתחילה געגאנגען זעהר שנעל, כמעט ווי געלאפען — געלאפען פאר'ן מענשען, וואס געהט פון הינטען. אבער וואס מעהר ער איז גע־לאפען, אלץ מעהר איז געלאפען נאך איהם דער מענש, וואס פון הינטען. דער מענש וואס פון פארענט, האט געמיינט, אז דער מענש וואס פון הינטען לויפט דאס נאך איהם, אום צו כאפען

איהם און איהם עפּעס טאָן. אָבער דער מענש, וואָס הינטען איז פּשוט געלאָפען נאָכ'ן מענשען וואָס פון פאַרענט, ווייל ער האָט מורא געהאט אליין צו בלייבען. דער מענש וואָס איז גע־גאַנגען אפריהער, איז ממש זיין שוץ געווען. און אפשר איז ער געלאָפען, ווייל איהם האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז אויך נאָך איהם יאָגט זיך אַ מענש פון הינטען? ווער ווייסט די מענשען מיט זייערע שרעקען, מיט זייערע רעכענונגען?

אַז דער ערשטער, וואָס איז געגאַנגען פאַראויס, האָט דער־זעהן, אַז דאָס לויפען העלפט איהם ניט, האָט ער גענומען געהן גאָר לאַנגזאַם. ער האָט גערעכענט: זאָל יענער, וואָס געהט פון הינטען, איהם אַריבעריאָגען, וועט ער בלייבען פון הינטען! צו געהן פון הינטען איז זיכערער, האָט ער געטראַכט. אָבער, קענ־טיג, אויך דער וואָס איז געגאַנגען פון הינטען, האָט עפּעס גע־טראַכט, דען ווי דער ערשטער האָט גענומען געהן לאַנגזאַם, אַזוי האָט ער אויך גענומען געהן לאַנגזאַם.

איז דעם ערשטען גאָר איינגעפאַלען די דמים. „הייסט עס", האָט ער געטראַכט, „איז מיין פערדאַכט טאַקע ניט אומ־זיסט? הינטער מיר געהט אַ געפעהרליכער מענש, וועלכער היט מיר מיינע טריט, און זוכט נאָר אַ געלעגענהייט, אָדער דעם גינסטיגען מאָמענט, ווי צו בעפאַלען מיך..." און ער האָט גע־נומען זוכען עפּעס אין קעשענע, מיט וואָס צו פערטיידיגען זיך על כל צרה שלא תבוא. אָדער אפשר האָט ער געזוכט דאָס נאָז־טיכעל זיך אָפּווישען דעם שווייס, וועלכער האָט איהם געשלאָ־גען פון פנים?

און אַז דער מאַן, וואָס איז געגאַנגען פון הינטען, האָט דערזעהן, ווי יענער זוכט עפּעס אין קעשענע, איז איהם אויך געוואָרען די געשיכטע פערדעכטיגט. האָט ער אויך גענומען זוכען אין קעשענע עפּעס מיט וואָס צו פערטיידיגען זיך על כל צרה שלא תבוא. אָדער אפשר האָט ער אויך געזוכט דאָס נאָז־

טיכעל זיך אפווישען דעם שווייס, וועלכער האט איהם געשלאגען פון פנים ?

זיינען זיי אזוי ביידע ווייטער געגאנגען, האלטענדיג פאר שרעק די נשמות אין די הענט, ביז דער צווייטער פון זיי, דער וואס איז פון הינטען געגאנגען, האט ענדליך זיך פריי אפגעאטעמט און איז שנעל פערשוואונדען געווארען אין א הויז, וואו ס'איז קענטיג זיין היים געווען. דער וואס איז געגאנגען אפרייהער, ניט הערענדיג מעהר קיין טריט פון הינטען, האט זיך צום ערשטען מאל אומגעקוקט: דער געפעהרליכער מענש איז ניטא! ער האט אויך פריי אפגעאטעמט און האט גענומען דרייסטער שפאנען אהיים, וואס ס'איז שוין געווען ניט ווייט. די מורא איז פערשוואונדען געווארען, ווייל אין גרונט גענומען, איז ער געווען זעהר א מוטיגער מענש, און ער האט זיך מעהר געשראקען פאר דעם מענשען וואס פון הינטען, ווי פאר דער פינסטערקייט פון דער נאכט.

באלד אבער איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, אז דער מאן וואס פון הינטען איז גארניט פערשוואונדען געווארען, נאר ער האט זיך בעהאלטען ערגעץ און וואטשט איהם, וואוהין ער וועט אריינגעהן, דאן וועט ער זיך אריינרייסען אין הויז צו איהם און בעפאלען איהם מיט זיין גאנצער פאמיליע, דער געדאנק האט איהם ניט אפגעלאזען, און ער איז אריינגעלאפען צו זיך אין הויז ניט טויט, ניט לעבעדיג און קוים ארויסגעפלימערט צו זיין ווייב:

— א געפעהרליכער מענש איז מיר נאכגעגאנגען פון הינטען. מיר דארפען זיין די נאכט אויף דער וואך...

און אויך דער מענש וואס איז געגאנגען פון הינטען האט מיישב געווען זיך אראפצוגעהן אונטען א קוק טאן, צי דער מענש וואס איז געגאנגען אפריהער איז ניט געבליבען שטעהן אין דרויסען ביים הויז און ווארט ביז זיי וועלען אלע איינשלאפען און דאן וועט ער ארויף טאן זיין געפעהרליכע ארבייט...

— וואוהין געהסטו? — האָט איהם די ווייב אַ דערשראָ־קענע געפרעגט.

— אַ געפעהרליכער מענש איז מיר פאַראויסגעגאַנגען — האָט ער געענטפערט, — וויל איך זעהן, צי ער איז ניט אוועק.

— נאַר איינער! — האָט איהם די ווייב פּרובירט בערו־היגען. — אַ געפעהרליכער מענש געהט פון הינטען, ניט פאַר־אויס...

— אָבער אפשר איז ער מיט אַ כיון פאַראויס געגאַנגען, ניט פון הינטען, כדי אָפּצוציהען מיין פערדאַכט? — האָט ער פּרובירט אַרגומענטירען, — ווייסט דאָך, אַז מען קען אַ מענשען ניט טרויען...

— נו, וויבאַלד אַז אַזוי, — איז שוין ביי דער ווייב רעכט געוואָרען, — טו געה בעסער ניט אַראָפּ... מאַלע וואָס אַ גע־פעהרליכער מענש קען טאָן...

— אָבער מיר מוזען זיין וואַך די גאַנצע נאַכט... — האָט ער געזאָגט.

און די צוויי וואָס זיינען געגאַנגען האָבען ביידע ניט גע־שלאָפען יענע נאַכט אין שרעק איינער פאַר'ן אַנדערען...

דער גלגול פון אן אָקס.

קודם כל מוז איך ערקלערען, אז דער העלד פון מיין היינ־טיגער געשיכטע איז ניט קיין אָקס אויף פיער פיס, נאָר אן אָקס אויף צוויי פיס, און איך האָף, אז דאָס וועט קיינעם ניט איבערראשען, און קיינער וועט ניט לויפען קוקען אויפ'ן בייז וואונדער, וואָרים ס'איז, דאכט זיך, אזא געוועהנליכע זאך — אן אָקס אויף צוויי פיס בפרט און צוויי־פיסיגע חיות בכלל. מיר זעהען זיי אויף שריט און טריט — אוי, זעהען מיר זיי!

און אום איהר זאָלט ניט מיינען, אז איך בעליידיג דא מיין העלד, מיין מעשה־ידי, אַנרופענדיג איהם אָקס, ערקלער איך אייך, אז ער האָט זיך אליין, מיט זיין אייגענעם ווילען, און נאָך מיט גרוים פאראַד און פייערליכקייט, פראָקלאַמירט אלס אָקס.

די געשיכטע איז אזוי געווען:

ווען ער איז אַנגעקומען פון רוסלאַנד קיין אמעריקע, האָט ער געטראָגען דעם זעהר ניט־שמייכעלהאפטען נאָמען ביק, וואָס דאָס איז אויך ניט מעהר ווי אן אָקס, נאָר פון דער רוסישער פּאַראַדע. די ניט־מענשליכקייט פון זיין נאָמען האָט איהם אָבער ניט געבאַדערט, און ער האָט זיך אפשר וועגען דעם קיינמאָל ניט פערטראַכט, ווייל ער האָט געהאַט גענוג אַנדערע דאגות, דאגות פרנסה איבערהויפּט, וואָס האָבען איהם ניט געלאָזט טראַכטען וועגען אזא קלייניגקייט, וואָס ער איז געבאָרען גע־וואָרען מיט אזא נאָמען ווי ביק, און ניט מיט קיין שעהנערען

נאמען, ווי גאלדשטיין, למשל. ניט אלע קאנען דאך געבארען ווערען גאלדשטיינ׳ס, עס מוזען דאך אויך ביקעס זיין אויף דער וועלט! סיידען אפשר אין דער סאציאליסטישער ארדנונג וועט צוזאמען מיט דער אלגעמיינער גלייכהייט אויך איינגעפיהרט ווערען די גלייכהייט פון פאמיליען־נעמען און עס וועלען מעהר קיין ביקעס ניט זיין אויף דער וועלט, ווי מיין פריינד דער אגי־טאטאר פערזיכערט אין זיינע טראק־רעדעס בעת׳ן קעמפיין.

נאר ווי איך האב אייך שוין געזאגט, האט זיך מיין ביק ניט געקימערט וועגען זיין נאמען, און ער האט געזוכט בעסער ארויפצוארבייטען זיך אין דער גאלדענער מדינה. ווען זיינער א לאנדסמאן האט איהם איינמאל אויפמערקזאם געמאכט, אז אמעריקע איז א פרייע מדינה און ער איז דא ניט מחויב צו טרא־גען אזא קאצאפסקען נאמען ווי ביק, וויבאלד „עני־באדי קאן דא טשענדזשען זיין נאמען אויף וועלכען ער וויל,“ האט איהם מיסטער ביק געענטפערט, אז ער קעהרט ניט פאר „פענצי־נעמען, אז ער דארף די ערשטע זאך ארויפארבייטען זיין באנק־ביכעל, און דאן וועט ער זעהן.

און ווען ער האט ארויפגעארבייט זיין באנק־ביכעל, האט ער זיך ארומגעזעהן, אז ביק איז טאקע א צו קאמענער נאמען, און ניט קיין אמעריקאנער. האט ער גענומען טראכטען וועגען בייטען זיין נאמען, און ער האט גענומען קלייבען נעמען.

אין יענער צייט איז א דייטש נאך ניט טרייף געווען אין אמעריקע, און א דייטשער יאהודי איז געווען דער סימבאל פון עכטען אמעריקאניזם, און מר. ביק׳ס אידעאל איז געווארען צו ווערען א דייטשער יאהודי. גלייך ווי ער האט זיך ארויפגע־ארבייט, האט ער זיך גענומען שניידען אויף א דייטשען יאהודי, פער׳פתח׳ן די ליטווישע קמצ׳ען, אין שאפ צו זיינע ארבייטער (רוסישע אידען אזוי ווי ער) נאר „דויטש געשפראכען“, כדי זיי זאלען ביי זיך אראפפאלען און פאר איהם מעהר דרך־ארץ האב־בען. היינט צו פערשטארקען זיין דייטשישען יאהודענטום, איז

ער אוועק פון זיין ליטווישער ארטאדאקסישער קאנגרעגיישאן „וקבצנו יחד אנשי פיטשערישאק” און איז געווארען א מעמבער פון א רעפארם־טעמפעל.

דער נאמען ביק פלעגט איהם שטארק פערדראסען. ער מוז זיך בייטען דעם נאמען אויף אן אמעריקאנער נאמען, מען זאל זעהן, אז ער איז אן עכטער אמעריקאנער, א דייטשער יאהודי. האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט אין זיינע גרינע יאהרען גע־ארבייט אין א שאפ ביי א דייטשען יאהודי, וואס זיין נאמען איז געווען אקס, מ י ס ט ע ר אקס, ווי מען פלעגט איהם רופען. כדי צו אונטערשיידען איהם פון אן אקס, וואס געהט אויף פ י ע ר פיס. חברה לצים פלעגען אפילו דענסטמאל אין שאפ זיך וויצלען איבער׳ן נאמען, אבער מיסטער ביק איז געווען קלאסענבעוואוסט און עס האט איהם אימער געצויגען צו זיינע ברידער אקסען, און ער פלעגט דארום פערטיידיגען זיין באס מ י ס ט ע ר אקס, אויף וואס די ארבייטער, די חברה לצים, פלעגען בעמערקען: „א ביק שטעלט זיך איין פאר אן אקס”. און מיסטער ביק פלעגט נעהמען בעווייזען, אז מ י ס ט ע ר אקס מיינט ניט דאס וואס אן אקס אין פליין אידיש, ווארים אן אקס אין דייטש, שטויסט ער זיך אן, דארף זיין אקס, און ווי־באלד אז ער איז א דייטשער יאהודי און ער הייסט אקס, מיינט דאס עפעס אנדערש, און אז עס איז דא צווישען די דייטשע יאהודים א סך אקסען.

און מיסטער אקס האט זיך דאס אלעס דערמאנט, ווען ער האט זיך ארויפגעארבייט און האט גענומען זוכען א נאמען, וואס זאל פאסען פאר א דייטשען יאהודי. און גלייך איז איהם איינ־געפאלען, אז דער בעסטער אמעריקאנער נאמען וואלט געווען פאר איהם אקס, אזוי ווי דער דייטשער יאהודי אקס, ביי וועל־מען ער האט אמאל גרינערהייד געארבייט און וועמען ער האט זיך גענומען אלס מוסטער אין זיין אמעריקאניזירען זיך. און

ער האט זיך געטראכט: „אויב שוין יא א ביק, איז בעסער אַז אַקס, און זאָל מען זעהן, אַז איך בין אַ דייטשער יאהודי.“

און אומר ואוכל — מיט'ן הכשר פון קאורט איז מיסטער ביק געוואָרען מיט מזל מיסטער אַקס. מיסיס ביק איז אפילו ניט געווען צופרידען מיט דער ענדערונג. איבערהויפּט האט איהר לאָגיק פּראָטעסטירט געגען דעם, אַז זי, אַ פרוי, זאָל הייסען מי־סיס א ק ס. מיסטער ביק האט געזוכט זי צו איבערצייגען, אַז מיסיס ביק איז פּונקט אזוי ניט לאָגיש ווי מיסיס אַקס, וואָ־רים אַ ביק איז דיזעלבע זאַך וואָס אַן אַקס. אָבער מיסיס ביק האט זיך ניט געקאָנט בערוהיגען. און דאָן וויל זי ניט זיין קיין בהמה, וואָרים אַז דער מאַן איז אַן אַקס, מוז די ווייב זיין אַ בהמה. אָבער עס האט ניט געהאָלפען: זי האט געמוזט ווערען מיסיס אַקס, און איהרע לאַנדסלייט האבען זי גערופען „מיסיס בהמה.“

מיסטער אַקס איז געווען צופרידען מיט זיין נייעם נאָמען, און ער האט איבעראַל געזוכט צו בעווייזען, אַז ער איז ניט קיין אַ ר ט אָ ד אָקס, נאָר אַ ר ע פ אָ ר ם ־ אַקס, אזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ דייטשען יאהודי.

און אזוי איז ער געווען מיסטער אַקס, ביז אַמעריקע איז אַריין אין קריעג מיט דייטשלאַנד, פערטשעפּענדיג אויף אַזאַ אופן אויך דאָס דייטשע יאהודענטום. מיסטער אַקס האט זיך געפלייסט צו בעווייזען, אַז ער איז אַן אמת'ער פּאַטריאָט, און אַז ער האט מיט דייטשלאַנד קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן. מעהר נישט אַמאָל זיינען די אַקסען געווען אין מאָדע, איז ער אויך געוואָרען אַן אַקס. ער האט די ערשטע זאַך גענומען פער־בייטען צוריק די פּתח'ן אויף קמצ'ען און גענומען פליין אי־דיש רעדען, אזוי אַז זיין ווייב האט זיך גאָר פּשוט מחיה געווען, וואָרים זי האט זיך גענוג אָנגעמוטשעט פאַר דער צייט פון זייער דייטשער יאהודימ'שאַפט, צוברעכענדיג וויפיעל סעטס צייהן אויף די פּתח'ן.

פטור געווארען פון די פתח'ן, האט מיסטער אקס גענומען זוכען ווי פטור צו ווערען אויך פון זיין נאמען אקס, וועלכער קלינגט אזוי דייטשיש. ער האט געוואלט ווערען צוריק א ביק, ווייל רוסלאנד איז דאך פארט אן „עליי", און איידער צו זיין אין אזא צייט א דייטשער אקס, איז פאטריאטישער צו זיין א רוסישער ביק. די קינדער האבען זיך אבער איינגעשטעלט: זיי ווילען ניט זיין קיין ביקעס! און ס'איז געבליבען, אז מיסטער אקס זאל ווערען מיסטער ב ו ל. די קינדער האבען בעוויזען, אז ענגלאנד הייסט דאך אויך דזשאן בול, נו, וועט שוין קיינער ניט צווייפלען אין זייער פאטריאטיזם.

און אזוי איז מיסטער אקס געגאנגען פון איין גלגול צום צווייטען, אבער ער איז געבליבען דערזעלבער אקס עד היום הזה.

מיין געליבטע.

שעהן איז מיין געליבטע און גראציעז און שלאנק און אז. וו.

— אן אמת'ע שולמית פון שיר השירים! — אזוי האב איך אנ־געהויבען אין יענער פינסטערער נאכט, אין דער נאכט פון שרעק, פערוויסטונג און טויט...

אן אמת'ע שולמית פון שיר השירים איז מיין געליבטע! די זעלבע פערגלייכונגען, וואס דער אמאל פערליבטער אידישער קעניג האט געמאכט, שילדערענדיג זיין געליבטע, קען איך אויך מאכען, און עס וועט אסור זיין איבערטריבען. איין פערגלייכונג אבער זיינע קען איך ניט מאכען, און דאס איז זיין פערגלייכונג: „לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי!" — צו מיין פערדינע און פרעה'ס רייטוואגען פערגלייך איך דיך, מיין ליבסטע!

(לינגוויסטישע ענטשולדיגונג: פאר'ן כבוד פון די פרויען האב איך דא ניט געברויכט דאס זעהר פאפולערע, אבער גאר ניט עסטעטישע און מוזיקאלישעווארט „קליאטשע" אדער „שקאפע", און איך האב פון פערד געמאכט פערדינע, א שטייגער ווי פון העלד — העלדינע, פריינד — פריינדינע און אז. וו., און האפענטליך, אז דאס ווארט וועט געפינען חן ביי אלע מוזי־קאליש־דענקענדע מענשען).

ניין, צו שטאלץ איז מיין געליבטע, אום צו געהן אין שפאן, ווען אפילו אין א קעניגליכען רייטוואגען.

אויב איינער פון אונז מוז געהן אין שפאן, וויל זי, אז איך

זאָל עס טאָן, ווייל, זאָגט זי צו מיר, „אַלעס, וואָס דו בעוואונ־
דערסט אין מיר, איז מיין קערפּער, הײנט ווי וועסטו קענען צור־
זעהן די סימנים, וואָס דער שפּאַן וועט מאַכען אויף מיין קער־
פּער? און מיין ליעב איז דאָך אַזוי צאַרט און ריין, אַז דער
מינדסטער דריק מאַכט אַ סימן און דער קלענסטער פלעק
בלייבט..."

און אַז עהרע האָט זי — אַז עהרע, וואָס יעדערער זוכט עס
צו פערשוועכען. איהר עהרע מוז פערטיידיגט ווערען, אָבער זי
אַליין איז צו שוואַך, אום צו פערטיידיגען איהר עהרע, מוז איך,
אַלס דער שטאַרקער, די דאָזיגע עהרע פערטיידיגען.

איך מוז איהר ריטער און איהר בעשיצער זיין!

איך זאָג צו איהר איינמאָל:

— מיין ליבסטע! די וועלט איז אַזוי שלעכט און ניט פער־
גינעריש. קיינער פערגינט מיר ניט מיין גליק, וואָס איך פער־
מאָג אַזאַ אוצר ווי דיך. און אַלע לויערן אויף דיין עהרע, און
דיין עהרע איז שטענדיג אין געפאַהר, און איך מוז כסדר וואַכען
אויף דיין עהרע און פערטיידיגען זי געגען אַלע אַנפאַלער ביז
מיין לעצטען טראָפּען בלוט. הייסט דאָס, אַז איך וועל אַמאָל מו־
זען פאַלען אין קאַמף פאַר דיין עהרע...

— געוואַלד! — ענטפערט זי מיט שטאָלץ און עהרענבע־
וואוסטזיין, — דאָס איז די פליכט פון יעדען ריטער און בעשי־
צער צו דער דאַמע פון זיין האַרץ.

— און איך וועל שטאַרבען פאַר דיין עהרע, — פּרוביר
איך ווייטער רעדען און איך פיהל ווי די קניע ברעכען מיר זיך
אונטער פון שרעק פאַר דעם איין געדאַנק וועגען טויט. — און
דו וועסט נעביך בלייבען אַליין מיט דיין עהרע, אַליין מיט דיין
עהרע אויף אַזאַ שלעכטער וועלט, וועלכע איז אויסגעשפּרייט
מיט אַזוי פיעל געפאַהרען פאַר דיין עהרע... וואָס וועסטו דאַן
טאָן, מיין ליבסטע? וואָס וועסטו טאָן אָהן אַ ריטער און אָהן אַ
בעשיצער? ווער וועט פערטיידיגען דיין עהרע?

גיט זי מיר א גלעט איבער'ן קאָפּ און נעהמט מיך טרייס־טען:

— האָב קיין מורא ניט, מיין ריטער! עס וועט זיך נאָך דיין טויט געפינען א מוטיגער ריטער, וואָס זאָל דעם ארויסגע־פאַלענעם שווערד פון דיין האַנט אויפהויבען און דיין פּלאַץ פערנעהמען צו פערטיידיגען ווייטער מיין עהרע... מיין עהרע וועט אליין ניט בלייבען, אויב מיין קערפּער וועט נאָך גענוג יונג און פריש זיין. מעגסט רוהיג שטאַרבען!

עס געהט מיר ווידער א שוידער איבער מיין ניט־צאַרטען לייב, דערמאַנענדיג זיך אַן דעם גורל, וואָס עס ערוואַרט מיך, אלס ריטער. איך הויב אויף מיט שרעק די אויגען צו דער דאַמע פון מיין הארץ און שטעל איהר די ניט גאַר מוטיגע פראַגע:

— און וואָס וועט מיין בעלוינונג זיין?

און מיין געליבטע צינדט זיך אַן מיט א הייליגען צאָרן און שרייט אויס:

— וועניג גליק האָב איך דיר גענעבען? ווענינ פערגעניגען האָב איך דיר פערשאַפט?

— יאָ, דאָס איז אמת! — גיב איך שרעקעדיג צו, — אָבער וואָס פאַר א בעלוינונג וועל איך האָבען נאָך מיין העלדישען טויט?

— איך וועל דיך אין מיין הארצען טראָגען... — זאָגט זי מיר צו.

— בעת דו וועסט אַן אנדער ריטער צום זעלבען הארצען צוריקען? — וואָג איך צו פרעגען.

זי געפינט ניט פאַר נויטיג צו ענטפערן מיר אויף מיין פראַגע, און זי זאָגט מיר ווייטער צו גליקען נאָך מיין העלדישען טויט:

— איך וועל קומען אויף דיין קבר א קראַנץ בלומען צו לעגען...

— געארעמט מיט דיין נייעם ריטער? — וואג איך ווידער צו פרעגן.

דאס מאל ענטפערט זי מיר נאאיוו:

— נו, געווים, אין בעגלייטונג פון דעם נייעם ריטער מיין בעשיצער! קענסט דאך ניט ערווארטען, אז איך, א הילפלאזע, א שוואכע, זאל ריזיקירען מיט מיין עהרע צו געהן איינע אליין אויף א בית־עולם! איך מוז האבען א בעגלייטער... אימיצער קען דאך נאך בעפאלען מיך, און מיין עהרע וועט זיין קאפוט...

— א, דיין עהרע! — האק איך זי איבער.

— אדער איך קען נאך חלש'ן — זאגט זי ווייטער, — און עס מוז דאך אימיצער זיין, וואס זאל מיך אפמינטערן...

איך זעה שוין, אז איך וועל זיך שוין פון טויט ניט ארויס־דרעהען: אזוי איז שוין אפנים דאס שיקזאל פון אלע ריטער און בעשיצער!

— הייסט דאס, אז איך מוז שטארבען פאר דיר? מיין לע־בען אפגעבען פאר דיר? אפפערען זיך פאר דיר? — פרוביר איך פונדעסטוועגען פרעגען.

— געווים! — ענטפער איך שארף, — דיין פליכט איז צו אפפערן זיך פאר'ן גליק פון אנדערע. אויף דעם ביסטו א ריטער! יא, פאר'ן גליק פון אנדערע...

— וואס וועלען קומען נאך מיר, — ענדיג איך איהר פראזע, — און וועלען געניסען דיין ליבע...

— עגאאיסט! — ווארפט זי מיר פאר.

דער שרעק פאר'ן טויט איז אבער אין מיר אזוי שטארק, אז איך דערשרעק זיך ניט פאר איהר פארוואורף, און איך שריי אויס אין גרוים פערצווייפלונג:

— לאז מיך בעסער לעבען פאר דיר, איידער שטארבען פאר דיר!

זי גיט אויף מיר א טופע מיט איהר צארט פיסעלע און רופט זיך אן:

— אום צו בעווייזען דיין גרוים ליבע צו מיר, מוזטו שטארבען, ניט לעבען! אזוי האבען אלע ריטער פון אייביג אן געטאן, און דו קענסט קיין אויסנאהם ניט זיין. געדענקסט די מעשה מיט'ן רינג, וואס יענע דאמע האט געווארפען פאר די לייבען, אויפפאדערענדיג איהר ריטער, ער זאל איהר צוריק־ברענגען דעם רינג, כדי צו זעהן, אז ער האט זי באמת ליב?

— יא, איך געדענק — האב איך געענטפערט מיט א זיפץ, — אבער לעבעדיגערהייד קען מען דאך בעסער ארויס־ווייזען די ליבע, ווי טויטערהייד!

— פייגלינג! — האט זי אויף מיר א געשריי געטאן — האסט מיך ניט ליב! א ריטער דארף פאר זיין געליבטע שפרינגען אין פייער און אין וואסער... נאר מיט דיין טויט קענסטו דיין ליבע צו מיר בעווייזען!

אזוי פאדערט פון מיר מיין געליבטע...

* * *

און אז מיין געליעבטע האט דאס איבערגעלייענט, האט זי צוטוליענדיג זיך צו מיר, א זאג געטאן:

— מיין ליבסטער! ניט מיך האסטו דאך דאס געמיינט, נאר דאס פאטערלאנד...

11 אויגוסט, 1917.

די עפּענטליכע מיינונג.

אזוי האָט זיך די עפּענטליכע מיינונג וועגען איהם וועניג וואָס געקימערט, אַפּילו ווען זי פּלעגט איהם זעהן געהענדיג אין צוריסענע הויזען במחילה. צוריסענע הויזען! דאַרף מען נאָך ערגערס דערפון? אַזאַ זאַך דאַרף דאָך געוויס שאָקירען די עפּענטליכע מיינונג, וועלכע איז בכלל און בפרט העכסט אַנשטענדיג און צניעות'דיג, און צוריסענע הויזען זינדיגען געוויס געגען די עלעמענטאַרסטע כללים פון אַנשטענדיגקייט און צניעות... אָבער די עפּענטליכע מיינונג פּלעגט פערקוקען זיינע צוריסענע הויזען און גאַנץ רוהיג זיך געהן איהר וועג. קנאָפּטרעמפּס זיינען דאָ אויף דער וועלט? און קען דען די עפּענטליכע מיינונג בעזאָרגען אַלעמען מיט גאַנצע הויזען?

אָבער איינמאָל, אין אַ בייזער שעה, האָט זיך איהם גענדאַרפט טרעפען אַ פאַמיליען־אומגליק, אַ גרויסער בראָך, און די עפּענטליכע מיינונג איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען און האָט איהם בעמערקט. צום ערשטען מאָל האָט די עפּענטליכע מיינונג ערפאַהרען, אַז ער האָט אַ נאָמען — קאָסלוכים, לאָמיר זאָגען.

איז די עפּענטליכע מיינונג געקומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף קאָסלוכים'ס אומגליק און אויסדריקען איהם מיטגעפיהל און טרויער אין נאָמען פון דער גאַנצער מענשהייט. און אַז דער אָרימער קאָסלוכים, פון גאָט און לייט פערגעסענער, האָט דער־

זעהען, אז די עפענטליכע מיינונג אינטערעסירט זיך מיט איהם און פיהלט איהם מיט זיין גרויסען בראָך, איז ער גאָר אזש לע־בעדיג געוואָרען, און זיינע פערוויינטע אויגען האָבען גענומען פרעהליך גלאַנצען. האָט דאָס די עפענטליכע מיינונג בעמערקט, האָט זי דעם אָרימען קאַסלוכים פירגעהאַלטען פאַר'ן פרעהליכען גלאַנץ אין די אויגען.

—עה, מיסטער! — האָט זי גע'טענה'ט, — זיינט איהר דאָך ניט ערנסט אין אייער טרויער! הייסט עס, אז איהר נעהמט ניט טיף צום הארצען אייער אומגליק... זייט פאַרזיכטיג, וואָרים די עפענטליכע מיינונג קען אייך נאָך פערדאַמען... אַ לייטישען מענשען, אז עס טרעפט אַזאַ אומגליק, ווערט ער ווייס ווי אַ טויב אין איין נאַכט, און אייערע האָר זאָל דאָס גאָר אָנהויבען צו אָהרען!

— דאָס אומגליק האָט מיר טיף ביים הארצען אָנ־געריהרט... — האָט קאַסלוכים ווי געפּרואווט פערענטפערן זיך.

— נו, ביים הארצען איז אויך אַלראַיט, — האָט די עפענט־ליכע מיינונג גנעדיג בעמערקט, — אָבער איהר מוזט אומבע־דינגט זעהן, אז אייערע האָר זאָלען אויך געריהרט ווערען פון דעם אומגליק און — ווייס ווערען... דאַן וועט די עפענטליכע מיינונג וויסען, אז איהר זיינט אַן ערנסטער מענש.

— איך וועל זיך זעהן סטאַרען, — האָט קאַסלוכים געענט־פערט און טיף פערנייגט זיך פאַר דער עפענטליכער מיינונג.

די עפענטליכע מיינונג איז אַוועק צופרידען. אין עטליכע טעג אַרום איז זי ווידער געקומען געוואָהר ווערען דעם אומ־גליקליכען קאַסלוכים.

— איהר זעהט גאַנץ שעהן אויס אין פּנים, — האָט זי מיט אומצופרידענהייט בעמערקט.

— וואָס קען איך העלפען? — האָט זיך דער אָרימער קאַסלוכים פערענטפערט.

— אזא אומגליק איבערלעבען און אזוי שעהן אויסזעהן! — האט די עפענטליכע מיינונג זיך ווי געוואונדערט.

— נו, וואס זאל איך טאן? — האט קאסלוכים גע׳טענה׳ט. — איהר מיינט, אז איך האב ניט דערפון קיין הארצ־וועהטאג? וואס איך לעב איבער, און דער רוח נעהמט מיך גאר ניט!

— ווייטער, אז איך וועל צו אייך קומען, זאלט איהר זעהן אויסצוזעהן חושך אין פנים! — האט די עפענטליכע מיינונג געווארענט דעם ארימען קאסלוכים. — ס׳איז ניט שעהן אויס־צוזעהן אין פנים אזוי שעהן נאך אזא גרויסען אומגליק...

— אבער גלויבט מיר, אז דאס הארץ טוט מיר אזוי וועה! — האט זיך קאסלוכים גענומען בעטען.

— ווער קען זעהן, וואס ביי אייך אין הארצען טוט זיך? — האט די עפענטליכע מיינונג געזאגט. — מיר, די עפענטליכע מיינונג, קענען זיך ניט רעכענען מיט הערצער; מיר אורטיי־לען נאך די פנים׳ער... דאס אויסערליכע איז פאר אונז אימער א מאסשטאב צו אורטיילען מענשען... מיר האבען אזא ווער־טעל: דאס פנים איז א מסור... געדענקט זשע, אז מיר זעהען נאר דאס אויסערליכע...

— און מיינע אויסערליך צוריסענע הויזען האט איהר ווען בעמערקט? — האט קאסלוכים א פרעג געטאן.

— בע... מע... המ... מניא... — האט די עפענטליכע מיי־נונג גענומען שטאמלען, — מיר האבען אימער געמיינט, אז איהר בעלאנגט צו די סאנקילאטען... א פארטיי אזא, ווי איהר ווייסט מסתמא... א פרינציפ־זאך איז עפעס אנדערש. זעהט זשע, איהר זאלט ערגיץ גנב׳ענען א פאר גאנצע הויזען, וועלען מיר שרעקליך אויפגערעגט זיין... אבער דאס האט ניט צום ענין. מיר רעדען איצט וועגען אייער אומגליק, זאגען מיר אייך, אז עס איז ניט שעהן פאר אייך אין אייער צושטאנד אויסצוזעהן אזוי שעהן אין פנים, און מיר פערהאפען, אז איהר וועט ווייטער זעהן

צופרידענצושטעלן די עפענטליכע מיינונג און אויסזעהן חושכ'ער... און מיר האָפען אויך, אז איהר וועט זעהן אַטענדען אויך צו אייערע האָר, זיי זאָלען שטימען מיט אייער אומגליק.
מר. קאָסלוכים איז געוואָרען זעהר גערירט פון דער אויפ־מערקזאַמקייט, וואָס די עפענטליכע מיינונג שענקט איהם, און פון דער גרויסער אינטערעסע, וואָס זי נעהמט אין איהם, און ער האָט ווידער אַמאָל בעשלאָסען נאָכצוקומען מיט אַלע כוחות די פאָדערונגען פון דער עפענטליכער מיינונג. ענדליך זיינען זיינע בעמיהונגען געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. און זיינע האָר האָ־בען גענומען ווייס ווערען און זיין פנים חושך ווערען, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענשען, וואָס איז געשטראָפט געוואָרען פון דעם שיקזאַל.
די עפענטליכע מיינונג האָט מיט גרויס אינטערעס נאָכגע־פאָלגט די אויסערליכע ענדערונגען, וואָס זיינען אין איהם פאָר־געקומען, און איז געבליבען העכסט צופרידען.
— אָט דאָס איז אַ מענש! — האָט די עפענטליכע מיינונג געזאָגט, רייבענדיג די הענט פאַר גרויס צופרידענהייט.
און די עפענטליכע מיינונג האָט פאַר גרויס מיטלייד מיט'ן אָרימען קאָסלוכים נאָך מעהר גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ און טשמאָקען מיט די ליפּען, און אין איין שעהנעם אָדער מיאוס'ען פריהמאָרגען האָט זי עפענטליך אַרויסגעטראָגען איהר אורטייל:
— דער אָרימער מיסטער קאָסלוכים וועט זיין אומגליק ניט קענען אַריבערטראָגען! ער וועט זיך נעהמען דאָס לעבען! זעהט, וואָס איז פון דעם מענשען געוואָרען!
און דער אָרימער קאָסלוכים, וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען, האָט ער געהערט אַלץ דעם טויט־אור־טייל פון דער עפענטליכער מיינונג:
— ער וועט זיך נעהמען דאָס לעבען! אַ קלייניגקייט אַזאַ אומגליק! ווי קען דאָס גאָר אַ מענש אַריבערלעבען?
— זאָל איך טאַקע בעגעהן זעלבסטמאָרד? — האָט דער

אַרימער קאַסלוכים זיך געטראַכט אין זיין האַרצען, אָבער ער האָט דאָס ביי זיך ניט געקענט פּועל'ן.

און די עפענטליכע מיינונג האָט איהם ניט אויפגעהערט צו פערפאָלגען און יעדעס מאָל, וואָס זי האָט איהם בעגעגענט, פלעגט זי פערוואונדערט פרעגען זיך אליין אַזוי הויך, אַז דער אַרימער קאַסלוכים זאָל הערען:

— ער לעבט נאָך?... ער מוז זיין שטאַרקער פון אייזען...

אַז און אַז דער אַרימער קאַסלוכים פלעגט דאָס דערהע־רען, פלעגט ער זיך דערפיהלען מאָדנע אומבעקוועם, עפּעס ווי שולדיג געגען דער עפענטליכער מיינונג... טאַקע, ווי אַזוי לעבט ער דאָס נאָך? ניין, ער קען ניט איינרייסען מיט דער עפענטלי־כער מיינונג! וואָס איז דאָס לעבען אין פערגלייך מיט אַ רעפּוּ־טאַציע? ניין, ער מוז אָנהאַלטען די רעפּוטאַציע פון אַ ליידענ־דען מענשען ביז צום סוף! ער מוז בלייבען אַ שעהנער מענש!

ער וועט זיך שיסען! אָבער וואו נעהמט מען געלט אויף אַ רעוואָלווער? זאָל ער אפשר געהן בעטלען ביי דער עפענטליכער מיינונג? נאַר, טראַכט ער זיך, צו אַזאַ מדרגה פון וואוילטעטיג־קייט און גוטהאַרציגקייט האָבען נאָך מענשען ניט דערגרייכט, אַז זיי זאָלען בעזאָרגען גוטליידענדע זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַ־טען מיט רעוואָלווערען... נאַר ס'איז דאָ גענוג אומזיסטע זעלבסטמאָרדען, וואָס קאָסטען ניט קיין פּעני געלט, דהיינו פון אַ דאַך פון אַ הויכען הויז זיך אַרונטערוואַרפען... ניט אַלע מענ־שען קענען דאָך האָבען דאָס גליק צו בעגעהן זעלבסטמאָרד מיט אַ רעוואָלווער...

און דער אַרימער קאַסלוכים האָט בעשלאָסען איין מאָל פאַר אַלע מאָל יוצא צו זיין קעגען דער עפענטליכער מיינונג, און ער האָט בעגאַנגען ענדליך זעלבסטמאָרד דורך אַרונטערוואַרפען זיך פון אַ דאַך.

די עפּענטליכע מיינונג איז אין גרויסע מאַסען אָנגעקומען באַלד אויפ'ן פּלאַץ פון דעם עקסידענט, און האָט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ מיט גרויס צופרידענהייט אויסגערופען:

— אָבער מיר האָבען געזאָגט, אַז ער וועט דאָס אומגליק ניט אַריבערטראָגען... אַרימער קאַסלוכים, זאָל דיר די ערד גרינג זיין נאָך אַזאַ שווערען לעבען!

דאָס שטאַרקע געשלעכט.

דער געשלעכטס־בעוואוסטער מאַן האָט מיט שטאָלץ אַ קוק געטאָן אויף זיינע הויזען און האָט אַזוי געזאָגט צו זיין פרוי:

— אודאי זיינען מיר מענער דאָס שטאַרקע געשלעכט, און איהר פרויען — דאָס שוואַכע געשלעכט.

מיר די העלדישע, מוטיגע מענער!

אָט האָט אַ לעבענס־פערזיכערונגס־קאָמפּאַניע פערעפענט־ליכט אַ סטאַטיסטיק, וועלכע צייגט, אַז די צאָהל זעלבסטמער־דער איז גרעסער צווישען מענער ווי צווישען פרויען. דאָס איז נאָך אַ בעווייז אויף אונזער שטאַרקייט, העלדישקייט, מוטיג־קייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

חוה! ברעך מיר אויף די אייער... וואָס לאַכסטו אַזוי? וואָס זאָגסטו? דו זאָגסט, אַ מאַן, וועלכער בעריהמט זיך מיט זיין גבורה, דאַרף אַליין האָבען כח אויפצוברעכען זיך אַ פּאָר ווייכע אייער?

אַך, איהר הילפלאָזע בעשעפעניסען! איהר פרויען זיינט דאָך אַזוי הילפלאָז? וואָס וואָלט איהר אָהן אונז מענער גע־טאָן? נו, גענוג שוין צו רייצען זיך מיט מיר, חוה! ברעך אויף די אייער! דו ברעכסט אויף צי ניט, דו הילפלאָז בעשעפעניש? אַלראַיט, איך וועל עס היינטיגס מאָל אַליין טאָן, דו זאָלסט זעהן, וואָס מיר מענער זיינען... אַך, צו אַלדי שווארצע יאָהר! דאָס איי האָט זיך פערגאָסען אויפ'ן טישטוך... וואָס האָב איך דיר

געזאָגט, חוה? אַז דאָס איז פּאָרט ניט קיין מאָנסבילשע אַר־בייט... ווען דו אָבער עפענסט די אייער, וואָלט דאָס טישטוך געבליבען ריין... אַך, ווייבער! ווייבער! איהר הילפלאָזע בע־שעפּענישען... איהר זיינט דאָך הילפלאָז אָהן אַ מאַן!

דו ווייסט, חוה, איך האָב בעגעגענט היינט אין גאַס שלו־מיאלן. אַ תל איז פון איהם געוואָרען זינט זיין ווייב איז אַוועק פון איהם... ער קען, זאָגט ער, קיין פּאָר וועש זיך ניט געפינען אָהן איהר. היינט דאַ פעהלט אַ קנעפּעל און דאָרט איז צוריסען, און ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל דאָס אַלעס צו רעכט מאַכען... ער האָט די גאַנצע צייט קיין וואַנע זיך ניט גענומען, ווייל ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל איהם אָנגיסען וואַסער אין וואַנע. היינט האָט ער זיך קאַליע געמאַכט דעם מאָגען פון עסען אין די רעס־טאָראַנען. היינט איז ניטאָ, ווער עס זאָל איהם אויפוועקען אינ־דערפריה צו דער ארבייט... וואָס לאַכסטו? אודאי זיינען מיר מענער שטאַרק און זעלבסטשטענדיג! וואָס קענט איהר פרויען טאָן אָהן אונז מענער? איהר זיינט דאָך אַזוי שוואַך און הילפּ־לאָז, אַז עס איז ממש אַ גאָט'ס רחמנות אויף אייך! דערלאַנג מיר אַ גלאָז טיי, חוה!

גוט! קוועטש מיר אריין דעם לעמאָן... לעג אריין צוקער... מיש אויס... אָט אַזוי! ניין, טרינקען וועל איך שוין אַליין...

אַך, מיר די העלדישע, מוטיגע, שטאַרקע און זעלבסטשטענ־דיגע מענער! ווי קומט איהר זיך צו גלייכען צו אונז מענער? מיר זיינען דאָך עפּעס דאָס שטאַרקע געשלעכט! און איהר וואָס? גיב נאָר אַ קוק: הויט און ביינער ביסטו דאָך... דו זאָגסט, איך האָב אויפגעגעסען דאָס פלייש? ניין, איהר זיינט טאַקע פון דער נאַטור שוואַכע, הילפלאָזע בעשעפענישען...

הההההאאך! עס שלעפערט זיך מיר... מען דאַרף טאַקע געהן שלאָפען. הערסט, חוה? זאָלסט מיך היינטיגע נאַכט ניט וועקען, ווען דאָס קינד וועט שרייען. איך האָב קיין כח ניט. דו זאָגסט, אַז עס איז שוין די דריטע נאַכט, ווי דו שלאָפסט ניט

איבער׳ן קינד? אבער איך האב קיין כח ניט... יא, ס׳איז טאקע אמת, אז איך בעלאנג צום שטארקען געשלעכט, און דו צום שוואכען... גאָה טענה זיך אוים מיט דער נאטור, וואס זי האט איך בעשאפען שוואכער ווי די מענער! איך בין ניט שולדיג, וואס איך בעלאנג צום שטארקען געשלעכט, און איך מוז שלאפען אכט שטונדען. איהר פרויען קענט אלעס אריבערטראגען טראָץ אייער שוואכקייט. איך האב געלייענט אן ארטיקעל פון א דאקטאר וועגען דעם. היינט האסטו געלייענט, אז עס איז דא אויף דער וועלט מעהר אלמנות ווי אלמן׳ס? דאס בעווייזט, אז מיר מענער שטארבען פריהער ווי איהר פרויען, אז מיר געהען אזוי אוים פון צופיעל שטארקייט...

אה, חוה, איך בין אזוי מיד! רוק זיך צו צו מיר און לאז מיר אנשפארען מיין מידען קאפ אויף דיין ברוסט... אט אזוי... ס׳איז צו שווער פאר דיר, זאגסטו? הויב זיך אן מיט׳ן שוואכען געשלעכט: נאר עפעס האבען זיי קיין כח ניט! עך, ווייבער! גיב א קוק אויף אונז! זעהסט מוסקלען? אהא, מיר דאס שטארקע געשלעכט!

טו מיר אוים די שיך, חוה! מיר איז שווער זיך איינצובויגען... עך, איהר הילפלאזע, שוואכע בעשעפענישען!

דו מוזט מיך אפהיטען, חוה, צוזעהן מיך, געבען מיר וואוילטאג און מיר מאכען זים דאס לעבען... אויב ניט, קען איך נאך בעגעהן זעלבסטמארד... האסט געלייענט די סטאטיסטיק, אז די צאהל זעלבסטמערדער איז גרעסער צווישען מענער ווי צווישען פרויען? זעה היט זיך! ווארים, ווען איך בעגעה זעלבסטמארד. וועסטו דאך בלייבען אזוי הילפלאז...

ווי שרייבער זוכען טעמעם.

(אַ בריוועלע פון דער קאָונטרי).

אויב איהר ווייסט ניט, ליבע לעזער, זאָלט איהר דאָס ווי־סען, אַז אַ שרייבער פאָהרט אין קאָונטרי ניט צו ערהוילען זיך און ניט אָנצוקלייבען געזונד, נאָר אָנצוקלייבען „שטאָף“, טעמעס הייסט עס.

אַ טעמע איז ביי אַ שרייבער דער גאַנצער צוועק פון זיין לעבען. צוליב אַ טעמע איז ביי איהם רעכט אפילו חתונה צו האָבען, כדי ער זאָל קענען שרייבען וועגען די צרות און נחת פון פאַמיליען־לעבען. די גאַנצע וועלט איז פאַר איהם איין טע־מע, פון די הימלען און אַלע זייערע הערשאַפטען ביז צו דער ערד און אַלעס, וואָס ווידמעט זיך און פרוכפּערט זיך אויף איהר. אַלצדינג איז פאַר איהם אַ טעמע.

וואָס דאַרפט איהר מעהר, ליבע לעזער? נעהמט אַזאַ זאַך ווי קושען זיך מיט אַ מיידעל... אייך האָט זיך מסתמא געמאַכט אין אייער לעבען אַזאַ געלעגענהייט? שעמט זיך ניט! ווערט ניט רויט אין פּנים! און צוליב וואָס האָט איהר זיך געקושט? פשוט, ווייל איהר האָט געוואָלט פערגעניגען האָבען. אַ שרייבער אָבער קען זיך דעם לוקסוס ניט פערגינען. ווען ער קושט אַ מיידעל, איז עס צוליב דער ביטערער פּרנסה נעביך, אָדער צו־ליב דער קונסט, כדי איבערצוגעבען דערנאָך פאַר די לעזער דעם טעם פון קושען אַ מיידעל, קינסטלעריש פעראייביגען דעם קוש.

און אַז איך האַלט שוין אין אויסזאָגען סודות פון דער פּראָ־

פעסיע, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה מיט א שרייבער, וואס די ווייב האט איהם געכאפט קושענדיג זיך מיט אן אנדער פרוי. האט די שרייבערקע מסתמא פערגעסען, אז זי איז א שרייבער'ס א ווייב, און האט געמאכט גוואלדען, ווי א פראס־טען בשר ודם'ס ווייב. „סטייטש?" האט זי גע'טענה'ט, „אט אזוי געטריי ביסטו דאס מיר, אז דו קושט גאר א פרעמדע פרוי?" אבער אונזער שרייבער האט זיך ניט פערלארען און האט זיך אנ־גערופען צו זיין ווייב: „א פרעמדע פרוי זאגסטו? אט דאס איז ביי דיר א פרוי? דאס איז דאך א טעמע!" אפגעזאגט, און ער האט זיך געוואלט נעהמען ווידער צו דער טעמע, אבער די טעמע איז שוין ניט געווען. איז דער שרייבער ארויפגעפאלען מיט קולות אויף זיין ווייב: „גוואלד, גזלנ'טע! איבער דיר איז דאך מיין טעמע אנטלאפען! גיב מיר אן אנדער טעמע!" זאגט זי: „נעהם מיך!" זאגט ער: „אה, דו ביסט אן אלטע טעמע, און דער רעדאקטאר האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל זיך נעה־מען צו נייע טעמעס."

איך דערצעהל דאס אייך אלץ, ליבע לעזער, כדי איהר זאלט פערשטעהן די וויכטיגקייט פון א טעמע פאר א שרייבער, און איהר זאלט ניט זאגען: „אה, וואס פעהלט איהם, דעם שריי־בער? ער זיצט זיך אין קאונטרי און האט פלעזשור, און מיר, די ארימע לעזער, דארפען נעביך זיצען און שוויצען אין שטאט און לייענען די פייפערס!" זאלט איהר וויסען, אז ניט פאר פלעזשור פאהרט דער שרייבער אין קאונטרי אריין, נאר פאר טעמעס, און אויב איהר זייט נאך א מיידעל, ליבע לעזער, און איהר האט בדעה חתונה צו האבען פאר א שרייבער, זאלט איהר ניט שטערען איהם צו זוכען א פרישע טעמע. איהר ווייסט דאך שוין, וועלכע טעמע איך מיין? אט די וואס מיט די צוויי אויגען, שווארצע ווי קויהל א. אז. וו. איהר מעגט זיך אויך האבען צוויי שווארצע אויגען, אבער אייערע אויגען וועלען דאך שוין זיין אויסגעקוקטע, שוין עטוואס אהן א גלאנץ.

הכלל, איך בין אין קאונטרי שוין צוויי טעג, און פאר די צוויי טעג האב איך שוין צוויי באָרדינג־הייזער געביטען. וואס איז די מעשה? דאס עסען געווען ניט גוט, אָדער עפעס אַנ־דערש? ניין! אַלץ צוליב די פערפלוכטע טעמעס!

אַז איך בין אַנגעקומען אין דעם ערשטען זומער־פּלאַץ, האָט מיר דער פארמער פערזיכערט, אַז איך וועל האָבען ביי איהם „פּלענטי שטאָף". ער האָט, זאָגט ער, היי־יאָהר באָרדערס און באָרדערקעס, וואָס עס איז זיי אַ מצוה צו בעשרייבען.

— אָט, צום ביישפּיל, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איהר זעהט דאָרטען אַ פאַרפאָלק? זיינען זיי פּאַראַיאָהרען אויך געווען ביי מיר. האָבען זיי זיך געהאַלטען אין איין קריגען זיך. אָבער זי האָט זיך מיט איהם אַזוי לאַנג געקריעגט, ביז זי איז הייזעריג געוואָרען. היי־יאָהר זיינען זיי אויך געקומען צו מיר, אָבער זי איז הייזעריג ווי די וואַנט, און די דאָקטוירים האָבען איהר פערבאָטען צו רעדען. זיצט זי נעביך און שווייגט אין גע־האַקטע צרות. ער גיט איהר סטאַק, און זי מוז שווייגען...

— האָט איהר עפּעס בעסערע טעמעס? — האָק איך איהם איבער.

— שאַ, — רופט ער זיך אָן, — אָט געהט דאָרטען אַ מיי־דעל, זעהט איהר?

איך קוק זיך צו צו דער מיידעל, אויף ווי ווייט מיין אויג קען זי כאַפּען, און זאָג אַזוי ווי פאַר זיך: „נישקשה פון אַ טע־מע..."

— און ווי געפעלט אייך מיין נייער דזשאָק? — האַקט ער מיר איבער דער פאַרמער פון מיין בעאָבאַכטונג.

— וואָס פאַר אַ דזשאָק? — פרעג איך.

— עס איז שוין איין מאָל אַ דזשאָק! זאָגט ער. — איהר מעגט דאָס אריינשרייבען... איהר ווייסט דאָך די צוויי גלעקער, וואָס רופען צום עסען? איינס אַ קליין גלעקעל פאַר די קינדער און דאָס צווייטע גלעקעל אַ גרעסערס פאַר די גרויסע.

זאג איך: דאס קליינע גלעקעל רופט די קעלבער און דאס גרוי־
סע — די אקסען מיט די בהמות. א פיינער דזשאק, הא? כאטש
א פארמער, קען איך אויך זאגען א דזשאק. באשר איהר ווילט
נים לאכען! איך וויים, אז א שרייבער גלייכט נאר צו לאכען
פון זיינע אייגענע דזשאקס.

בקיצור איך האב גערעכענט שוין צו פערבלייבען ביי
איהם, ערשט עס געהט צו מיר שפעטער צו א בארדער, און צווי־
שען אונזביידען קומט פאר אזא דיאלאג:

ע ר: געקומען אהער קלייבען געזונד?

א י ך: ניין, קלייבען שטאף צום שרייבען. און איהר,
ערהוילען זיך?

ע ר: ניין, מאכען א פאוקער.

א י ך: וועל איך דא עפעס קענען מאכען ביזנעס?

ע ר: איך וויים נים, צי איהר וועט דא גוט אויסמאכען.
דער פלאץ, יו נאו, איז שוין אן אויסגעיווזטער: ערשט לעצטע
וואך איז פון דאנען אוועקגעפאהרען א שרייבער און האט די
גאנצע טעמעס מיט זיך אוועקגעשלעפט. צוויי וואכען דא געווען
און האט געהאלטען אין איין אינטערוויוען יעדען בארדער, יע־
דע בארדערקע, יעדען פערד, יעדע בהמה און וועמען נים. פון
איטליכען האט ער געקליבען שטאף. גלויב איך קוים, אויב עס
איז עפעס פאר אייך איבערגעבליבען.

אלזא, בין איך אוועק אין אן אנדער זומער־פלאץ, אבער
דארטען האב איך שוין געטראפען א שרייבער קלייבענדיג
יאגעדעס, מיידלעך און טעמעס. קריכען אויף יענעם'ס פלאץ
וויל איך נים, און איך בין אוועק אין אן אנדער בארדינג־הויז,
און, — מיינע ליבע לעזער, איהר זאלט וועלען וויסען, אז איך
שלאף קיין נעכט נים, אלץ צוליב אייך. די טעמעס ווילען נים
וויסען, אז זיי זיינען אין קאונטרי, און מען דארף זיך לעגען
פריה און אויפשטעהן גלייך מיט דער זון. זיי לעגען זיך דא זעהר

שפעט שלאפען די טעמעס, ווייל עס איז דא טענץ און אנדערע אמיוזעמענטס, גאר פונקט ווי אין שטאט. און די וואס מאכען א קערטעל, קענען דאך געווים ניט געהן שלאפען פריהער ווי דריי פארטאג. און איך מוז ווארטען ביז אלע טעמעס צוגעהען זיך שלאפען, און ערשט דאן געה איך אליין שלאפען.

אט אזוי נעביך הארעוועט מען, ליבע לעזער, אין דער קאונטרי!

אויפ'ן הויכען בארג, אויפ'ן גרינעם גראז...

(קעטסקיליאדא).

אויפ'ן הויכען בארג, אויפ'ן גרינעם גראז — אוי, מאמע־לעך, וואס דארטען האט זיך צוטאן!

ווי נאך א שלאכט זעהט דארטען אויס. איך זעה וואלגער־רענדיג זיך סואווענירס, וואס זיגערס און בעזיגטע האבען גע־ווארפען אין דעם ברען פון דער אטאקע אדער ריקצוג.

איך זעה א האר־שפילקע וואלגערענדיג זיך אויף א שטיין, וועלכער איז איינגעפאסט אין גראז. אין שטאט א האר־שפיל־קע, וואס וואלגערט זיך אין גאס, וועט אייער אויפמערקזאמ־קייט ניט ציהען. אבער דא אין קאנטרי, אויפ'ן שויס פון דער נאטור, ווייט פון מאוווינג פיקטשורס און ציוויליזאציע, איז א האר־שפילקע פאר אייך אן אאזיס אין דער וויסטע, ווי מען רופט עס.

איהר מוזט ניט ווילענדיג אויפהויבען די שפילקע און פער־טראכטען זיך... און טראכטענדיג אזוי קריכען אייך פערשיידע־נע געדאנקען אין קאפ, סיידען איהר זייט חלילה פון די מענ־שען, וואס טראכטען אהן געדאנקען. און פונקט ווי האמלעט איבער'ן שארבען, אזוי שטעהט איהר און פילאזאפירט איבער דער שפילקע: אין וועמעס שעהנעם קאפ האר האט זי געשטעקט די שפילקע? וואס פאר אן אקסלען האבען דעם קאפ געטראגען? וואס פאר אן ארעמס האבען זיך ארונטערגעלאזען פון די אקס־

לען ? וועמעס האָלז האָבען די אָרעמס ארומגענומען ? און פאַר־וואָס איז יענער גליקליכער האָלז ניט געוועזן אייערער ?

אַט אַזעלכע פילאָזאָפישע געדאַנקען דריקט איהר אויס, איהר דער מאָדערנער האַמלעט ! און פילאָזאָפירענדיג אַזוי, נעה־מען אייך די געדאַנקען ווייזען מואווינג פּיקטשורס פון אַ קאַנט־רי־ראַמאַן, וואָס געדרויערט ניט לענגער ווי דאָס לעבען פון אַ שמעטערלינג. און וואָס ווייטער ווערט איהר אַלץ סענטימענ־טאַלער און סענטימענטאַלער און אַנגעפילט מיט ליבע און מיט־לייד צום גאַנצען שוואַכען געשלעכט, צו די אַלע אָפעליעס און איהר וואָלט מיט זיי אַלעמען וועלען חתונה האָבען, אַז זיי זאָ־לען מעהר ניט דאַרפען פאָהרען אין קאַנטרי צו טרייען זייער מזל.

און איהר גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף דער האָר־שפּילקע, מיסטער האַמלעט, און איהר טראַכט ווייטער: וואו איז זי איצט די אָפעליע, וועלכע האָט די האָר־שפּילקע געטראָגען אין איהר קאָפּ ? זי זיצט אודאי אין שאָפּ און בעריהמט זיך פאַר איהר חבר'טע מיט'ן „גוד טאַים", וואָס זי האָט געהאַט אין קאַנטרי, וועגען די אויטאָמאָביל־ראַידס און וועגען דעם באָי און וועגען יענעם באָי... און איבערהויפּט איז געווען איין באָי — איי, אַ באָי ! אַ לעבעדיגער אַזאַ ! אַ דאָל ! (אודאי אַט דער באָי, איבער וועמען זי האָט די האָר־שפּילקע פערלאָרען !) און נאָך איהר התפּעלות פון יענעם באָי, „די דאָל", מיינט איהר חבר'טע, אַז זי דאַרף שוין איהר מקנא זיין און זי פרעגט, אויב ער האָט שוין „פּראָפּאָוזד". אָפעליע — לאָמיר זי אַזוי רופען — פערטראַכט זיך און זאָגט קאַפּריזנע: „איך בין נאָך יונג ! איך האָב נאָך צייט ! איך וויל נאָך האָבען אַ גוד טאַים, אויסלעדיגען די פּאַקעטס ביי די באָיעס !" די חבר'טע, וועלכע איז עלטער פון איהר און ערפאַהרענער, וויל איהר דערצעהלען וואָס באָיעס זיינען, אַז זי האָט שוין גענוג געקאַנטרעוועט אויף איהר לעבען

און אויך געגוטיימעוועט, און איצט וואס?... און אפעליע צו־לאכט זיך הויך אויפ'ן קול און גיט א זאג: „אי דאנ'ט קער!"

נאר איך פערשטעה גלאט ניט, וואס'ט איהר זיך אריינ־גענומען אין קאפ, אז די וואס האט פערלארען די האר־שפילקע, וואס איהר האלט איצט אין האנט, איז אן אפעליע, א יונגע און א שעהנע און זי „קערט" נאר פאר א טריט און פאר א גוד טאים? ווייסט איהר ניט, אז אין קאנטרי זיינען באיעס ניט קיין איבערקלייבער, און דארום קען טאקע זיין, אז יענע מייד־דעל, פון וועלכער איהר טרוימט איצט מיט דער האר־שפילקע אין האנט, איז ניט קיין יונגע און ניט קיין שעהנע און האט דוקא יא ארויסגעקוקט, אז ד ע ר באי אדער אן אנדער באי זאל איהר „פראפאוזען". און אז זי איז געקומען אהיים פון קאנט־רי, האט איהר מאמע זי געפרעגט: „נו, מיין טאכטער, עס האט זיך עפעס געמאכט?" און דערהערענדיג פון דער טאכטער, אז נייז, האט די מאמע זיך אפגערופען: „טו וואס איז דער יוז צו פאהרען אין קאנטרי און צו ספענדען אומזיסט געלט?" און אז די טאכטער זאגט איהר: „איך האב אבער געהאט א גוד טאים!" זאגט די מאמע, אז א גוד טאים איז גוט פאר א באי, אבער ניט פאר א מיידעל. און איהר טראכט זיך: „נארישע מאמע! ווי קען אבער האבען א באי א גוד טאים אהן א מיידעל?"

און איהר ווערט צוריק סענטימענטאל און אש להבה אויף די באיעס און פאר כעס ווערט איהר א פאעט און נעהמט זינ־גען:

אויפ'ן הויכען בארג,
אויפ'ן גרינעם גראז
שטעהען א פאר באיעס
געמארענירט אין סלאיעס...

(ב ע מ ע ר ק ו נ ג. אן איינפאל פון א פארמער! געכאפט א פאר באיעס און אריינגעפאקט זיי אין סלאיעס, אום צוצוצי־

העז דעם מיידעלשען טרייד, ווארים איהר ווייסט דאך, אז אנ־דערע פארמס זיינען ממש באיעסלאז. איצט זינגען מיר ווי־טער:)

פאלשע מענער זיינען זיי,
קורצע זכרונ׳ס האבען זיי,
קיין וואהר ווארט פערמאגען זיי.
פייגען אין די טאשען...
גלייכען נאר צו נאשען...

און איהר ווערט נאך מעהר אין כעס און שפרינגט אראפ פון די בערג אין טאל אריין, און איהר לאזט זיך געהן מיט׳ן וועג, איבער וועלכען די אויטאמאבילס לויפען, און איהר ווילט זיי אפשטעלען און פרעגען: וועמען יאגען זיי? און וואס איז גלאט דאס איילען זיך? מילא אין שטאט, אז זיי איילען זיך, איז ווילען זיי וואס מעהר מענשען איבערפאהרען, אבער אין קאנטרי, וויפיעל, מישטיינס געזאגט, קענען זיי איבערפאהרען? און נאך א זאך: מילא, פערד לויפען, זיינען זיי דאך פערד, אבער אויטאמאבילס?

נאר מילא. איהר דארפט דען א וועלט פערזארגען? זיי ווילען לויפען, זאלען זיי! געהט איהר אייך אייער וועג און שטויסט זיך אן אן א „קעפ". און איהר הייבט אויף די „קעפ", און אייך פאלט איין, אז דאס איז אפשר געווען די איינציגע „קעפ", וועלכע האט פערדרעהט אלע מיידעלשע קעפ אין דער קאנטרי און וועלכע יעדע מיידעל האט אויף איהר קאפ געוואלט אנטאן?

און צו בעשטעטיגען אייער געדאנק פליהט פארביי אייך דורך אן אויטאמאביל מיט איין באי און פינף מיידלעך אנגע־האנגען אויף איהם. און איהר ווערט „דזשעלעס", וואס דער באי האט אזוי פיעל אנהענגעריגס. און איהר זייט נעבעך אליין! און די מיידלעך שטעלען אייך נאך אוים צינגער, לאכען

פון אייך, וואס איהר זייט אזא יאָלד, און די גאנצע שפע ליבע ווערט אויסגעגאסען אויף איין באַי און אויף אייך פאלט אפילו קיין טראָפּען ניט.

זיי לאכען פון אייך, די מיידלעך, רייצען זיך מיט אייך, איהר איינזאמער פוסגעהער! וועט איהר ווייטער אויף זיי רחמנות האָבען?

די פיער צייטען פון יאָהר.

איך בין געזעסען אין פּאַרק און האָב געקוקט אויף א פּאָר געלע בלעטער (טאַקע אמת'ע, נאַטירליכע בלעטער, ניט קיין געפּייקטע צייטונגס-בלעטער). וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד, און איך רוף זיך אָן צו מיין מיטזיצער, א ווילד־פרעמדער איד:

— דער ליבער זומער געהט שוין אוועק!

— אויף כּפּרות דאַרפט איהר איהם, — ענטפערט דער איד פּעסימיסטיש.

— וואָס זייט איהר אויף איהם אין כּעס? — נעהם איך זיך אָן די קריוודע פון דעם ליבען זומער, — איז דער ווינטער דען בעסער?

— נו, קענט איהר ביי מיר פועל'ן, עס זאָל קיין ווינטער אויך ניט זיין — ענטפערט דער איד גאַנץ קאַלט, אזוי קאַלט, אַז איך האָב געמיינט, דער ווינטער איז אָנגעקומען.

— נו, און פריהלינג און הערבסט? — בין איך שוין ווייטער טשיקאַווע.

— אויך זיי מעגען געהן צום טייוועל! — ענטפערט דער איד מיט א זיכערקייט.

— ווי הייסט? — פרעג איך — זאָל זיין א יאָהר אָהן די בעשטימטע פיער צייטען?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און א הויב געטאָן די האַנט,

און איך האב דערזעהן, אז ער וויל האלטען דא א גאנצען „ספיטש“ פאר מיר. האב איך זיך אויך אויפגעהויבען, און ער האט דערזעהן, אז איך האב ברעה אוועקצוגעהן, האט ער מיך אנגעכאפט פאר׳ן לאץ און גענומען רעדען:

— איהר פרעגט, ליבער פריינד, ווי קען דאס זיין א יאהר אהן די בעשטימטע פיער צייטען? ווער דארף זיי, פרעג איך אייך? איהר זאגט, פאעטען דארפען זיי האבען, כדי די פאעזיע זאל ניט אויסקומען מאנאטאן? איך זאג אבער, אז מיר פראזאיקער זיינען ניט מחויב צו ליידען קעלט און היץ און אלע אנדערע שלעק צוליעב א געלונגען לידעל וועגען פריהלינג, זומער, הערבסט אדער ווינטער. זאל זיין אן איינפאך יאהר, אהן קונצען, אהן גרינע בלעטער, אבער אויך אהן געלע, וועט זיין טאקע אויך פערשפארט פאר די פאעטען אפריהער צו בעזינגען די גרינע בלעטער און דערנאך צו בעקלאגען די געלע בלעטער און, אגב, זיך אויך דערמאנען אז דעם מענשליכען לעבען... זאל זיין אזוי א יאהר... א צייטלאזער... א סעזאנלאזער... וועלען קלאוקמאכער ניט זיין אפהענגיג פון סעזאן...

— ענטשולדיגט פאר א פערזענליכע פראגע! — האב איך איהם איבערגעהאקט — זייט איהר א קלאוקמאכער?

— ניין. — האט ער געענטפערט, — „אן אנדער מאכער... וואס מאכט אייך אויס? ניט קיין מאכער אין וואל־סטריט, נאר איך מאך אזוי מיט די זייטען. פאר מיין טרייד, פערשטעהט איהר מיך, דארף איך האבען דעם ווינטער, פאר מיין געזונד — דעם זומער... דער פריהלינג און דער הערבסט זיינען מיר ניט אהין און ניט אהער, גלאט דארמאיעדניקעס... היינט ווי טו איך? דערפאר זאג איך טאקע, אז מען דארף אפשאפען די סעזאנען, און עס זאל זיך ציהען אזוי א יאהר כסדר, מיט ארבייט און מיט געזונט. פיעלע וועלען מיט מיר מסכים זיין. איהר קוקט מיך אן ווי א משוגע׳נעם? עס איז געגען דער נאטור, זאגט איהר? גאר א נייעס! די נאטור אליין געהט דערצו. זעהען מיר דען ניט

ווי דער ווינטער מופט אריין אזש אין יוני און דער זומער אין יאנואר? יא, מען קען מאכען עפעס א מין קאמבינאציע פון אלע פיער צייטען! סיידען דער אייז־טראסט און דער קויהלען־טראסט וועלען ניט דערלאזען!

אזוי ווי איך האב איהם אויף דעם גארנישט געענטפערט, און ער האט שוין מעהר ניט געהאט וואס צו זאגען, האב איך שוין אויך מעהר ניט וואס צו שרייבען. ענדע.

די ליבע זאָל לעבען!

די ליבע זאָל לעבען! נים די ליבע פון מענש צו מענש: יענע איז אין אונזערע טעג, פאַר אונזערע אויגען אין די טרענטשעס בעגראָבען געוואָרען, נאָר די ליבע פון געשלעכט צו געשלעכט, וועלכע איז אַזוי שטאַרק בעזונגען געוואָרען אין שיר־השירים; די ליבע, וואָס איז שטאַרק ווי דער טויט, ברענט פלאַם־פייער, וואָס די גרעסטע וואסערען קענען זי נים איינלעשען, און טייכען קענען זי נים אראָפּשווייקען.

איך ווייס: איהר וועט מיר ברענגען ציטאַטען פון קהלת, צו מאַכען אַ תל פון מיין אמונה אין דער ליבע. איהר וועט מיר זאָגען גם זה הבל, אַז אויך די ליבע פון מאַן צו פרוי איז נאַרישקייטען; איהר וועט מיר ברענגען ביישפּילען פון ענטטוישטע פון ליבע, אַפּגענאַרטע און פערפיהרטע. איהר וועט מיר זאָגען: אויב די ליבע פון מענש צו מענש איז בעגראָבען געוואָרען אין די טרענטשעס, איז די ליבע פון געשלעכט צו געשלעכט בעגראָבען געוואָרען אין דעם פאַמיליען־לעבען, אונטער אַ באַרג פון בייבי־קערידזשעס, טעפּלעך און קויטיגע וועש.

איך ווייס אַלע אייערע טענות געגען דער ליבע פון געשלעכט צו געשלעכט, און דאָך שריי איך אויס פון דער טיפעניש פון מיין האַרצען: די ליבע זאָל לעבען!

זעהט נאָר, ווי שוואַך קינסטלעריש איז קהלת אין פערגלייך מיט שיר השירים, און ווער האָט דאָס אַזוי שטאַרק געמאַכט שיר השירים? די ליבע!

און מעהר רעד איך מיט אייך ניט, סקעפטיקער, וועלכע ווילען ביים מענשען אוועקרויבען די איינציגע מתנה, וואס ער האט — די ליבע. מעהר רעד איך מיט אייך ניט. איך וועל בעסער רעדען מיט מיין ליבער פרוי.

— מיין ליבע פרוי — זאג איך — די ליבע זאל לעבען!

אבער מיין ליבע פרוי ענטפערט מיר נים דאס מאל אויף מיין אויסגעשריי מיט א פאל אויפ'ן האלז און מיט א קוש אין די ליפען, ווי זי פלעגט אימער טאן. איך זעה זי איז עפעס ערנסט. זעהר ערנסט.

— וואס איז דער מער? — פרעג איך זי — ליבסטו מיך שוין מעהר ניט?

— ווענען איז אין קאפ איצט ליבע? — ענטפערט זי — אזעלכע שווערע צייטען! זעהסט דען ניט, וואס אויף דער וועלט טוט זיך? זעהסט דען נים, וואס ארום אונז טוט זיך? דאס פייער האט אויך אונז דערגרייכט, און אויך מיר וועלען פערצעהרט ווערען פון איהם... ווער קען גאר אין אזא צייט רעדען פון ליבע?

— דוקא אין אזא צייט רעדען פון ליבע! — רוף איך זיך אפ, און מיין ליבע פרוי קוקט מיך אן.

— דו ווייסט דאך, מיין ליבע פרוי, — ערקלער איך איהר, — אז איצט דארף מען זיך זעהר אפהיטען מיט'ן רע־דען צוליב דער מלחמה, אז טויזענטער פאטריאטישע אויערען וואטשען אלעס וואס מען רעדט, און אז אפילו וועגען וועטער טאר מען, דאכט זיך, נים רעדען, ווייל דאס וועטער שפילט א ראליע אין די קריעגס־אפעראציעס און אין די שיפען־בעוועגונגען. וועגען יקרות איז דאך אפגערעדט, אז מען טאר ניט רעדען, ווייל דער שונא קען דאך נאך דערהערען און פרעהען זיך מיט אונזערע צרות. און יקרות, ווייסטו דאך, מיין טייערע, איז א וויכטיגע טעמע אין דעם פאמיליען־לעבען... איז געבליבען נאר איין כשר'ע טעמע וועגען וואס צו רעדען, און דאס איז די ליבע,

און וואויל איז איצט דעם, וועלכער ליבט און ווערט געליבט, האָט ער כאָטש וועגען וואָס צו רעדען!

— מיין ליבע פרוי! — האָב איך צו איהר ווייטער גע־רעדט — אַט פאַהרסטו באלד אוועק אין קאַנטרי, און איך וועל צו דיר דארפען שרייבען בריף. ווער ווייסט? אפשר וועט נאָך אַ צענזאָר עפענען די בריף? דאַרף מען זיין זעהר געהיט וועגען די טעמעס, און עס בלייבט איבער נאָר איין־איינציגע כשר'ע טעמע, וועלכער דער צענזאָר וועט דורכלאָזען — און דאָס איז די ליבע! די ליבע, ווייסטו דאָך, טייערע, האָט אימער גענאָ־סען פרייהייט אפילו אין די דעספּאָטישסטע לענדער, אפילו אונ־טער ניקאָלאַי'ס פינסטערער ממשלה... נו, וועל איך דיר שריי־בען ליבעס־בריף... איך וועל פון דאָס ניי זיך ערקלערען דיר אין ליבע און שיקען דיר טויזענטער קושען, וועלכע וועלען האָ־פענטליך פון דער צענזור ניט פערהאַלטען ווערען. איך פערהאָף, מיין טייערע, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער רעדאַקטאָר, און די אַלע ליבע־בריף מיינע אָפּדרוקען אָהן שום מורא אויף דיין גר־טען ליבען הארצען...

— מיין ליבע פרוי! — זאָג איך צו איהר ווייטער, — עס וועלען נאָך אָנקומען טעג, וואָס עס וועט ניט זיין קיין ברויט, און נאָר די איין ליבע וועט איבערבלייבען צו ראַטעווען די אָרי־מע מענשען פון הונגער־טויט. די ליבע, זאָג איך, וועט איבער־בלייבען, ווייל דאָס איז אַן אַרטיקעל, אין וועלכען דער גאָט פון מלחמה נויטיגט זיך ניט. יאָ, מיין טייערע, אין יענע שרעקלי־כע טעג וועט מען דעם הונגער מוזען זעטיגען מיט ליבע און מיט קושען, און מענשען וועלען אַזוי אויסגעהן מיט „מיתת נשיקה".
אַ, ווי זיס, טייערע, דאָס מוז זיין אַזאַ טויט, צו שטאַרבען אין די אָרימס פון דער געליבטער מיט אַ קוש אויף די ליפּען!

— מיין ליבע פרוי! — ארגומענטיר איך ווייטער, — הערסט ניט, מען רעדט וועגען איינפיהרען פּראָהיבישאָן אי־

בער'ן גאנצען לאנד, און עס וועט ניט זיין קיין טראפען מיט וואס די צרות צו פערטרינקען, וועלען מיר זיך טויט אָנ'שכור'ען מיט ליבע, אָנטרינקען זיך מיט קושען, ווי אין שיר־השירים, מיין איינציגער קאטעכיזם פון ליבע, ווערט געזונגען: „קוש מיך אַן מיט די קושען פון דיין מויל, ווארים דיין ליבע איז נאָך בעסער ווי וויין.“

זיינען מיר שוין, הייסט עס, ליזע קרוין, מיט ברויט און וויין פערזאָרגט. אָך, די ליבע זאָל לעבען! אַ, ווי גליקליך איך בין מיט מיין ליבע! אַ, ווי אומגליקליך עס זיינען, די וועלכע האָבען קיין ליבע ניט!

ראָמאַנטיקער רופסטו מיך, טייערע ליזע? זאָל זיין אַזוי! איך שעם זיך ניט מיט דעם נאָמען. אַז דער רעאַליזם איז אַזוי שרעקליך. רעאַליזם איצט הייסט טויט און פערוויסטונג.

עגאָאיסטיש בין איך, זאָגסטו, מיין טייערע? די וועלט, זאָגסטו, טרינקט זיך אין בלוט און טרערען, און איך זינג שירה צו דער ליבע? בייזער זיך ניט, טייערע ליזע? בייזער זיך ניט אויף מיר! נאַציאָנאַלער עגאָאיזם מעג זיין און פערזענליכער ניט? מענשען טרינקען זיך אין בלוט און טרערען? האָבען זיי דאָך דאָס אליין געוואָלט! מסתמא האָבען זיי אויסגעפונען, אַז עס איז אַ פלעזשור צו טרינקען זיך אין בלוט און טרערען, טאָ זאָלען מענשען האָבען פלעזשור. מיין פלעזשור איז ליבע.

קום אַוועק, מיין טייערע, פון דער ווירקליכקייט, וועלכע וויל אויך חרוב מאַכען אונזער ליבע. קום אַוועק, ווייט פון מענשען און פון הוראַ־ און אוי־געשרייען, וועלכע וואַרפען אויף דיר אַזאַ מורא און וועקען אין דיין גוט הארץ ליבע און מיט־לייד צו די אָרימע מענשען, אַזוי, אַז דו ווילסט מיך פערלאָזען צוליב זיי...

צו וואָס, טייערע, זאָלסטו רחמנות האָבען אויף מענשען, וועלכע האָבען אליין איבער זיך קיין רחמנות ניט; צו וואָס

טייערע, זאָלסטו שענקען מענשען דיין ליבע, ווען זיי זוכען עס ניט? גיב מיר בעסער דיין ליבע!

לאַנג לעבען זאָל די ליבע, ווענען וועלכער עס ווערט אַזוי פיעל אין לידער געזונגען, און גליקליך איז דער, וועלכער קען עס אויך געניסען אין לעבען, ניט אפשר, מיין טייערע?

איך בין אַ קינסטלער!

דרך־ארץ, רבותי! איך בין אַ קינסטלער... דער רעדאַקטאָר אַליין האָט עס מיר ערקלערט מיט זיין הייליגען מויל, בעת איך בין איהם געקומען דערמאָנען, אַז איך בין אַזאַ מענש, ווי יעדער בעל־מלאכה, און איך וויל זיין זיכער מיט מיין שטיקעל ברויט און מיט מיין מענשליכער ווירדע.

— ניין! — האָט ער אויף מיר אַ געשריי געטאָן, טופּענדיג מיט די פיס, — איהר זייט ניט קיין מענש, נאָר אַ קינסטלער! אַ שניידער קען רעדען וועגען העכערע שכירות, קירצערע שטונדען, בעסערע בעהאַנדלונג, אָבער ניט אַ שרייבער, וועלכער איז אַ קינסטלער. אַ פּרייז קען נאָר בעשטימט ווערען אויף אַ ראָק, אויף אַ וועסט, אויף אַ פּאָר הויזען, אָבער ניט אויף אַן אַרטיקעל, אַ פעליעטאָן אָדער אַ סקיצע. וויפיעל מען גיט אייך אַזוי פיעל דאַרפט איהר נעהמען, וואָרים קונסט, יו נאָו, שטעהט העכער פאַר געלט!... אַלזאָ, מאָרגען פּונקט זיבען אינדערפריה זאָלט איהר שוין זיין אין רעדאַקציע. גערענקט זשע, פּונקט זיבען!

— אָבער פּונקט זיבען רוהט נאָך אויף מיר ניט דער רוח־הקודש... — האָב איך פּרובירט זאָגען מיין רעדאַקטאָר.

אַן אָנגעצונדענער איז ער געוואָרען, מיין רעדאַקטאָר...

— רוח הקודש? — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — איך דאַרף האָבען הענט, ניט קיין רוח־הקודש! איך דאַרף אַרויס־

געבען 12 א זייגער יעדען טאָג א ציימונג, און איך קען ניט וואַרטען, ביז דער רוח־הקודש וועט קומען צו אייך. לאָזט אַלזאָ דעם רוח־הקודש אין דערהיים, און אַליין קומט שרייבען...

* * *

איך האַלט אין שרייבען די נייעס וועגען דער טערקיש־באַלקאַנישער מלחמה... איך בין אַריינגעטאָן אין דעם שרייבען, און איך שוועב דאָרטען אַרום קירק־קיליסעה און די איבעריגע טערקישע נעמען, אויף וועלכע איך צוברעך די ציינער... פּלוצלונג — א קראַך! דאָס האָט ניט קיין קאַנאָנע אויסגעשאָסען, נאָר דעם רעדאַקטאָר'ס קול, לאָמר אזוי צו זאָגען:

— וואָס שרייבט איהר איצט?

— די טערקיש־באַלקאַנישע מלחמה, — ענטפער איך.

— זייט איהר שוין פאַרטיג?

— נאָך ניט... באַלד ענדיג איך.

— נעוועך מיינער... גיט עס אַן אַנדערען ענדיגען. איך האָב פאַר אייך אַן אַנדער זאַך צו שרייבען.

— אָבער עס איז דאָך ניט קיין ראָק, וואָס אַן אַנדערער זאָל עס קענען ענדיגען... — פּרובירט איך טענה'ן.

איך האָב אָבער געמוזט פאָלגען דעם „באָס", דעם רעדאַקטאָר מיין איך. ער זאָגט דאָך, אַז איך בין אַ קינסטלער, און איך מוז איהם פאָלגען...

* * *

— היינט, וויל איך פון אייך אַ סקיצע! — האָט דער רעדאַקטאָר געגעבען מיר זיין בעפעהל.

— אָבער, הערר רעדאַקטאָר! — זאָג איך, — איך האָב קיינמאָל קיין סקיצען אין מיין לעבען ניט געשריבען.

— נעוועך מיינער! — זאָגט ער, — וואָס איהר האָט ניט געשריבען! נעהמט און שרייבט! איך דאַרף האָבען אַ סקיצע!

— אָבער איך קען ניט! — בעט איך זיך ביי איהם.

— וואָס פאַר אַ שרייבער זייט איהר, אַז איהר קענט קיין

סקיצע ניט שרייבען? אז מען איז אין א רעדאקציע, דארף מען אלעם קענען. אט איך וועל אייך בעווייזען, אז אין א האלבע שטונדע שרייב איך אן א סקיצע, כאטש איך האב אויך קיינמאל קיין סקיצע ניט געשריבען.

* * *

דער רעדאקטאר האט מיר נאך א מאל ערקלערט, אז א שרייבער איז א קינסטלער, וועלכער מוז אויפ'ן פאפיר אויסגיסען זיין מארך, זיין הארץ, זיין נשמה...

דערלאנג איך איהם אן ארטיקעל, וואס איך האב אנגעשריבען. גיט ער א קוק, און פערקרימט זיך גלייך.

— אט דאס איז א טעמע? — שרייט ער אויס, — וועמען קען עס אינטערעסירען, אויסער אייך אליין?

— אבער דאס איז מיין מארך, מיין הארץ, מיין נשמה — טענה איך.

— וואס מיר מארך, וואס מיר הארץ, וואס מיר נשמה? — שרייט ער זיך פאנאנדער, — איך דארף האבען אן אינטערעסאנטען ארטיקעל, און דהאט'ס אל! איך גיב ניט ארויס די צייטונג פאר אייער פלעזשור! איך קען ניט אפפערן מיט דער צירקולאציאן צוליב דער קונסט!

* * *

הכלל, רבותי, וואס זאל איך אייך א סך ברייען? איך בין א קינסטלער, וועלכער האט א מתנה פון גאט, א מארך, א הארץ, א נשמה... דער רעדאקטאר אליין האט עס מיר ערקלערט, בעת איך בין געקומען דערמאנען, אז איך בין אזא מענש, ווי יעדער בעל־מלאכה, און איך וויל זיין זיכער מיט מיין שטיקעל ברויט און מיט מיין מענשליכער ווירדע...

יאנואר, 1913, אין די טעג פון שרייבער־
סטרייק אין ניו־יארק.

המנ'ס פורים־רעדע.

(געהאַלטען אויף דעם נאָך ניט־אָפּגעהאַלטענעם אַלוועלטליכען אַנטיסעמיטישען קאָנגרעס).

געזינונגס־גענאָסען!

איהר האָט מיר, אַלס וועטעראַן פון אַנטיסעמיטיזם, צו־געטיילט די עהרע צו האַלטען די ערעפענונגס־רעדע פון דעם ערשטען אַלוועלטליכען אַנטיסעמיטישען קאָנגרעס. איך נעהם עס מיט פערגעניגען אָן, און איך האָף, אַז איך וועל אייך ניט פערשעמען.

אַנדערע וועלען אפילו זאָגען, (און איך וועל דאָס אפשר אויך צוגעבען), אַז איך האָב צו אַזאַ כבוד ניט זוכה געווען, וואָ־רים נאָך אַלעמען האָב איך פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם פּראַקטי־שעס ווייניג וואָס אויפגעטאָן, און „המנ'ס מפּלה" איז געבליבען אַ קללה לדורות פאַר אַלע אָרענטליכע און רעכט־דענקענדע אַנ־טיסעמיטען. אָבער פונדעסטוועגען וועט יעדער פון אייך האַל־טען פאַר אַן עהרע צו רופען זיך מיט מיין נאָמען. די אידען אַליין גיבען מיר אַנערקענונג און זיי קרוינען נאָך עד היום זיי־ערע גרעסטע שונאים מיט מיין נאָמען.

מיר פערדריסט זעהר, וואָס איך האָב אַנגעריהרט מיין פער־זענליכקייט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, ווען דער קלענסטער אי־דען־פרעסער פּיקעט מיר אוים די אויגען? אָבער פרעג איך אייך:

בין איך דען שולדיג, אז איך האָב געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ מלך טפש, ווי אחשורוש, וועלכער האָט זיך איינגעליאַפּעט אין אַ פאַרשיווער זשידאָווקע און פלעגט ווערען גאָר די כפרה פאַר איהר מינדסטען שמייכעל? וואָלט איהר אָבער זעהען, וואָס איך וואָלט אויפגעטאָן, ווען איך וואָלט האָבען אויף זיך אַזאַ אויבערהאַר, ווי אונזער מאַרטירער־געזינונגס־גענאָסע פלעהווע האָט געהאַט, טאַקע אַזאַ, ווי ניקאָלאַי דער צווייטער, זאָל מאריך ימים זיין! בערג וואָלט איך איבערגעקעהרט! איך וואָלט זיך מיט אַ קישינעוו ניט בעגנוגענט! ניין! מיין בעפעהל, ווייסט איהר דאָך, איז „להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן, טף ונשים ביום אחד“, אַ תל צו מאַכען פון אַלע אידען אין איין טאָג, און אַראָפּ פון מאַרק. ניטאָ ביי מיר קיין קרוטש־קע צערעמאָניעס!

קיינער וועט מיך אבסאָלוט ניט חושד זיין, אבסאָלוט ניט חושד זיין, אַז איך בין געווען אַן אנטיסעמיט צוליב „ביזנעס“ (די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען, וועלכע געפינען זיך דאָ אויפ׳ן קאָנגרעס, ווערען, האָפענטליך, מיך פערשטעהן). אדרבא, איך האָב נאָך אָנגעבאָטען פון מיין אייגענעם „פּאַקעט“ אחשורוש׳ן געלט פאַר מיין פּלאַן. איך האָב פּשוט פיינט געהאַט דעם אידען בתכלית השנאה, אָהן אַ שום אורזאַך, דעם כלל, ווי דעם פרט, אָהן אַן אויסנאַהם. פאַר מיר האָבען קיין הויף־אידען ניט עק־זיסטירט. איך מוז דאָס בעטאָנען, ווייל איך בעמערק ביי פיעלע פון אונזערע חברים אין אַ געוויסען זין אַ פערראַט צו די אייגענע פּרינציפּען. בעת מען האַסט דעם כלל, איז מען אָבער אין דער זעלבער צייט חבר־לאַפּ מיט דעם פּרט.

איך הער דאָ אַ טומעל. די חברים־דעלעגאַטען זיינען, ווי עס שיינט, ניט צופרידען מיט מיין בעמערקונג. עס איז אָבער אַ פאַקט, וועלכען קיינער וועט ניט לייקענען, און איך האָב גע־פונען פאַר מיין הייליגע פליכט אָנצואווייזען אויף דעם.

בערוהיגט זיך נאר! געגאסע בלעם! האלט איין אייער מויל! איהר וועט דערנאך ענטפערן מיר, כאטש איהר האט בעסער געדארפט שווייגען... זאל גענאסע בלק זאגען, וואס ער דענקט וועגען אייך. מען האט אייך איינמאל געגעבען מאכען **א דושאב,** שלאגען די אידען כאטש מיט'ן מויל, האט איהר אויך פערקירעוועט די האליאבלעם און האט אנגעשאטען זיי אויף די קעפ ברכות אנשטאט קללות... אז איהר האט זיך גע־לאזט פיהרען פון אן אייזעל, היינט ווער איז אייך שולדיג? איך בעט אייך: האקט מיך ניט איבער! איך בעט אייך מיט גוטען: האקט מיך ניט איבער! שטערט ניט די לאנג ערוואר־טעטע אייניגונג אין אונזערע רייהען... צווינגט מיך ניט ארויס־צוגעהן געגען אייך מיט צו שארפע ווערטער, וועלכע איך וויל זעהר ניט געברויכען ביי אונזער היינטיגען יום־טוב, ביי אונזער היינטיגען היסטארישען פייערליכען טאג!... אלזא, איהר ווילט אנדערש ניט, ווי אנמאכען א טומעל, גענאסע בלעם?... ניין! איהר וועט מיך מיט אייער גרויסען מויל ניט פערשרייען!... איך אפעליר צו די איבעריגע רעכטדענקענדע גענאסען, וועמען עס איז טייער די אנטיסעמיטישע בעוועגונג, און איך האף, אז זיי וועלען מיך אויסהערען!

אלזא, צום ענין. איך וויל דא אנווייזען אויף נאך א פעה־לער, וואס די אנטיסעמיטען בעגעהען. פאר'ן שעהנעם געשלעכט האבען זיי א געוויסען רעספעקט. איך האב נעגען דעם גארנישט. אבער זיי האבען אויך רעספעקט פאר אידישע פרויען. דער גרעס־טער אנטיסעמיט ווערט די כפרה פאר א שעהנע אידישע פרוי. אט נעהמט טאקע דעם מלך טפש, אחשורוש'ן, זאגט דער מדרש אליין אויף איהם, אז ער איז געווען א גרעסערער שונא ישראל, ווי איך. איך שטים אפילו אין דעם ניט איין מיט'ן מדרש. נאר זאל זיין, אז ער איז געווען א גרעסערער אנטיסעמיט ווי ווי איך. פונדעסטוועגען האט ער זיך געלאזט פיהרען פאר'ן נאז פון א פארשיווער זשידאווקע. וואס די גמרא זאגט אויף איהר,

(איך ציטיר אַלץ זשידאָווסקע אויטאָריטעטען), אַז זי איז קיין איבעריגע שעהנהייט ניט געווען. זי איז געווען גאָר גרין און געל אין פּנים. נאָר אפילו, ווען אַ שעהנע, איז וואָס?

אָדער נעהמט גענאָמסע פּרעה: זאָל ער מיר נאָר ענטשול־דיגען... איז ער ניט געווען אַ שוטה? ער האָט געהייסען וואַר־פען אין טייך נאָר די זכרים, און די נקבות האָט ער געהייסען לאָזען לעבען! ביי מיר אָבער וועט איהר דאָס ניט פּועל'ען, בשום אופן ניט! איך בין ניט פערבלענדט געוואָרען קיינמאָל אין מיין לעבען פון דער שעהנקייט פון אַ אידישער פרוי, באשר דער מלאך האָט מיך אַ שטופּ געטאָן אויף אסתר'ס בעט... גלויבט מיר, אַז ניכטערערהייד וואָלט דאָס ביי מיר פאַר קיין פאַל ניט געטראָפען. אָט ס'איז געווען אַ באַל, מען האָט זיך צו־הוליעט, איך בין געווען אביסעל בגילופינ'דיג און איך האָב זיך ניט געקענט האַלטען גוט אויף די פיס.

איך האָב פיינט די אידען אָהן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער — מענער, פרויען, אַלטע, יונגע, קינדער. מיין בע־פעהל איז געווען להשמיד, להרג ולאבד אַלעמען! און אַזוי דאַרף האַנדלען יעדער איבערצייגטער, וואַהרער אַנטיסעמיט.

געזינונגסגענאָסען! אונזער בעוועגונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג, פערשפּרייט זיך פון לאַנד צו לאַנד. איך זעה דאָ דעלע־גאַטען פון אַמעריקע, אָט די מדינה, וואוהין אידען לויפען זוכען שוץ. עס פרעהט מיך זעהר, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פערכאַפּט אויך אין אַמעריקע. קיין גרויסע מעשים זיינען אפילו דאָרט ניט אויפגעטאָן געוואָרען, אָבער עס איז דאָ אַ האָפנונג, אַז מיט דער צייט וועלען די אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטען אויפ־טאָן גרעסערע מעשים.

היינטיגען טאָג, פּורים, פייערען די אידען מיין מפּלה און זיי רעכענען זיך אָפּ מיט מיר מיט זייערע הילצערנע כלי־זיין, מיט כל המיני גראַגערס און המן־קלאַפּערס, און טופּען מיט די פיס. הכלל, ס'איז ליהודים... אָרימע זיגער! האָבען זיי מיך

דען בעזיגט מיט זייער אייגענעם כח? זיי האבען מיך דאך בע־זיגט דורך שתדלנות, דורך הינטער־טירען, דורך א הויף־איד און א הויף־אידענע, דורך דעם איינגעבעטענעם חסד פון א מלך טפש! איך פרעג טאקע אייך: וואס איז מיט זיי די שמחה? קליגערע אידען זאגען טאקע: „פורים ניע סוויאטא".

און האבען זיי דען מיך גאר בעזיגט? אמת, זיי האבען מיך אויפגעהאנגען, אבער מיין תורה לעבט, די זריעה, וואס איך האב פערזעעט, האט געבראכט פרוכט.

מיך פרעהט זעהר, וואס מיר האלטען אפ אונזער ערשטען אלוועלטליכען קאנגרעס גראד אין דעמדאזיגען טאג. דאס וועט דיענען א ווארנונג פאר די זשידעס, זיי זאלען זיך ניט צוהור־ליען צו שטארק, זיי זאלען געדענקען, וואו זיי האלטען אין דער וועלט...

זאלען זיי קלאפען די ברעטער פון די שוהלען אונטער זייערע פיס! זאלען זיי מאלען ניט־געלונגענע קאריקאטורען פון מיר אין זייערע מגילות! נאך אזא המן, ווי איך, איז ניט גע־ווען. המן בלייבט המן, און איך פערהאפ, אז איהר, מיינע גע־זינונגסגענאסען, וועט פארטזעצען מיין ארבייט און פערשפריי־טען אייער שנאה אויף אויף די אידישע פרויען!...

אליהו הנביא אין אמעריקע.

(אין אַ בריף צו זיין תלמיד אלישע בעשרייבט ער זיינע איינדריקען פונ'ם אמעריקאנער סדר).

מיין ליבער תלמיד, אלישע!

זינט אידען פראווען זייערע פסח'ס אין גלות, האָב איך היי־יאָהר צום ערשטען מאָל אָפגעשטאַט אַ וויזיט דעם אמעריקאַנער יודענטום צו די סדרים.

פאַרוואָס איך האָב ביז אַהער ניט בעזוכט אַמעריקע, איז ניט ווייל עס געפעלען מיר ניט די אמעריקאַנער אידען, אָדער ווייל דער אמעריקאַנער כשר־לפסח'דיגער ווייז, פון וועלכען איך דאַרף פערזוכען צו די סדרים אין יעדען אידישען הויז, איז פאַר מיר אפשר געווען ניט גענוג פסח'דיג. אויך ניט דער־פאַר האָב איך אויסגעגלאָזען אַמעריקע, ווייל די אמעריקאַנער אידען זיינען זאַט מיט מזל־ברכה, פראָספעריטי, ווי זיי רופען דאָס אויף זייער לשון, — און זיי זיינען ניט גערן דעם בעזוך פון דעם ממונה אויף דער אידישער פראָספעריטי.

די אמעריקאַנער אידען זיינען אידען, ווי אַלע אידען, און כאָטש מען לאָמר'ט אויף זיי דאַרטען, מעבר לים, זאָג איך דיר, אז אידישקייט איז דאָ פלענטי, ווי זיי זאָגען דאָס אויף זייער לשון, און אין אַלע זייערע טעאַטערס קישעט מיט אידישע הערצער, אידישע נשמות, אידישע קינדער. וועגען דעם ווייז ביז

איך אויך ניט אין ספק, ווארים אזוי **פיעל הכשרים**, ווי דא, האב איך נאך אין קיין מדינה ניט געזעהן, און רבנים מאכען דא א לעבען. און אז אמעריקאנער אידען זאלען זיין גאר איבעריגס זאט מיט פראספעריטי, איז אויך ניט קענטיג, און איך האב זיך שוין לאנג געריסען צו קומען קיין אמעריקע, אפשר וועל איך זיי קענען בעהילפיג זיין. **אלא וואס זשע דען? טו הער זשע.**

דא איז פאראן אן עלים־איילענד, וואו **מען** זיפט די מענשען, וואס דארפען אריינקומען אהער אין לאנד. יעדען ערב־פסח, יאהר־איין יאהר־אויס פלעג איך **אנקלאפען** אין די טירען, אבער מען האט מיך אין לאנד ניט אריינגעלאזען. ווערסטו פרעגען: וואס פאר א פסול האט מען אויף מיר אויסגעפונען? הערסטו דאך: אנטיסעמיטען, וועלכע **האבען** מורא, די אמעריקאנער אידען זאלען ניט אויפגעריכט ווערען דורך מיין קומען, האבען פער'מסר'ט מיך פאר די אימיגראציאנס־בעאמטע, אז איך קום קיין אמעריקע פערזוכען וויין אין יעדען אידישען הויז, נו, הייסט דאס ביי זיי, אז איך וועל פאלען צו לאסט אויף קהל, אלזא, בין איך נאך די אמעריקאנער געזעצען אן אומגעווינשטער אימיגראנט!

איך פלעג ביי יעדען מאל ניט ארייגלאזען מיך, פרובירען טענה'ן צו די אימיגראציאנס־בעאמטע, אז איך בין קיינמאל צו לאסט אויף קהל ניט געפאלען, אז איינמאל האבען מיך ראבען געשפייזט אין א מדבר, וואו עס איז א מענש אויף א רפואה ניט געווען, און איך האב זיי געוויזען דאס שווארץ אויף ווייס אין תנ"ך. דאן האב איך זיי ערקלערט, אז איך האב נאך אפגעגעסען אין יוראפ, ווי זיי רופען דאס, און אז איך מיט איין מאל עסען קען לעבען 40 טעג, הײנט וואו וועט מיר אויסקומען אין אמעריקע צו עסען, ווען גלייך נאך די סדרים איז שוין מיין פום דא ניטא? ענדליך האב איך זיי אויך ערקלערט, אז ניט נאר וואס איך פערנעהם ביי קיינעם ניט, וואס א האר איז ווערט,

נאָר איך ברענג נאָך מיט זיך מזל־ברכה, פּראָספּעריטי, וואוהין איך קום נאָר. איך האָב זיי אָפּגעשיקט פּרעגען ביי די אידען, און זאָלען זיי אדרבא הערען, וואָס פאַר אַ שעהנע וואונדערליכע מעשיות מען דערצעהלט פון מיר. עס האָט אָבער גאַרנישט גע־האָלפען. זיי האָבען מיר ערקלערט, אַז פאַר אַמעריקאַנער פּראָס־פּעריטי זאָל מיר שוין דער קאָפּ ניט וועה טאָן, אַז זיי האָבען פּרעזידענטען, וועלכע בעזאָרגען שוין דאָס לאַנד מיט פּראָס־פּעריטי, און זיי נויטיגען זיך דאַרום ניט אין פרעמדע חסדים.

פּאַראַיאָהרען האָב איך געהאָפט, אַז מען וועט מיך שוין אריינלאָזען אין לאַנד, ווייל איך האָב געהערט, אַז אַמעריקע נויטיגט זיך זעהר שטאַרק אין פּראָספּעריטי. מיין האָפנונג אָבער איז געווען אַן אומזיסטע. מען האָט מיר ערקלערט, אַז אינ־גיכען וועט מען ערוועהלען אַ נייעם פּרעזידענט און עס וועט ווידער זיין אָל־רייט, און מען האָט מיך ווידער צוריקגעשיקט.

דעם ערב־פּסח האָב איך ווידער געקלאַפּט אין די טירען פון עליס־איילענד. „לאָזט מיך אריין!“ האָב איך זיך געבעטען. „אייער נייער פּרעזידענט איז דאָך שוין דאָ, און די פּראָספּערי־טי — קוים וואָס זי שלעפּט זיך! לאָזט מיך פּרובירען, אפשר וועט דער נס דורך מיר געשעהן? אפשר וועל איך קענען בעזיגען דאָ ביי אייך דעם דלות, פּונקט ווי איך האָב אמאָל בעזיגט דעם בעל? “ איך וויים ניט, וואָס פאַר אַ נס עס האָט געקענט געשעהן, נאָר מען האָט מיר געהייסען אויפוואַרטען, און דאַן האָט מען מיר ערקלערט, אַז איך בין פריי און איך קען געהן, וואוהין איך וויל.

נאָר מילא, ווי עס איז ניט געווען, אבי איך בין אין אַמע־ריקע. איך בין אפילו נאָך גאַנץ גרין, עס שמעקט נאָך פון מיר מיט שיף, אָבער אַ בעגריף וועגען אַמעריקע האָב איך שוין, און איך וועל זיך טיילען מיט דיר מיט מיינע ידיעות. איך וויים שוין, וואָס „טראַסט“ איז, וואָס „ביזנעס“ איז, וואָס „טאָפּ פלאָר“, וואָס „טענעמענט־הויז“, וואָס „סלעק“, וואָס „טראַ־

בעל", וואָס „מאַכען צו מופען", וואָס „בעד־רום", וואָס „מי־סעס", וואָס „באָרדער", וואָס „האָרי־אַפּ", וואָס „באָס", וואָס „פּאָרמאַן", וואָס „אָווער־טיים", וואָס „רענט", וואָס „לענדלאָרד", וואָס „קאָקרוטשעס", וואָס „דזשאָב", וואָס „בודעל", וואָס „גרעפּט", וואָס „פּאָליטישען", וואָס „שאַפּ", וואָס „קאָנסאָמפּשאָן", וואָס „קאָרופּציאָן", וואָס „לעק־טשור", וואָס „בלאָף", וואָס „לאָיער", וואָס „ריעל־עסטייט", וואָס „רעוורענד", וואָס „אדווערטייזמענט", וואָס „טריק", וואָס „ברעד ליין" און נאָך אַזוינע ווערטער. מיט איינציגע אויסנאַהמען איז אמעריקע בכלל אַזאַ מדינה, ווי אַלע מדינות. נאָר די אַלע זאַכען ווערען דאָ אָנגערופען מיט ענגלישע נעמען, און די אי־דען האָבען עס אַזוי איבערגענומען.

פון נאַטור וויים מען דאָ ניט. אַלעס ווערט דאָ געמאַכט: מען מאַכט אַ לעבען, מען מאַכט גליקען, מען מאַכט צו מופען, מען מאַכט צו סטאָפּען, מען מאַכט טראָבעל, מען מאַכט אַ דזשאָב, מען מאַכט געלט א. אַז. וו. פערשטעהט זיך, אַז ניט אַלע מאַכען גלייך און ניט יעדע זאַך, וואָס מען מאַכט, האָט אַ ממשות. נאָר ווען דער לענדלאָרד מאַכט צו מופען, איז געמאַכט, און ווען דער באָס מאַכט צו סטאָפּען, איז געסטאָפּט. אַ פּרע־זידענט און אַנדערע בעאַמטע פון לאַנד קלייבט מען דאָ אפילו, אָבער זיי זיינען אויך אַזוי גוט, ווי געמאַכט.

היינט איז דאָ אַ לאַנד פון שמחות, און אידען הוליען דאָ אויף וואָס די וועלט שטעהט. יעדער סעזאָן האָט זיינע שמחות. זומער הויבט זיך אָן אַ סדרה מיט פּיק־ניקס, עקסקוירשאָנס, אָוטינג־גיימס, אייז־קרים־פּאַרטיס א. ד. גל. ווינטער — בויערן־בעלער, סיוויק־בעלער, אַזוי בעלער, קאָנצערטען, מאַסקאַ־ראַדען, טעאַטער־בענעפיטס, „היימישע וועטשערינקעס" א. ד. גל. דאַן געהען ספּעציעלע יום־טוב'דיגע בעלער: פּסח־בעלער, איסטער־בעלער, ראש־השנה־בעלער, יום־כפור־בעלער, סכות־בעלער, קריסטמעס־בעלער, ניו־יעיר־בעלער, נאַוואַגאָדנע ביז־

לער, נאַווי־ראָק־בעלער, פורים־בעלער, סט. פּעטריק׳ס־בעלער... הכלל, מען הוליעט! ס׳איז ליהודים!...

און מיין ניט, אַז מען הוליעט דאָ גלאַט אין דער וועלט אריין, אַט אַזוי ווי די גוים, בלויז פון פערגעניגען וועגען, אָדער ווי מען זאָגט דאָ אין אַמעריקע: „האַבען אַ גוד טיים". ניין, ניין, מיין ליבער תלמיד! מען הוליעט דאָ מעהרסטענס לשם מצוה, ווער פון צדקה וועגען, ווער פון נאַציאָנאַליזם וועגען, ווער פון אַנאַרכיזם וועגען, ווער פון סאָציאַליזם וועגען א. אז. וו. מעהר פאר אַלעמען אָבער הוליעט דאָ דער ראַדיקאַלער און פּראָגרעסיווער עלעמענט. און איז מען אַ „איסט" פון וועלכער עס איז ראַדיקאַלער און פּראָגרעסיווער ריכטונג און מען וויל „אַנטייל נעהמען אין דער בעוועגונג", אַזוי האָט מען קיין אַנדער ארבייט ניט, ווי נאָר צו געהן אויף שמחות.

מיט מיין טור צו די סדרים האָב איך געהאַט גרויסענע צרות. איך בין פשוט געבליבען אָהן פּיס קלעטערענדיג איבער די טרעפּ פון די הויכע משונה׳דיגע מאַכינעס, וועלכע מען רופט דאָ אַן טענעמענט־הייזער. הײנט בין איך נאָך דערצו „גרין", האָב איך שוין גענוג געטאַפּט די ווענט. אין די גע־מישטע טענעמענט־הייזער, דאָס הייסט, אין די הייזער, וואו עס וואוינען „מיקסד", אידען, איטאַליענער, איירישע, האָב איך מיר געמאַכט אַ סימן, אַז דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ מזוזה, וואוינט אַ איד. אָבער מיין סימן האָט ניט אויסגעהאַלטען, וואָרים די לענדלאָרדס פון אידישען קוואַרטאַל האָבען אין די הייזער קיין מזוזות גאָרניט געזשאַלעוועט. און איך בין צוליב דעם אריינ־געפאַלען אין אַ היבש ביסעל איטאַליענישע און איירישע היי־זער. איין איירישער, וועלכער האָט זיך קענטיג געריבען זיינע גאַנצע יאָהרען אַרום אידען, האָט זיך אָנגעשטויסען, ווער איך בין, און דערזעהענדיג מיך, אַזוי האָט ער אויסגעשריען:

— דהי דזשואיש סט. פּעטריק!

אבער א געווינשטער גאסט בין איך געווען אין יעדען אי־דישען הויז. יעדער איד האט מיך אויפגענומען בכבוד גדול און געבעטען מיך, איך זאל אן איהם אויך ניט פערגעסען.

— איי, רבי אליהו! ווען איהר וואלט וויסען, ווי עס איז שווער צו מאכען דא ביי היינטיגע צייטען א לעבען! וואס א יאהר, ווערט אלץ ערגער... — האט יעדער געזיפצט.

— איך וויים, קינדערלעך! — האב איך יעדען געענט־פערט.

אלזא, ווי דו קענסט שוין פערשטעהן, מאכט מען אין אמע־ריקע אויך ניט קיין גליקען. זיי מיר דערוויל געזונט!

דיין רבי,

אליהו התשבי.

מזמור שיר לדעקאָריישאָן דעי.

אמת, איך בין א „האיפעניזירטער“ אַמעריקאַנער, ד. ה. חצי־איד און חצי־אַמעריקאַנער, אָדער ווי מען זאָל עס פילאָזאָפיש אָנרופען א סינטעטישער אַמעריקאַנער, יעדענפאַלס א פסול'ע סחורה, כאָטש ניט „מעיד אין דזשווירמעני“, דאָך זינג איך היינט א מזמור שיר לדעקאָריישאָן דעי און צוזאַמען מיט כל־אַמעריקע לעג איך בלומען אויף די קברים פון די געפאַלענע העלדען פון דעם בירגער־קריעג.

און זאָלען עס וויסען משה רבינו'ס יענקים, וועלכע געהען מיר נאָך אויף שריט און טריט און האַלטען אין איין וועקען אין מיר דעם אַמעריקאַנער פאַטריאָטיזם, און זיינען תמיד אין הויל־לע שרעק טאָמער כאַפּ איך זיך חם ושלום ארויס מיט א וואָרט, וואָס וועט שמעקען צו אידישליך, אָדער ניט אזוי טעמפּעלמע־סיג־יענקיש־פּאַטריאָטיש.

דעם אמת גערעדט, ווייס איך ניט, וואָס זיי ווילען פון מיר האָבען, אָט די משה רבינו'ס יענקים, וואָס פאַר א מין געטשקע איז דאָס אָט דער דאָזיגער אַמעריקאַניזם, צו וועלכען זיי ווילען, אז איך זאָל זיך בוקען.

אדרבא, רבותי, איהר זייט אפשר אביסעל לענגער אין לאַנד, ווי איך, טו זאָגט מיר טאָקע, איך בעט אייך, וואָס איז דאָס אזוינס אַמעריקאַניזם?

איהר וועט זאָגען, אַז אַמעריקאַניזם מיינט רעדען ענגליש? וועל איך אייך צוריק זאָגען, אַז צוליב דעם אַליין האָט אונז אסור געלוינט אַנצולעגען אַזוי פיעל וועג און צו בעצאָהלען אַזוי טייער פאַר דער יאַזדע. האָבען מיר דאָך בעסער געקאָנט פאָה־רען קיין ענגלאַנד, און אַזאַ יאָהר מיר, וואָס פאַר אַן ענגליש מען רעדט דאָרטען.

וועט איהר דאָך נעהמען קריכען אין הויכע דרכים און האַל־טען פאַר מיר אַ גאַנצע לעקטשור וועגען אַמעריקאַנער קולטור, וועל איך אייך גאָר זאָגען אַ סוד, אַז די אַמעריקאַנער קולטור האָבען מיר אַוועקגע׳הרג׳עט צוזאַמען מיט איהרע טרעגער די אינדיאַנער. איהר וועט דאָך ניט אָפּלייקענען, אַז די אמת׳ע טרעגער פון דער אַמעריקאַנער קולטור זיינען גאָר געוועזען די אינ־דיאַנער. און מיר האָבען אַהער גאָר געבראַכט די אייראָפּעאישע קולטור.

און אַז איהר וועט מיר נאָך אַלץ אַריין אין די ביינער און טענה׳ן דאָס אייערינע, „אַמעריקאַנער קולטור", וועל איך אייך זאָגען נאָך אַ סוד, אַז אַ קולטור ווערט ניט בעשאַפען אין אַ הונדערט יאָהר מיט עפּעס, ד. ה. פאַר דער צייט וואָס אַנקעל סעם איז אַ בעל־הבית פאַר זיך, דאָס איז ראָקאָפעלער נאָר אַזאַ בריה צו בעשאַפען אַ קולטור אין אַ פערהעלטניסמעסיג קור־צער צייט. איך וויים? אפשר מיינט איהר טאַקע ראָקאָפעלער׳ס מיליאָרדען־קולטור, און דאָס איז ביי אייך די אַמעריקאַנער קולטור? און אויב אַזוי, זאָג איך אייך אָפען, אַז איך קען זיך ניט אַמעריקאַניזירען. איך בין פשוט ניט בכח צו ווערען אַ ראָ־קאָפעלער. סיידען איהר מיינט, אַז מיין אַמעריקאַניזם זאָל בע־שטעהן בלויז אין כאַפּען התפעלות פון ראָקאָפעלער׳ס אוצרות און אַליין קייען די ערד! סיידען אַזוי.

אַמעריקאַנער קולטור מיט שטעט און שטעטלעך, וועלכע הייסען פאַריז, פעטערסבורג, וואַרשא, אַמסטערדאַם, לאָנדאָן, סאַקראַמענטאַ, האַמבורג, על פּאַזאַ און וועלכע ניט! שטעט

און שטעטלעך אנגעשלעפּט פון ארבע פּנות עולם, אנגע'גנב'עט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק, אויסער די נעמען, וואָס מען האָט גע'ירשנ'ט פון די אינדיאַנער, און נאָך טענה'ט איהר מיר אַלץ אַמעריקאַניזם! און נאָך זייענען די משה רבינו'ס יענקים אין כעס אויף דער חברה אנשי פּילווישאָק, און אויף דער קאָנגרעגיישאָן בני בוטשאַטש, און אויף די טימקאָוויצער יאַנג מען און אויף וועמען ניט! אויב סאַקראַמענטאָ איז אַמעריקאַניש, איז סאַמאַכוואַלאָוויטש אויך אַמעריקאַניש, בפרט אַז סאַקראַמענטאָ פערנעהמט דאָ אַ גאַנצע שטאָט אין דעם שעהנסטען ווינקעל פון אַנקעל סעם'ס מדינה, אין דעם גן־עדן פון קאַליפאָרניע, און די חברה אנשי סאַמאַכוואַלאָוויטש פערנעהמט סך הכל אַ קליין ווינקעל אין אַ פינסטערען האָל אויף העסטער סטריט. איך פרעג אייך אדרבא: וואו איז יושר?

איטליכער איז געקומען אהער מיט זיין קלומיק פון דער אַלטער היים. באשר די „מעיפלאַוער" איז געקומען אהער פריהער און האָט געבראַכט די ענגלישע קולטור, וועלכע האָט פערטריבען די האָלענדישע, וועלכע האָט פערטריבען די שפּאַנישע, וועלכע האָט פערטריבען די אינדיאַנישע א. אַז. וו., א. אַז. וו., ווי עס שטעהט אין חד־גדיא. איך וויל חלילה די „מעיפלאַוער"־קולטור פון דאַנען ניט פערטרייבען: עס איז ניט פאַר מיינע כחות און איך בין סך הכל אַ אידישער גזלן, וועלכער בעגנוגענט זיך מיט אַ שמעק טאַבאַק. איך וויל דאָ נאָר אַ שטיקעל פּלאַץ אויך פאַר מיין קלומיק, און אויב איך וועל גנב'ענען, גזל'ענען, מאָרדען, שווינדלען אין עלעקשאַן, און נאָך אַזעלכע פערברעכענס אַפּטאָן, זאָל מען מיך משפּט'ען נאָך די געזעצען פון דער מדינה. קיין מאַנאַרכיסטישע פערשווערונג געגען דער רעפּובליק, גלויבט מיר, וועל איך ניט מאַכען, און איינלאַדען ווילהעלמ'ען אהער, ער זאָל דאָ איבערנעהמען די ממשלה, וועל איך נעווים און נעווים ניט, אפילו ניט קינג דזשאָרדזש. איך וועל זיך

שטעלען אנטקעגען, אפילו ווען דער רעפּובליקאנישער פראנק־רייך זאל זיך פערגלוסטען צו מאכען פון אמעריקע א פראנצויזישע קאלאניע. אמעריקע וויל איך זאל בלייבען אמעריקע, און אין דעם פרט בין איך אן אמעריקאנער פּאטריאָט, און משה רבינו׳ס יענקים זאלען גארניט מורא האָבען, און ניט האלטען אין איין טאפּען מיין פּאטריאָטישען דופק און אין איין מינטערען מיך: „מיסטער, פערגעסט ניט, אז איהר זייט אן אמעריקאנער!"

ניין! מען דארף מיר ניט דערמאָנען, אז איך בין אן אמעריקאנער. איך ווייס עס אליין. ווען איך זאל עס וועלען טעארעטיש בעגרינדען, ניט פּעליעטאָניסטיש, וועל איך זאגען, אז אמעריקע איז פאר מיר א לאנד, ניט קיין פאלק, און דוקא א וואויל לאנד.

איך בין אן אמעריקאנער, און כאָטש מיינע אבות זיינען ניט געקומען מיט דער „מעיפלאוער", זינג איך דאָך היינט:

מזמור שיר לדעקאָריישאָן דעי!

און איך לעג בלומען אויף די קברים פון די אמעריקאנער פּאטריאָטען, וועלכע האָבען זייער לעבען אװעקגעגעבען פאר דער גאנצקייט פון דער רעפּובליק און פאר דער בעפרייאונג פון די נאך ניט בעפרייטע ניגערס, שלאָגענדיג זיך מיט אנדערע אמעריקאנער פּאטריאָטען, וועלכע האָבען די רעפּובליק געוואָלט צורייסען און די ניגערס אין שקלאפעריי האלטען.

מזמור שיר לדעקאָריישאָן דעי!

אָבער אלץ מיט מיין קלומיק אין האנט, מיט׳ן א י ד י־ ש ע ן קלומיק.

מזמור שיר לדעקאָריישאָן דעי!

אליין זינג איך עס, מיט מיין אייגענעם ווילען, אהן דעם פּריקאָז פון משה רבינו׳ס יענקים, און ניט מיט זייער הכנעה־פּאטריאָטישען ניגון.

אמעריקע איז א פרייע מדינה, „סוויט לענד אָוו ליבערטי", און מיט רעכט נעהמט זי זיך דערמיט איבער. היינט צו

וואס די הכנעה פון די דעספאטישע לענדער? לאמיר זיין פרייע און שטאלצע בירגער, ניט אין דרייען געבויגען זיך, ווי אין די „הנותן תשועה למלכים׳דיגע“ מדינות. לאמיר אוועקווארפען די מאנארכיסטישע שטיק, און זיין אמת׳ע רעפובליקאנער.

און משה רבינו׳ס יענקים זאלען ניט טורכען אונז אלע ווײלע אין די זייטען: „אידען, זייט פאטריאטען! אידען, זייט אמעריקאנער!“ דאס שמעקט מיט מסירה...

מזמור שיר לדעקארייששאן דעי!

און ניט גלאנצענדיג טעמפעלמעסיג מיט איין אויג צו קודשא בריך הוא, און הכנעה׳דיג מיט׳ן צווייטען אויג צו אונזערע שכנים, זיי זאלען זאגען, אז מיר זיינען „גוד באים“.

מזמור שיר לדעקארייששאן דעי — ווי פרייע בירגער, ווי אמת׳ע אמעריקאנער, ווי שטאלצע רעפובליקאנער!

1915.

וועגן מגילת רות.

די מעשה מיט רות, ווי בעקאַנט, האָט געטראָפען „בימי שפוט השופטים", דאָס הייסט, ווען עס זיינען שוין געווען דזשאַדזשעס אויף דער וועלט, און מיידלעך האָבען שוין געהאַט צו וועמען צו געהן מיט בריטש אָוו פּראָמים קייסעס. פער־שטעהט זיך, אַז נאָך יענער היסטאָרישער נאַכט, אין וועלכער מיר אין גלות נעביך דאַרפען גאָר תיקון־שבועות זאָגען, האָט בועז קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט חתונה האָבען מיט רות'ן.

אויך האָט די מעשה געטראָפען איידער נאָך עס איז גע־גרינדעט געוואָרען די אגודת הרבנים האורתודוכסים פון יוניי־טעד סטייטס און קענעדע, און מען האָט געמעגט טאָן שידוכים ניט נאָר מיט רעפאָרמערקעס און ראַדיקאַלקעס, נאָר אויך מיט פּראָסטע גוי'עס, ווי אין פסוק שטעהט: וישאו להם נשים מואביות וכו'.

און די מגילת רות לערנט אונז, אַז אויב עס איז בעשערט אידען צו לעבען און צו מוטשען זיך, העלפען קיין געמישטע הייראַטען אויך ניט. געמישטע הייראַטען! דאַכט זיך, די העכס־טע מדרגה פון אַמעריקאַניזם, צו וועלכער דזשייקאָב שיף אפילו האָט ניט דערגרייכט, און דאָך האָבען די אַלע געמישטע חתונות פון משה רבינו, מחלון וכליון, שמשון הגבור און אַז. וו., און אַז. וו., גיט געראַטעוועט דאָס אידישע פאָלק פון גלות!

און דאָס וויל איך טאַקע זאָגן, אַז דזשייקאָב שיף זאָל עס הערען: מה־דאָך געמישטע חתונות האָבען ניט פערניכטעט דאָס אידישע פאָלק, וועט ענגליש עס געוויס ניט פערניכטען. גיכער וועט דאָס אידישע פאָלק אוועק'הרג'ענען דאָס ענגליש, איידער דאָס ענגליש וועט אוועק'הרג'ענען דאָס אידישע פאָלק. אָט האָבען מיר דאָך אַ היסטאָרישען פאַקט, ווי אַזוי אידען האָבען אוועקגע'הרג'עט אַזאַ אמת גוי'אישע שפּראַך ווי מיטעל־הויכ־טייטש און געמאַכט פון איהר אַ אידישע שפּראַך, אויף וועלכער שיף איז אַזוי להרוג ולאבד.

אַז ענגליש קען מיט דער צייט חלילה האָבען דעם גורל פון מיטעלהויכטייטש, קען מען זעהן פון דעם ווערטעל „איש גע־ביבעל", וואָס האָט אַרויסגעשטויסען דעם „איי שוד וואָרי", און לויט די נייסטע אידישע שפּראַכפאָרשונג שטאַמט „איש געביבעל" פון „נישט געפידעלט". אמת, דאָס נייסטע העברעער־פאָלק וואָס שטאַמט אָפּ פון די „היסטאַדרוט איווריט", וויל האָבען, אַז „נישט געפידעלט" האָבען די אידישיסטען גע'גנב'עט פון דעם העברעאישען „לא פידלתי", און די צוויי־שפּראַכיגע ריכטונג זאָגט טאַקע „לא פידלתי" און טייטשט גלייך אָפּ: „נישט געפידעלט", כדי צו „געבען אַ שאַ" ביידע שפּראַכען. אָבער מיר ווילען אין דעם ויכוח וועגען העברעאיש און אידיש ניט אַריינגעהן. די פראַגע איז דאָ וועגען אידיש און ענגליש. און מיר זאָגען, אַז ענגליש ווערט ביסלעכווייז פעראידישט, און אַ חוץ „איש געביבעל" איז נאָך דאָ אַן „איי שוד ליוו סאָ", „טאָק טו הים און טאָק טו די וואָל" א. ד. גל.

נאָר וואָס וויל מען גלאַט פון אונז? מיר יוזען, דאָכט זיך פלענטי איינגעלש, נאָך מעהר וויפיעל אידיש. אונזערע באָיעס געהען אוים און פאָהרען אוים מיט מיידלעך און טריטען זיי און גיבען זיי אַ גוד טאַים און זיי אינדזשאָיען זיך און דערנאָך געהען זיי און נעהמען אַרוים מערידזש לאַיסענס און פיקסען איין רומס מיט פוירסט קלעס פאָרניטשע און מיט אַ לוקינג גלעס, און

דערנאָך האָט מען אַ בייבי און מען קויפט אַ בייבי קערידזש מיט אַ נאָים קערידש קאָווער. אדרבא זאָל שיף אַראָפּ אויף גרענד סטריט, וועט ער זעהן, אז מיר יוזען מעהר איינגעלש, ווי די איטאַליענער און די דייטשען אפילו.

אָט דאָס איז דאָך, וואָס איך טענה, אז ווען עס איז בעשערט צו מוטשען זיך, העלפט ניט קיין קלינגען זיך.

פון ווענען דאָרף אַרויסקומען דוד דער תהילים־זאָגער? פון רות'ן! הייגט געה זיי אַ חכם! וועט איהר דאָך זאָגען, אז רות האָט זיך מגייר געווען? אָבער מיר קענען דאָך זיי, די ראָמאַנטישע גרים, די איטאַליענער, וואָס זיינען זיך מגייר צוליב אידישע מיידלעך, און די איירישע שיקסעס, וואָס זיינען זיך מגייר צוליב אַ אידישען „פעי־ענוועלאָפּ", אָדער „פיידע", ווי מען זאָגט אין פליין אידיש. זי ווייס, די איירישע שיקסע, אז אַ אידישער „פעי־ענוועלאָפּ" פערבלאָנדזשעט ניט אויפ'ן וועג אין סאַלון, נאָר ער קומט גלייך אַהיים. און רות האָט אויך געוואוסט, אז זי וועט האָבען אַ גוט לעבען פאר דעם אידישען פּאַמעשטשיק בועז. אמת, אַן עלטערער מענש... מילא, איז דער איינציגער אומגליק, וואָס זי וועט בלייבען אַ יונגע אלמנה מיט אַזאַ גרויסען מאַיאָנטעק. רות האָט געוואוסט איהרע ביזנעס!

אַ טייערע מגילה, די מגילת רות! איך רעקאָמענדיר אַלעמען זי צו לייענען.

פּאָלעמישעס.

זאָל מען פערגרעסערן דעם טאָג?

איהר האָט דאָך מסתמא געהערט פון דעם פּלאַן גרעסער צו מאכען דעם טאָג אויף א שטונדע?

דער פּעטענט איז א גאַנץ פּליינער: מען וועט חלילה ניט דארפען עקספּלואטירען די ארימע, אויסגעמאטערטע זון און צווינגען זי צו ארבייטען פאר דער מענשהייט מיט א שטונדע לענגער, נאָר מען וועט נעהמען און א רוק טאָן דעם זייגער, און ער וועט אייך שוין אויפוועקען מיט א שטונדע פריהער צו דער ארבייט, און טרייבען אייך מיט א שטונדע פריהער אין בעט אריין.

מען האַלט דאָס פאר א גוואַלדאָוונעם עקאָנאָמישען אויפטו: די מענשהייט וועט, נעמליך, דורך א גרעסערען טאָג שפּאָרען גאַז און עלעקטרישע בעלייכטונג.

איך האָב גראָד גערעדט וועגען דעם מיט סעם דעם קלאָוקס־אפּרייטאָר, און אלס קלאַסענבעוואוסטער ארבייטער האָט ער מיר ערקלערט, אז דאָס איז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי א קאפּיטאליסטישער טריק, און ער איז דערפאר געגען רוקען דעם זייגער.

— וואָס ארט מיר פאר די באָסעס? — האָט ער שטאָלץ אויסגעשריען. — זיי ווילען שפּאָרען א שטונדע גאַז און עלעק־

טריק אין די שעפּער, טו זאָלען זיי סטאָפּען מיט א שטונדע פריהער די ארבייט, און ניט אוועקרייסען ביים אָרימען ארביי־טער א שטונדע אומזיסטע זונען־ליכט, וואָס ער קען עס פער־גיצען פאַר זיך אליין!

איך אליין זעה אפשר ניט אין דעם א קאַפּיטאליסטישען טריק, אָבער איך פרעג אַן אַנדער זאַך: וועמען נארען מיר דאָ אָפּ? אויף וועמעס חשבון ווילען מיר דאָ פערגרעסערען דעם טאָג? ביי וועמען גנב'ענען מיר אָריין די שטונדע, אויב ניט ביי זיך אליין?

אויב שוין יאָ נארען זיך אליין, האָב איך א בעסערען פּלאַן, ווי צו פערגרעסערען דעם טאָג, ניט אויף איין לומפּיגער שטונ־דע, נאָר מאַכען איהם נאָך אמאָל אזוי גרויס: לאָמיר פשוט קלע־נער מאַכען די שטונדען; לאָמיר א האַלבע שטונדע רעכענען פאַר א שטונדע, וועלען מיר האָבען א גרויסען טאָג, ניט בע־גנב'ענענדיג די אָרימע נאַכט, וועלכע דאַרף אונז זיין ניט ווע־ניגער ליב, ווי דער טאָג, משום כמה טעמים.

פּליז, גוטע מענשען, רוקט ניט דעם זייגער! אָנשטאָט דעם זייגער גיט בעסער א רוק די מענשהייט פאָרווערטס, ווי מען רופט עס. יאָ, גיט א רוק די מענשהייט, וואָרים אחוץ גען־בילס האָבען מיר נאָך אויך צו צאָהלען בוטשער־בילס און גראָסערי־בילס און אויך רענט דעם לענדלאָרד, ביי וועלכען, אגב אורחא, דער מאָנאט וועט בלייבען דערזעלבער „סאַיז“, ניט אַכ־טענדיג אויף דעם, וואָס דער „סאַיז“ פון טאָג וועט זייגעריש פערגרעסערט ווערען.

האָט איהר עפּעס בעסערע רעפאָרמען, ווי אויפצואוועקען אונז מיט א שטונדע פריהער?

דערציהען אָדער ערציהען?

האָט איהר געהערט פון דער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס צוועק צו ד ע ר צ י ה ע ן אונזערע קינדער

אנשטאט צו ע ר צ י ה ע ן זיי — איך מיין די בעוועגונג פון פאנעטיזם, וועלכער דערגרייכט ביז צו פאנאטיזם?

אין פלוג איז דאס א גאנץ פראגרעסיווע בעוועגונג, ווייל זי וויל בעפרייען אונזער ארימען אידיש פון דער דייטשער הער־שאפט, וועלכע צווינגט אונזער געעהרטען דר. שמריהו לעווין און אויך דעם געעהרטען ראובן ברייני,ביידע העכסט אנשטענ־דיגע ליטוואקעס, צו שרייבען ש פ ר א כ ע אנשטאט ש פ ר א ך. היינט וואס דאס ארימע אידישע טהעאטער האט פון קדמונים נאך אויסצושטעהן פון דער דייטשער הערשאפט, ווייסען דאך אלע.

און ס'איז טאקע א חידוש גדול, וואס די „עליים" האבען אין זייערע פרידענס־בעדינגונגען ניט אריינגעשטעלט אויך די בעדינגונג, אז אויך אידיש מוז בעפרייט ווערען פון דער דייר־טשער הערשאפט. ניין אפשר?

נאר איז דאס דען דאס ערשטע מאל, וואס מען פערזעהט אונז אידען? אבער דאס האט ניט צו טאן מיט אונזער איצטי־גען ענין, וועלכער איז א פילאלאגישער און ניט קיין פאליטי־שער. איך האב נאר געוואלט בעווייזען, אז די „דערציהערישע" בעוועגונג איז אנטי־דייטשיש און דארום אויך פראגרעסיוו, ווי יעדער אנדער זאך, וואס איז געגען דייטשלאנד.

אבער ווי זאגט מיין פריינד שלמה־זלמן: יא דייטש, ניט דייטש — א קינד מוז מען ע ר צ י ה ע ן, ניט ד ע ר צ י־ה ע ן. דערציהען, זאגט ער ווייטער, קען מען נאר דערציהען זא־כען, וואס זיינען ווי א לאסט אויפ'ן מענשען — צום ביישפיל: דערציהען די יאהרען. האב איך איהם אפילו געזאגט, אז קינ־דער זיינען אויך נישקשה פון א לאסט. האט ער מיר געזאגט: וועל, אויב מען וויל זיי אבער געבען א רעכטע ערציהונג, מוז מען זיי ע ר צ י ה ע ן, ניט ד ע ר צ י ה ע ן. און די, זאגט ער, וואס ווילען באמת ערציהען די אידישע שפראך, זיינען

פריינדליכסט געבעטען רחמנות צו האבען אויף איהר און ניט דערציהען איהר די יאהרען.

הויפטזעכליך, זאגט ער, דארף מען וויסען, אפילו אין פילאלאגיע, וואו דער חמר שטעהט, און שטעהט דער חמר אין שטאל, מעג ער אפילו זיין א דייטש, מוז ער אלץ בלייבען א חמר.

ניט אזוי אפשר, אונזערע גרויסע דערציהער?

וועגען זעלבסטמארד.

איך האב געלייענט אין די פייפערס, אז עס האט זיך גע־גרינדעט א סאסייעטע אזא, וואס זאל אפהאלטען מענשען פון צו בעגעהן זעלבסטמארד. פליינער גערעדט: צו סטאפען זעלבסטמארד, און יעדער איינער זאל מוזען אויסלעבען זיין ביסעל יאהרען, סיידען עמיצער אנדערש וועט אויף איהם רחמנות האבען און ערמארדען איהם, אדער עס וועט זיך אונטעררוקען א קראנקהייט ר"ל אדער א קאר, אדער א טריין, אדער אן אטא־מאביל א. ד. גל.

אז איך האב דאס איבערגעלייענט, בין איך גלייך אוועק צו מיין לאנדסמאן שלמה־זלמן, און מיר האבען ביידע ארומ־גערעדט די זאך באריכות, און מיר האבען צוויישטימיג בע־שלאסען, אז עס וועט זיין אן אמת'ע מערדעריי פון דער סאסייע־טע אפצוסטאפען זעלבסטמארד. ווי איז פונדעסטוועגען פארט, פרעג איך צוזאמען מיט מיין לאנדסמאן שלמה־זלמן, אז איינער וויל בעגעהן זעלבסטמארד, זאל ער געהן דינגען א גענגסטער, וואס זאל איהם אפראמען פון וועג? און דאן קען מען נאך איהם משפט'ען פאר דינגען א גענגסטער אויף צו הרג'ענען א מענשען, מעג דער מענש זיין ער אליין! און ער קען גאר געהן אויפ'ן עלעקטריק טשער צוזאמען מיט'ן גענגסטער, אזוי ווי דאס גע־זעץ לויטעט. איז וואס האט מען דאן אויסגעפיהרט? אונטער

דעם זעלבסטמאָרד־סיסטעם קומט נאָר איין מענש אום, און דאַ וועלען צוויי מענשען אומקומען!

אַפּצוסטאָפּען זעלבסטמאָרד, טראַכטען מיר ווייטער, הייסט דאָס ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי צו מאַכען דאָס לעבען אַזוי זיס, אַז עס זאָל זיך פון איהם בשום אופן ניט וועלען אַנטלויפען. ווי מאַכט מען אָבער זיס דאָס לעבען? צוקער אַנשיטען אין איהם? אַ באָקס קענדי געבען אַלס פּרעמיום צום לעבען?

איהר זאָגט, אַז אַרבייט מאַכט זיס דאָס לעבען? אָבער מיין לאַנדסמאַן שלמה־זלמן, וועלכער איז סאָציאַליסטיש געשטימט, כאָטש ער שטימט ניט סאָציאַליסטיש (עס זיינען דאָך דאָ אַזעלכע סאָציאַליסטען!), זאָגט, אַז אַרבייט מאַכט זיס דאָס לעבען, אָבער ניט פאַר׳ן אַרבייטער.

מיר שטימען ביידע איין מיט דער אַנטי־זעלבסטמאָרד סאָסייעטע, וועלכע רופט זיך „סעיוו־עי־לאַיף־ליג“, אַז דער דלות איז דער גרעסטער זעלבסטמאָרד־אַגיטאַטאָר, און מיר וועלען זיי דאַנקען פון טיפען האַרצען, אויב זיי וועלען איהם מאַכען צו מופען. מיר שטויסען זיך אָן, אַז צו וויט וועלען זיי ניט געהן, און העכסטענס וועלען זיי איין אָרימאַן אונטערקויפען מיט אַן אַלטגעבאַקענעם זעמעל, כדי ער זאָל האָבען חשק צו לעבען און צו האָפען אויף נאָך אַ זעמעל. אָבער וואָס וועלען זיי טאָן, אַז דער אָרימאַן וועט ניט וועלען בעגעהן זעלבסטמאָרד, נאָר ער וועט גלאַט אָוועקשטאַרבען פון הונגער? זיי זוכען דאָך נאָר צו בעקעמפען ז ע ל ב ס ט מ אָ ר ד, אָבער ניט דעם ט ו י ט. מעג ער אפילו זיין אַ הונגער־טויט. און ווי איז דער דין מיט אַ באַנקיר, וואָס פערגעמבעלט געלט פון דעפּאָזיטאָרס און איהם בלייבט נאָר איבער אַ פּאָר טאָלער אויף צו קויפען אַ פערזשאַווערטען רעוואָלווער? און וואָס וועלען זיי טאָן מיט אַ זעלבסטמערדער, וואָס וויל נאָר סיידי׳ן און ניט קיידי׳ן? און צום סוף פרעגען מיר: וואָס וועט די סאָסייעטע טאָן, אַז דער זעלבסטמערדער וועט איהר ניט אָנזאָגען, אַז ער בעגעהט זעלבסט־

מארד? און ווען איינער וועט שוין יאָ זיין אַן אַנשטענדיגער מענש און אַנזאָגען דער סאָסייעטע, אַז ער וויל בעגעהן זעלבסט־מאָרד, פון וואַנען וועט זי וויסען, אַז ער בלאָפט איהר ניט, אַז ער וויל נאָר אויסנאַרען אַ לעבעל ברויט?

ניין, דער גאַנצער פּלאַן געפעלט אונז ניט. נאָר מיר האָפען, אַז קיינער וועט ניט ערמוטיגט ווערען פון אונזערע אַרגומענטען פאַר זעלבסטמאָרד. אויב עמיצער וויל בעגעהן זעלבסטמאָרד, זאָל ער עס געזונטערהייד טאָן אויף זיין אייגענע אחריות, און ניט זאָגען, אַז מיר האָבען דאָס איהם צוגערעדט.

וועגען אָפענע פענסטער.

די מעדיצין, ווייסט איהר דאָך, הייסט האַלטען אָפען די פענסטער. אָפענע פענסטער, זאָגט זי, איז געזונט.

מילא, דאָס איז דאָך דער מעדיצינישער שטאַנדפונקט, וועלכער איז אַגב־אורחא ניט ש ט א ג ד האַפט און ניט פ י נ ק ט ליך, און ווען ס'איז קאַלט, האַלט אפילו אַ דאָקטאָר פערמאַכט די פענסטער ביי זיך אין הויז. אָבער ס'איז דאָ גענוג אַנדערע שטאַנדפונקטען, וועלכע קענען אפשר זיין געגען אָפענע פענסטער.

פון אַרכיטעקטאָרישען שטאַנדפונקט:

פענסטער זיינען געמאַכט געוואָרען, כדי צו פערמאַכען זיי, ניט, כדי צו עפענען זיי. וואָרום ווען ניט, צו וואָס האָט מען זיי אינגאַנצען געדאַרפט מאַכען? מען האָט דאָך פּשוט געקענט אויסהאַקען עטליכע לעכער אין הויז אַנשטאָט די פענסטער, און עס וואָלט פערשפּאָרט געווען צו אַגיטירען פאַר אָפענע פענסטער. איי, טאָמער וועט אַן אַנדער געגנער פון פרישע לופט פערשטאָפּען די לעכער מיט שמאַטעס, נו, קען מען דאָך אינגאַנצען מאַכען די הייזער אָהן ווענט, און מענשען וואָלטען דאַן מיט גוואַלד מוזען שעפּען פרישע לופט!

פון קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפונקט:

ס'איז געווען א צייט, ווען מענשען זיינען געווען גאר ווילד, האבען זיי זיך ארומגעשלעפט אונטער'ן פרייען הימעל און האָ־בען געהאט געגוג פרישע לופט. אז זיי זענען געוואָרען ציווי־ליזירטער, האבען זיי גענומען בעהאלטען זיך פון די פרישע לופט אין היילען און אין נאָרעס. אז זיי זיינען געוואָרען נאך ציווי־ליזירטער, האבען זיי גענומען בויען צובּיסלעכווייז הייזער, ביז זיי האבען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון דער ציוויליזאציע — פערמאכטע פענסטער. אלזא, זעהען מיר, אז די געשיכטע פון דער מענשהייט איז א קאמף מיט פרישע לופט, און צו הייסען עפענען די פענסטער הייסט דאס צוריקקעהרען זיך צום אמאליגען פרימיטיוועז, ווילדען צושטאנד.

געגען דעם איז אויך דער פראגרעסיווער שטאנדפונקט. מיר מוזען געהן פארווערטס, ביז די פרישע לופט זאל פערטריבען ווערען אין אל־די פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער און אויך אין די סאניטאריומס.

און צולעצט פון סאציאל־עקאנאמישען שטאנדפונקט, מוז מען זאגען, אז צו פרישע לופט מוז מען האבען א געזונטען קערפער מיט א סך בלוט, אניט קען מען די קעלט ניט פערטראָ־גען, ווארים פרישע לופט און קעלט געהען דאס רוב האנט אין האנט. עך, הערר דאקטאר, וואו נעהמט מען א גוטען, נאר־האפטען מאלצייט מיט א פאר וואלענע אונטערוועש מיט רעכ־טע בגדים, אום צו קענען פערדייהען די פרישע לופט?

ניין, פרישע לופט איז ניט פאר קבצנים, וועלכע האבען אויף זייער קערפער ניט מעהר ווי הויט און ביינער!

.1916

כאנדריקעווע.

א דאנק דער מלחמה האט כאנדריקעווע זוכה געווען דערמאנט צו ווערען אין די אפיציעלע קריעגס־בעריכטען און ווערען א געאגראפיש־סטראטעגישע בעריהמטהייט, איבער וועלכער די רוסען און די דייטשען האבען זיך אהן רחמנות געשלאגען.

פריהער האט די געאגראפיע ניט געוואלט וויסען פון כאנדריקעווע, און אין פרידענסצייטען וואלט איהר זי אסור געפונען אויף דער לאנד־קארטע: א פערווארפען קליין שטעטעלע, כמעט ווי א דערפעל, ערגעץ אין דער ארימער ליטע, ווי קומט זי צו א לאנד־קארטע?

כאנדריקעווע איז אפילו אין דער אייגענער גובערניע ניט געווען פאפולער. דערפאר איז זי פאפולער געווען אין אמעריקע, א לאנגע צייט פריהער, נאך איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען און האט זי פון דער וועלט אפגעווישט.

פאפולער אין אמעריקע? איהר וואונדערט זיך? יא, נאך ווי פאפולער! א וועלט־מאכט איז כאנדריקעווע געווארען אין קאלאמבוס'עס מדינה מיט פיעלע קאלאניעס, ווי איהר וועט ווייטער זעהן, רבותי! א געזונט טאקע צו קאלאמבוס'ען! ביי איהם ארבייט זיך אפילו א כאנדריקעווע ארויף, און אהן בלוטפערגיסונג, אהן מלחמות. ס'איז געווען א פשוט'ע פרידליכע קאלאניאל־פאליטיק, וואס כאנדריקעווע האט דא געפיהרט דורך איהרע לאנדסלייט. ביסלעכווייז האט זי דא איינגענומען איין

פאזיציע נאך דער צווייטער, ביז זי האט זיך פערשפרייט אין דער לענג און אין דער ברייט איבער'ן גאנצען לאנד.

צוערשט איז מען אין קאלאמבוס'עם מדינה געוואהר געווארען פון כאנדריקעווע דורך דער „חברה אנשי כאנדריקעווע נוסח האריז"ל", וועלכע האבען עד היום נאך זייער שוהל אויף דער איסט סייד אין א האל בשותפות מיט א לאקאל פון א יוניאן און אן אנארכיסטישע גרופע. די גרינדער פון דער דאזיגער חברה זיינען דאס געווען די ערשטע אימיגראנטען, פיאנירען הייסט עס, מק"ק כאנדריקעווע, וועלכע זיינען געפאהרען זוכען פרנסה קיין אמעריקע. זיי זיינען געווען פערברענטע ליבאווי־טשער חסידים, און ווי עס איז נאר געווארען א מנין כאנדריקע־ווער חסידים, אזוי האבען זיי געמאכט א חברה און אנגעהויבען צו דאווענען אין אמעריקע בצבור על פי נוסח האריז"ל.

כאנדריקעווע אבער בעשטעהט ניט דורכאויס פון ליבאווי־טשער חסידים. עס זיינען דארט פאראן אויך א היבש ביסעל מתנגדים, און די מתנגדים דארטען זיינען אויך ניט קיין גרויסע גבירים, און אויך זיי האבען אנגעהויבען פאהרען קיין אמעריקע זוכען פרנסה.

די ערשטע מתנגדים־אימיגראנטען מק"ק כאנדריקעווע האבען די ערשטע צייט געמוזט, נעביך, פינסטערן אין גלות ביי זייערע אויסגעגרינטע חסידי'שע לאנדסלייט און דאווענען נוסח האריז"ל. אזוי שנעל אבער ווי זיי האבען זיך ארויפגעארבייט אויף א מנין כאנדריקעווער מתנגדים, האבען זיי געמאכט אן אייגענע חברה „אנשי כאנדריקעווע נוסח אשכנז" און האבען גאר פרייער אפגעאטעמט.

די ערשטע צייט איז די אמעריקאנער כאנדריקעווע גע־ווען קאנצענטרירט אויף איין סטריט דאון־טאון, לאמיר זאגען: „מאנראל סטריט", און די דאזיגע סטריט איז געווען פאפולער אפילו אין דער ליטווישער כאנדריקעווע. יעדער כאנדריקעווער אין כאנדריקעווע גופא האט געוואוסט, אז ער דארף פאהרען

ניט קיין אַמעריקע און אפילו ניט קיין ניו־יאָרק, נאָר קיין „מאָנעראַל סטריט".

שפּעטער אָבער האָט ק"ק כאַנדריקעווע פון ניו־יאָרק זיך אָנגעהויבן צו בעוועגן — כאָטש קיין גאַלוועסטאָנער בעוועגונג איז נאָך דאַן ניט געווען — און האָט גענומען מופען אַפּטאַון, קיין האַרלעם און אפילו קיין בראָנקס, און אויך קיין ברוקלין און בראַנזוויל. אָבער כאַנדריקעווער פערגעסן ניט, אַז זיי זיינען כאַנדריקעווער, וואו זיי זאָלן ניט זיין, און אַרויסמופענדיג פון דער דאַון־טאַונער סטריט, האָבן זיי זייער כאַנדריקעווער פּאַטריאָטיזם מיט זיך גענומען אויף די נייע ערטער און געגרינדעט נייע כאַנדריקעווער חברות.

דאָ מוז בעמערקט ווערן, אַז דאָס איז נאָך געווען פאַר די רדיפות אויפ’ן הייפעניזם, ווען אפילו רוזוועלט פלעגט אַדרעסירן די כאַנדריקעווער ערב־עלעקשאָן: „מאַי פעלאָו סיטיזענס, כאַנדריקעווער־אַמעריקענס!" דענסטמאָל איז געווען „כאַנדריקעווע פוירסט", ניט „אַמעריקע פוירסט". איצט קערען מיר זיך צוריק צום ענין:

כאַנדריקעווע, דאַרפט איהר אָבער וויסען, האָט אַחוץ שוהל־אידען אויך יונגוואַרג, פּראָגרעסיסטען און ראַדיקאַלען מכל המינים. די ערשטע צייט איז די פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלע אימיגראַציע מק"ק כאַנדריקעווע ניט געווען אַזוי שטאַרק (די ט אַ ט ע ס זיינען נאָך אַלץ געפאָהרען), און דאָס ערשטע הייפעלע פּראָגרעסיוו ראַדיקאַלע אימיגראַנטען האָבן זיך אָרגאַניזירט דאָ אין אַ פעראיין אונטער’ן נאָמען „פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַל אינדעפּענדענט יאָנג פּיפּל אָוו כאַנדריקעווע".

וואָס אַמאָל אָבער איז דער פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלער עלעמענט פון כאַנדריקעווע געוואָרען אַלץ שטאַרקער און גרעסער אין ניו־יאָרק און זיי האָבן זיך גרופּירט לויט זייערע אנשויאונגען און פּאַרטיי־פּראָגראַמען. ביסלעכווייז איז אויסגעוואַקסען

געוואָרען גאָט אַזאַ מין צעטעל פון קאַנדריקעווער פּראָגרעסיווע פעראיינען:

קאַנדריקעווער ברענטש פון „בונד“, קאַנדריקעווער ברענטש פון די ס. ט., קאַנדריקעווער ברענטש פון די פּועלי־ציון, קאַנדריקעווער גרופּע פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, קאַנדריקעווער הילפס־פעראיין פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, קאַנדריקעווער אַנאַרכיסטישע גרופּע, קאַנדריקעווער פּראָגרעסיווער ברענטש אַרבייטער רינג 0000, קאַנדריקעווער ברענטש 000 אידיש נאַציאָנאַלער אַרבייטער־פערבאַנד, קאַנדריקעווער יאָנג מענס ענד יאָנג לײדיס, קאַנדריקעווער יאָנג פרענדס אַסס'ן און שוין דער אויבענדערמאָנטער פעראיין „פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַל אינדעפּענדענט יאָנג פּיפּל אָוו קאַנד־ריקעווע,“ דער ערשטער פעראיין וועלכער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר'ן פּראָגרעסיווען געדאַנק פון קאַנדריקעווע אין אַמעריקע.

היינט דאַרפט איהר נאָך וויסען, אַז קאַנדריקעווע האָט אויך אַ טאַלענט צום זינגען, צום דעקלאַמירען, צום פּאַרלעזען און צו אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער טעאַטער־קונסט. דער רע־זולטאַט דערפון זיינע די פעראיינען: פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק סוירקל אָוו קאַנדריקעווע און בעטהאָווען מיוזיקעל סינגינג סאָסייטי אָוו קאַנדריקעווע.

היינט, וואו איז נאָך נוארק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, שיקאַגאָ און אַלע אַנדערע שטעט אויסער ניו־יאָרק, וואו די קאַנדריקעווער האָבען זיך פערשפּרייט? און וואו נאָר אַ קאַנדריקעווער האָט זיין פוס געשטעלט, איז אַ חברה אָדער אַ פעראיין גע־וואָרען.

עס איז אויך דאָ נויטיג צו בעמערקען, אַז קאַנדריקעווע, אַ דאַנק איהר יונגען עלעמענט, האָט זוכה געווען געדרוקט צו ווערען אין ענגליש אויף פּאָוסטערס, אויף וועלכען עס ווערען אַדווערטייזט די בעלער און קאָנצערטען פון די קאַנדריקעווער

פעראײנען. אײן פּאָוסטער אזא האָט זאָגאר פערבלאָנדזשעט אין אַ פענסטער אין אַ געהויבענער, אריסטאָקראַטישער סטריט, וואו אַ כאַנדריקעווער לאַנדסמאַן האַלט אַ סטײשאָנערי און סי־גאר סטאָר. עס זײנען שוין דאָ אַ היבש ביסעל אַמעריקאַניזירטע כאַנדריקעווער, און איהר ווײסט דאָך, אַז ענגליש האָט טראַ־בעל מיט׳ן „כף“, איז כאַנדריקעווע ביי זיי שוין געוואָרען „טשאַנדריקעווע“.

אָט אזוי ווי איהר זעהט, איז כאַנדריקעווע ארויסגעקראָ־כען פון איהר ליטווישער בלאָטע און האָט זיך ארויפגעאַרבײט אין אַמעריקע.

דער אַמעריקאַנער כאַנדריקעווע אָבער געהט ניט אײן איהר גאַנצע גדולה, ווען זי דערמאָנט זיך, וואָס פון דער אָריגינעלער כאַנדריקעווע איז איצט געוואָרען. די אַמעריקאַנער כאַנדריקע־ווע וואָלט עפּעס וועלען טאָן פאַר דער אָריגינעלער כאַנדריקע־ווע, אָבער איהר ווײסט דאָך, אַז זי קען זיך ניט אײניגען און האַלט זיך אין אײן אַרומרײסען און שפּאַלטען זיך אין נאָמען פון אחדות.

א הספד נאָכ'ן אינדיק.

(לכבוד טהענקס־גיווינג־דעי).

אָט ליגט ער פאַר מיר אויסגעצויגען אויפ'ן פּאַלומעסאָק מיט'ן פּופּיק ארויף, במחילה, דער גרויסער האָלדער־האָלדער־העלד, דער שטאָלץ און ליבלינג פון אָנקעל סעם, וועלכער ליגט היינט ביי אַלעמען אין די מיילער פון איין עק־לאַנד ביז'ן צווייטען.

דער סוף פון דעם אינדיק! ווי לאַנג, דאַכט זיך, איז דאָס געווען, ווי ער האָט געמיינט, אַז „אני ואפסי אין עוד", אַז דער פּאַרמער איז ניט מעהר ווי זיינער אַ משרת, וועלכער איז בע־שאַפען געוואָרען נאָר איהם צו שטאָפּען מיט כל טוב? ווי לאַנג איז דאָס געווען, ווי ער האָט וואַזשנע אַרומגעשפּאַצירט גאוה־דיג אויפ'ן פאַרם, געבלאָזען זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט, געטוירקי־טראָטעט מיט זיין אינדיטשקע און געהאָלדערט אויף זיין אינדיק־לשון, מיינענדיג, אַז דער דאָזיגער האָלדער־לשון איז דער שעהנסטער און דער בעסטער אין דער גאַנצער וועלט און אַז דער האָהן (אויך נישקשה פון אַ בעל־גאוה...) מיט זיין קוקוריקו דאַרף זיך אין קאטוך בעהאַלטען?

ווי לאַנג, ווי לאַנג איז דאָס געווען? טעג, ניט קיין יאָה־רען, סיידען ער איז פון דעם קאָלד סטאָרעדזש סטאַק... און היינט ליגט ער, דער גבור, דער העלד, אַ געבראָטענער אויפ'ן מזבח פון דעם מענשליכען אַפּעטיט!

אהא, דער מענשליכער אפעטיט! קיין זאך איז פאר איהם ניט צו קליין. אלעס קען ער פערדייהען...

איך קוק אויף איהם, אויפ'ן געבראטענעם אינדיק, די סלי־נע רינט מיר (אויך א זינדיגער מענש ווי אלע — וואס קען איך העלפען?) פאר גרויס תאוה, און אין הארצען קוועטשט מיר פאר גרויס רחמנות... עס ווילט זיך מיר איהם מספיד זיין פון וועגעטאריאנישען שטאנדפונקט און אויסשרייען: „מענשען! וואס האט איהר געהאט צום ארימען אינדיק? צער בעלי־חיים! א רחמנות אויפ'ן אינדיק! גזלנים, רוצחים, אינדיק־פרעסער! קראנק זייט איהר גראז צו עסען? וואס איז דער אינדיק שולדיג, אז איהר האט פראספעריטי דאס יאהר געהאט (מישטיינס גע־זאגט...) און איהר ווילט גאט דאנקען דערפאר? וואס האט ער צו טאן מיט אייער פראספעריטי, מיט אייער גאט דאנקען, מיט אייער צבועצטווא?"

נאר איך וויל ניט בעשולדיגען און פערדאמען די גאנצע מענשהייט סך הכל צוליב אן אינדיק. צער בעלי־חיים? א רחמנות אויפ'ן אינדיק? זאל ער ווארטען אביסעל, דער אינ־דיק! "טשאריטי בעגינס עט האום", זאגט אנקעל סעם, און ער איז טאקע גערעכט. אויב עס האנדעלט זיך דא נאר וועגען רחמנות, וועגען צער בעלי־חיים, זיינען מיר מענשען בילכער ווי דער אינדיק.

ניין, טייערער אינדיק! דו קענסט נאך קיין יושר ניט מאנען ביי אונז. דער בחיר פון אלע בעשעפענישען, ד. ה. זיין מאיעסטעט דער מענש, איז נאך ניט ארויס פון דער מדרגה פון קאניבאליזם, און דו וועסט דאך אליין מוזען צוגעבען, טייערער אינדיק, אז עס איז עפעס א צו גרויסער שפרונג פון קאניבאליזם צו וועגעטאריאניזם. עס מוז געהן בהדרגה; עס מוז נעהמען צייט. דערווייל האלטען מיר ערשט ביים צוואנציגסטען יאהר־הונדערט. נאך קיין צוויי טויזענט יאהר ניטא, ווי די מענשהייט מענשעלט זיך, מיין איך קריסטעלט זיך...

נאַרישער אינדיק וואָס דו ביסט! יאָ, נאַרישער... דאָס איז דער איינציגער שבח, וואָס איך קען אויף דיר זאָגן. מיט טענות, מיט תביעות קומסטו צום מענשען! אויף זיין אייגענעם מין האָט ער, דער מענש, קיין רחמנות ניט, ווילסטו, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף ווילד־פרעמדע ברואים! ווייסטו דען ניט, אַז אויף איין אינדיק ווערען ביי היינטיגען טאָג אָם וועניגסטען צעהן מענשען דער'הרג'עט? איך האָב ניט קיין גענויע סטאַטיסטיק, אָבער איך בין זיך אַזוי משער, און איך גלויב, אַז עס איז קרוב אל האמת, אויב ניט מעהר. יעדענפאַלס איז אַ מענש אַ סך, אַ סך ביליגער פון אַן אינדיק, און דערמיט אַליין מעגסטו זיך שוין, דו נאַרישער אינדיק, איבערנעהמען.

ביז דיין קומען אויפ'ן טעלער האָסטו לכל הפחות פון אַ לעבען געוואוסט. קיין דאגות פרנסה האָסטו ניט געהאַט. פון אַלע זייטען האָט מען דיך געשטאָפּט און געקיכעלט, מיט כל טוב געקאָרמעט. אמת, דו האָסט אַ טעות געהאַט, דו האָסט געמיינט, אַז מען שטאָפּט דאָס דיך פון דיין אייגענער הנאה וועגען, דו זאָלסט קענען בלאָזען זיך, האָלדערן און טוירקי־טראָטען. דו האָסט נאָך אפשר געמוזט טראַכטען ביי זיך: „ווי גוט די מענשען זיינען!“ אָדער: „ווי נאַריש די מענשען זיינען!“ דען אַ סך מיינען, ניט נאָר אינדיקעס פון דיין גלייכען, אַז גוטסקייט און נאַרישקייט זיינען אַ צווילינג.

אויף דיין לעבען האָסטו געוויס ניט וואָס צו בעקלאָגען זיך, און אפילו ניט אויף דיין טויט. זעה נאָר אַליין, אויב דו קענסט נאָר, ווי דו ליגסט אויסגעצויגען ווי אַ פּריץ, וואָס פאַר אַ פּאַראַדעס מענשען מאַכען פאַר דיר איצט נאָך דיין טויט. גיב נאָר אַ קוק, אויב דו קענסט נאָר, ווי די מענשען האָבען דיך אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג און אַ יום־טוב מיט גאַנץ הלל געמאַכט פאַר דיר! עפען דיינע אויגען און זעה ווי מענשען קוקען אויף דיר מיט ליבע און לעקען פון דיר די פינגער!

צו אזא כבוד האבען נאך די מענשען אליין ניט זוכה געווען, ניט ביים לעבען, ניט ביים טויט.

א נאש בראט, א בשר ודם, איז הפקר ביים לעבען און הפקר נאכ'ן טויט. ווער קוקט זיך אויף איהם אום? ווער דאגה'ט פאר איהם? האט ער יא עסען, האט ער ניט עסען... אקער מיט דער נאז די ערד, און די צרה איז נאך, וואס ער, דער מענש הייסט עס. האט בלויז א נאז און ניט קיין ערד צום אקערן, אדער, אז שוין גאר גוט, דארף ער די ערד פאר פ ר ע מ ד ע אקערן, פאר אזעלכע וואס דארפען זייערע נעזער אויף צו שמעקען בלו־מען, פארפיומען, אדער אויף צו ווישען זיי מיט זיידענע נאז־טיכלעך. אדער זיי דארפען די נאז אויף ארייאנצושטעקען וואו מען דארף ניט, אויב זיי האבען שוין גארניט וואס צו טאן.

אט דאס איז, ברודער־אינדיק, מיט א נאש־בראט ביים לעבען. היינט דער טויט? פרעג שוין גארניט! גיב א קוק, ווי זיי פוילען דארט אין די הונדערטער טויזענט אויף די שלאכט־פעלדער, און וואו ניט... ווער קוקט זיך אויף זיי אום? אויף דיין טויט האט מען כאטש א ברכה געמאכט, געזעהן, אז דער חלף זאל אהן א פגימה זיין, זאלסט ווייניגער שמערצען האבען. אבער מיט א נאש־בראט, איבערהויפט אויפ'ן שלאכטפעלד, צע־רעמאניעט מען זיך ווייניג וואס. מען רייסט ארונטער הענט און פיס, און פויזע אויפ'ן בויך, אזוי ווי די פערשאלטענע שלאנג, און אזוי ווי זי, קיי די ערד, ביז די נשמה וועט דיר אויסגעהן.

אט דאס איז א מענש, טייערער אינדיק! ער האט קיין ווערדע ניט אין א שטילער צייט, אין א צייט פון שלום און ברי־דערליכקייט, און נאך מעהר איז ער גארנישט מיט גארנישט אין צייט פון מלחמה.

שווייג בעסער, דו נארישער אינדיק, און זיי צופרידען וואס דו ליגסט אויף א ריינעם טעלער, אויף א שניי־ווייסען טישטוך אין א ווארימען הויז, ניט ערגעץ דארטען אויפ'ן פעלד אין

בלאטע, א צווישענע אין שטיקער פון א גראנאטע אדער א שראפנעל.

מאן ניט קיין רחמנות, קיין צער־בעלי־חיים! אפעליר ניט צו אונזערע וועגעטאריאנישע געפיהלען... וועגעטאריאנישע גע־פיהלען! איך זאג דיר דעם אמת, אז ווען איך געה איצט פאר־ביי א וועגעטאריאנישען רעסטאראן, וואלט זיך מיר וועלען א תל פון איהם מאכען, ער זאל מיר ניט דערמאנען אן דער מענשליכער צבוע׳צטווע, אז אין א קליין ווינקעלע, די גרויס ווי א פינטעלע, האבען זיך מענשען א טעמפעל פון צער בעלי־חיים איפגעשטעלט, און איבער דער גאנצער וועלט, ווי גרויס זי איז, גיסט זיך בלוט, ניט פון אקסען, היהנער און אינדיקעס, נאר טאקע פון מענשען...

יא, פארער ניט קיין יושר! אייל זיך ניט! עס איז נאך דא צייט. די וועלט געהט נאך ניט אונטער. דער מענש פראגרע־סירט, און ער איז שוין צו דיין מדרגה געקומען — א טוירקי־טראט זיך אויסגעלערנט. און אז גאט וועט העלפען, וועט ער נאך עפעס העכערס זיך אויסלערנען, און דאן וועסטו פון איהם מענשליכקייט פערלאנגען.

און דערוויילי ליעג און שווייג. זאלען מענשען פון דיר הנאה האבען און גאט דאנקען פאר די הצלחה און מזל־ברכה, פאר די שפע און כל טוב וואס ער האט אויף אונזער ארימער ערד ארונטערגעשיקט.

לאמיר גאט דאנקען און עסען אינדיק, ווער עס האט נאר.

יענע וועלט.

ניט וועגען דער „יענער וועלט" פון מיינע עלטער־זיידעס און עלטער־באָבעס וויל איך דאָ רעדען.

זייער „יענע וועלט" איז פאַר מיר צו אַלטמאָדיש, צו קאָנסערוואַטיוו. זי איז ניט אין איינקלאַנג מיט'ן פרייען געדאַנק.

איך בין אַ ציוויליזירטער מענש, און איך דאַרף האָבען אַ „יענע וועלט" מיט אַלע מאָדערנע אימפּרואָוומענטס, מיט סטים־היט, מיט עלעקטרישע בעלייכטונג, מיט אַ מירמעלשטיינערנע וואַנע, מיט אַ שפּריץ־באָד, מיט „אָפּען פּלאָמבינג" און אַז. וו.

אמת, אויף יענער וועלט קומט מען אָהן דעם שמוציגען קערפּער, אָבער איך גלויב, אַז אַ גייסט דאַרף מען האַלטען אַזוי ריין ווי דעם קערפּער.

איך רעד דאָ אַלזאָ וועגען דער וויסענשאַפטליכער „יענע וועלט", פון וועלכער דער בעוואוסטער ענגלישער וויסענשאַפטס־מאַן סער אָליווער לאָדזש האָט געקראָגען אַ וואַרימען גרוס פון זיין זוהן רעימאָנד, וועלכער איז געפאַלען אין שלאַכט.

ס'איז, פערשטעהט איהר מיך, ניט קיין זאבעבאָנעס, מעשיות און חאסדעס פון גוטע אידען, וועגען נשמות פון צדיקים, וואָס רעדען זיך צוזאַמען; וועגען טויטע, וואָס קומען צו חלום אָדער אויפ'ן וואָהר. דאָס האָט געזאָגט איינער פון די ליכט פון דער וויסענשאַפט. ער האָט גערעדט מיט זיין

זוהן (אמת, דורך א שליח), און דער זוהן האט איהם געלאזט וויסען, אז ער פיהלט זיך גאנץ גוט אויפ'ן עולם האמת, אז ער וואוינט אין א גאנץ פיין הייזעל, געבויט פון ציגעל, און אז דאקטוירים מאכען אויך דארטען גלענצענדע ביזנעס, איבער־הויפט כירורגען, וועלכע זיינען איצט דארטען ביזי מיט גאנץ מאכען די קערפערס, וואס ווערען צושאסען אין פיץ־פיצלעך פון האוויצערס, מארטארס און אנדערע משחיתים.

איצט, פערשטעהט איהר מיך, איז די געשיכטע גאנץ אנ־דערש. איך וועל אייך זאגען דעם אמת, און איהר מעגט מיך אנרופען פייגלינג, נאר דער אמת איז, אז איך האב ביז אהער פאר'ן טויט אמת מורא געהאט, איבערהויפט פאר'ן וויסענ־שאפטליכען טויט, וועלכער רייסט איבער אהן שום רחמנות אלע פערבינדונגען צווישען דעם מת און אונזער זינדיגע וועלט. ס'איז דאך אן אמת'ע רציחה מיט'ן שטארבען! וואס הייסט, מען שטארבט און מען קען אפילו ניט איבערלייענען נאך זיך דעם נעקראלאג אין די צייטונגען, אויב מען איז א מעהר אדער וועניגער גרויסער מענש! פע, א פאסקודנע זאך דאס שטארבען! איצטער אבער, אז אזא געלערנטער מענש, ווי סער אליווער לאדזש, וועלכער האט צו טאן מיט אזא אפיקורסישען געגענ־שטאנד ווי פיזיקע, זאגט, אז ס'איז דא א יענע וועלט, און נאך אהן א גיהנום און אהן אייזערנע ריטער, איז דאך פשוט א פלע־זשור צו שטארבען!

הייננט דאס שטארבען איז גאר קיין שטארבען ניט. ס'איז אזוי ווי מען וואלט מופען פון איין דירה אין אן אנדערער. מו־פען? „עני טאים!" און נאך אין א געמויערט הויז! איך וועל שוין פאר'ן אנדערטייקער מיט'ן שווארצען וואגען מעהר ניט מורא האבען. איך וועל אויף איהם קוקען ווי אויף א רעגעלען עקספרעסמאן.

איך גלויב, אז אפילו דער פערביסענסטער פריידענקער וועט גארנישט האבען וואס אויסצוזעצען געגען אזא יענער

וועלט. וואָרים, צווישען אונז גערעדט, איז אין פּרינציפּ קיינער ניט געגען אַ יענער וועלט, און זאָל מען דעם גרעסטען אפּיקורס אונטערטראָגען נאָכ׳ן טויט אַ שטיקעל שור הבר און אַ שטיקעל געפּילטען לויתן מיט אַ קעלישאַק יין המשומר, וועט ער עס מיט פּערגעניגען נעהמען. אפילו אַ וועגעטאַריאַנער וועט אויך זיך נאָכ׳ן טויט מתיר מאַכען צו עסען פונ׳ם שור הבר און פונ׳ם לויתן, און דער פערברענטסטער פּראָהיבישאָניסט וועט מיט פרייד נעהמען אַ קאַפּיטשקע פונ׳ם יין המשומר נאָכ׳ן טויט.

ווער וויל דאָס שטאַרבען אויף אייביג? אפילו ניט מיין פריינד שלמה־זלמן, וואָס ער זאָגט, אַז דאָס לעבען איז איהם שוין נמאס געוואָרען. איצט, זאָגט ער, נאָך סער אַליווער לאָדזש׳ס ענטדעקונג וועט טאַקע זיין פרעהליכער צו שטאַרבען, וויסענדיג, אַז מען קען נעהמען אַ טראַנספער און לעבען ווייטער.

זיין ברודער יששכר־בעריש גלויבט נאָך אין דער אַלטער „יענער וועלט". ווען שלמה־זלמן האָט איהם דערצעהלט די מעשה מיט לאָדזשען, ווי אַזוי ער האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט זיין זוהן רעימאָנד פון יענער וועלט, האָט זיך יששכר־בעריש הויך צולאַכט:

— וואָס מיר לאָדזש, סמאָדזש? שוטה, וואָס דו ביסט! וואָס דאַרפסטו זיין יענע וועלט, אַז עס וועט פאַר דיר גענוג פּלאַץ זיין אין מיין יענער וועלט? וואָס דאַרפסטו קריכען צו די גוים? ווייניג שטעהען מיר זיך אויס פון זיי אויף ד ע ר וועלט, ווילסטו נאָך מיט זיי זיין צוזאַמען אויף יענער וועלט? שוטה, וואָס דו ביסט! אַז איך האָב דיר דערצעהלט די מעשה מיט׳ן זיידען ע״ה, וואָס איז מיר געקומען צו חלום, האָסטו זיך אויסגעלאַכט, און אַז אַ גוי דערצעהלט דיר דאָרט אַ מעשה וועגען זיין טויטען זוהן, גלויבסטו שוין! פאָלג מיך און קום בעסער מיט מיר אויף מיין יענער וועלט, וועסטו מעהר הנאה האָבען. פּאַרט צווישען אידען!

אינטערוויו מיט'ן מלאך־המות.

גנה איך מיר אזוי אום איבער דער קאכינגער, פערהאווע־טער איסט־סייד, ערשט איך דערזעה מיט אמאל פאר מיינע אויגען א פיגור, וועלכע האט נאך איהר גאנצען אויסזעהן פון קאפ ביז די פיס געשיינט צו זיין דער מלאך־המות אליין.

צוערשט האב איך געוואלט מאכען פיס, ווי סתם א בן־אדם איז זיך נוהג, ווען ער דערזעהט דעם טויט פאר די אויגען. אבער דערזעהענדיג דעם בעל־דבר אהן געצייג, ד. ה. אהן דעם חלף, און יום־טוב'דיג אויסגעפוצט, האב איך געמאכט הארץ און בין צוגעגאנגען צו איהם, קלערענדיג, אז עס שאדט ניט צו כאפען מיט איהם אן אינטערוויו.

— ענטשולדיגט מיר! — האב איך זיך צו איהם גע־ווענדעט, א טאפ טוענדיג פריהער דעם פולס, צו זעהן אויב איך בין ניט ביי איהם אין די הענט, — זיינט איהר דאס דער בעל־דבר, וועלכער מאכט אביסעל גראמער אויף אונזער וועלט?

דער בעל־דבר האט קענטיג פערשטאנען מיין מליצה.

— יא, איך בין דאס! — האט ער געזאגט — דער מלאך המות, מיינט איהר דאך צו פרעגען? יא...

— וואו זיינען אבער אייערע געצייג און וואס געהט איהר עפעס אזוי יום־טוב'דיג אנגעטאן?

— איך האב מיר געמאכט יום־טוב פאר גויט, ברודער־קע! — האט ער זיפצענדיג געענטפערט, — ניטא קיין ארבייט!

ווייסט דאָך, די מלחמה האָט מיך כמעט אין גאַנצען פערטרייבען פון ביזנעס. גוואַלד ווען וועט מען שוין שליסען פרידען? נאָר, אַז פרידען איז וואָס? אין פרידליכע צייטען קומט מען שוין אויך אויס אָהן מיר. שוין דאָ גענוג מלאכי־חבלה, וואָס שטופען מיך אַרוים פון מיין פּראָפעסיע: אויטאָמאָבילס, עראָפּליינס, סאָבמאַרינס, זיי לויפען דאָך אַזוי ווי די טייוואָלים! ווער האָט דאָס גאָר כח צו לויפען? אַלט און שוואַך בין איך שוין, און ביז איך קום זיך צושלעפען מיט מיין אַלטע פערזשאַווערטע קאָסע, געפין איך שוין דעם דזשאַב אָפּגעטאָן...

— געהען, הייסט עס, אייערע ביזנעס שלעכט? — האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן, ניט מיט מיטלייד, נאָר גלאַט אַזוי זיך.

— שייך שלעכט! שלעכט צו שלעכט איז ניט גלייך! אָט איך נעהם, צום ביישפּיל, אַ טאָג מיין בוך און געה מיר אַרום אַטענדען מיין ראוט ביי אייך אין ניו־יאָרק. דער ערשטער אויף דער רייהע איז: מיסטער נעביכמאַן, אַ קלאָוק־מאַכער, דאַכט זיך, אָדער אַן אַנדער צרה'דיגער מאַכער. צו אַזוינע חברה, ווייס איך, דאַרף מען זיך וואָס גיכער צואיילען: אַ סך בעלנים זיינען אויף זיי פאַראַן. מיט עטליכע טעג פריהער האָב איך איהם געשיקט אַ סאָמאָנס: „זיי, ברודערקע, גרייט!“ אין זייט האָט איהם גענומען שטעכען, דער אָטעם פערכאַפּען און נאָך דאַרטען אַזוינע זאַכען. דאַכט זיך, גוט בעוואָרענט מיט איהם? און איך האָב געמיינט, אַז ווען איך וועל דאַרפען קומען צו איהם, וועל איך איהם טרעפען אין דער היים און נאָך אין בעט. ערשט איך קום צו געהן — ניטאָ מיסטער נעביכמאַן! — וואו איז ער? — אין שאַפּ אַוועק אַרבייטען: ווייב און קינדער בעטען עסען. ניטאָ קיין צייט פאַר אַ קבצן צו קרענקען. לויף איך שוין אָהן אַ נשמה אין שאַפּ אַריין: איך האָב מורא, אויפ'ן וועג זאָל איהם ביי מיר אַ קאַר ניט אַרויסכאַפּען, אָדער אַן אַנדער שוואַרץ יאָהר. איך קום צו לויפען אין שאַפּ: וואו איז מיסטער נעביכ־

מאן ? — נישטא איהם ! אן אומגליק האט מיט דעם שלים־מזל געטראפען: ווען ער איז אינדערפריה ארויף צו דער ארבייט, האט ער זיך, דער שלים־מזל, אריינגערוקט צווישען עלעווייטער און דער וואנט. „אויף טויט ?" פרעג איך. — „אין האספיטאל אפגעפיהרט, אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד", ענטפערט מען מיר. לויף איך שוין אהן א נשמה אין האספיטאל, אפשר וועל איך נאך פערכאפען... קום אין האספיטאל — מיין קאסטימער איז שוין פארטיג: ארויסגעדרעהט זיך פון מיינע הענט !

— נו, און ווי האלט דאס מיט די רייכע ? — האב איך געפרעגט.

— מיט זיי איז אן אנדער צרה. ווערען זיי ניט דער'הרג'עט א ו נ ט ע ר ' ן אויטאמאביל, ווערען זיי דער'הרג'עט א י ן אויטאמאביל. אט האב איך געדארפט צונעהמען אויפ'ן עולם האמת איינעם א מיסטער כאפמאן, א מאן שוין באלד א בן־ששים מיט אייניקלעך. איך קום צו געהן, ניטא אין דער היים. וואו איז ער אוועק, ווייסט מען ניט. געה איך ארום איהם זו־כען, ערשט מען שרייט „עקסטרא !" קויף איך א פייפער, אהא ! מיין מיסטער כאפמאן איז דער'הרג'עט געווארען אין אן אוי־טאמאביל. איז נאך ווייניג ער אליין, האט ער נאך מיט זיך גע־נומען א בילד־שעהנע מיידעל, זיין טייפרייטעריז, און זי איז אויך דער'הרג'עט געווארען ! צוויי קאסטימערס מיט איין מאל ! מען קען דאך איינפאך צופלאצט ווערען !

— נו, און וואס זאגט מען עפעס דארטען אין פמליא של מעלה ? — האב איך איהם א פרעג געטאן, — קענט איהר גארניט בעטען קיין סיעתא דשמיא, מען זאל אייך דארטען פון אויבען קומען צו הילף און פראטעקטען אייך געגען אייערע קאנקורענטען ?

— וואס פראטעקטען ? אז דארטען ביי דער פמליא של מעלה, איז יענער מענש, דער וואס שטארבט ניט דורך מיר, גאר א גאנצער יחסן ! אלע אראלים און שרפים געהען איהם ארום

אנטקעגנען. א קליינינגקייט א קדוש! האסט געדארפט זעהן דעם פאראד, וואס מען מאכט דארטען פאר א קדוש!

— זעלבסטמערדער האט מען אבער יא געקענט פון אויבען אפהאלטען פאר אייך, זיי זאלען זיך פון אייערע הענט ניט ארויסדרעהען זיך?

— יא, וועגען דעם בין איך זיך שוין לאנג משתדל ביי דער פמליא של מעלה, זי זאל מאכען אזוי זים דאס לעבען, אז מענ־שען זאלען ניט וועלען פון דעם אנטלויפען. נו, איז אבער גאר־נישט. דערוויילי איז צרות. אז איך בין ביי אלעמען פערהאסט! ווען אייערע מענשען וואלטען געוואן קליגער אביסעל, וואלטען זיי געדארפט מיר קומען צו הילף און זעהן, אז דער טויט זאל אויסשליסליך ליגען אין מיינע הענט. וויבאלד, אז שטארבען מוז מען דאך, איז שוין בעסער פון מיין האנט, איידער דורך אן אנדער שווארץ־יאהר. איך האב נאך פונדעסטוועגען א ביסעל יושר, און פאר דער צייט וויל איך דאס רוב קיינעם ניט טשעפען. איך בין א שטרענגער אנהענגער פון דער „מי בקיצו"־סיסטעמע.

— העלפט מיר! — האט ער זיך געבעטען — זאל זיין אייער מאטא: שטארבען מיט'ן אייגענעם טויט!

מיניאטיורען.

ער רעדט וויסענשאַפטליך.

ער איז אַ גוואַלדיגער פערעהרער פון דער וויסענשאַפט. ער וועט ניט ארויסלאַזען קיין וואָרט פון מויל, וואו ער וועט עס ניט אָפּוועגען אויף דער וואָגשאָל פון דער וויסענשאַפט.

איינמאָל האָט איהם די ווייב געשאָלטען מיט די ווערטער:

— אַ דונער זאָל דיך איינשלאָגען!

איז ער אַן אָנגעצונדענער געוואָרען, און האָט זיך מיט די קולאַקעס אויף איהר פערמאַסטען.

— זאָלסט מיר ווייטער אזוי ניט רעדען! — האָט ער אויף איהר אַ געשריי געטאָן און אַ טופּע געטאָן מיט די פיס.

האָט זי אויף צו־להכעיס נאָך אַ מאָל ווידערהאָלט די קללה.

— ס'איז ניט וויסענשאַפטליך! — האָט ער געשריען — לויט דער וויסענשאַפט קען נאָר דער בליץ מיך איינשלאָגען, ניט דער דונער...

און ער האָלט איהר אַ גאַנצע לעקציע, און דערצעהלט איהר אויך, אז וויסענשאַפטליך ע ס ט מען מילך, ניט מען ט ר י נ ק ט, ווייל מילך איז אַן עסען־זאַך, ניט קיין געטראַנק, זאָל זי עס געדענקען און ניט זאָגען „טרינק אַ גלאָז מילך", נאָר „עס אַ גלאָז מילך."

ענטפערט זי אויף דעם:

— נו, אויב אזוי וועסטו ביי מיר עסען א קדחת...

פארוואס ער מופט ניט.

איך מיין דא ניט אנצוקלאגען די קאפיטאליסטישע געזעל־שאפט, נאר איך וויל דערצעהלען א פאקט. און דער פאקט איז אזא:

שוין א יאהר פופצעהן אודאי, אויב ניט מעהר, ווי ער וואוינט אין דער זעלבער דירה.

שוין וויפיעל שכנים האבען פון דארטען ארויסגעמופט, שוין וויפיעל לענדלארדס האבען זיך געביטען, און ער וואוינט נאך אלץ דארט.

— פארוואס מופט איהר ניט? — האב איך איהם איינ־מאל א פרעג געטאן.

ער האט לאנג געטראכט, צי ער זאל מיר אויסזאגען, און ענדליך האט ער זיך אנגערופען:

— איהר זעהט אטא דעם טיש? איהר זעהט אטא די סאפקע? איהר זעהט אטא דאס בעט? איז, אז מען טשעפעט זיי ניט, זיינען זיי אלרייט; ווי מען וועט זיי אבער א ריהר טאן פון ארט, אזוי זיינען זיי קאפוט.

אז איך האב דעם פאקט דערצעהלט א רייכען אידען, האט ער א דרעה געטאן דעם גראבען ציגאר צווישען זיינע צייהן, און האט קאלט א זאג געטאן:

— קען ער דאך קויפען נייע מעבעל!

א קרבן פון סטאטיסטיק.

סטאטיסטיק איז זעהר א ניצליכע זאך, ניט אפשר? סטא־טיסטיק העלפט פיעל דער ארימער מענשהייט, ניט אפשר? אבער הערט א געשיכטע:

איך געה אריין אין א הויז, דערווים איך די באלעבאסטע אין טרויער.

— עפּעס געשעהן ?

די אָרימע זיפצט.

— וואו איז דער באלעבאָס ?

— געשטאָרבען !

— פון וואָס ?

— פון סטאַטיסטיק.

איך דערמאָן זיך: ער איז, דאכט זיך, גאָרניט געווען קיין סטאַטיסטיקער, נאָר א פליינער אַרבייטער. דערצעהלט זי מיר דערנאך, אַז ער האָט געקראָגען שווינדזוכט ביי דער אַרבייט און איז געשטאָרבען. ס׳איז אזא טרייד, וועלכער קען אריינטרייבען א מענשען אין דער ערד.

— טאָ וואָס זשע זאָגט איהר, אַז ער איז געשטאָרבען פון סטאַטיסטיק ? — האָב איך גע׳טענה׳ט.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — ווייל די סטאַטיסטיק בעווייזט, אַז ביי יענעם טרייד ווערען אַזוי פיעל פּראָצענט שווינדזיכטיג, האָט זי דוקא מיין מאַן אריינגענומען צווישען די שווינדזיכטיגע. און אַז ער איז שווינדזיכטיג געוואָרען, האָט זיך ווידער די סטאַטיסטיק אריינגעמישט און גענומען בעווייזען, אַז אַזוי פיעל און אַזוי פיעל שטאַרבען פון די שווינדזיכטיגע און די איבעריגע ווערען געזונט, און זי האָט מיין מאַן אריינגערעכענט צווישען די וואָס דאַרפען שטאַרבען. און אַזוי איז ער געשטאָרבען...

איך האָב איהר געוואָלט טרייסטען און בעווייזען, אַז די סטאַטיסטיק וועט פיהרען צו דער פערקלענערונג פון קראַנקהייטען און פריהצייטיגע טויטען און אז. וו.. אָבער די אומגליקליכע האָט געבראָכען מיט די הענט און גע׳טענה׳ט:

— אָבער וואָס האָט די סטאַטיסטיק צו מ י י ן מ אַ ן געהאַט ?

זיך ניט געקאָנט דערוואַרטען.

רעדענדיג פון קראַנקהייטען און טויט.

אַמאָל איז איינער קראַנק געוואָרען, האָט מען איהם אַזוי לאַנג געהיילט, ביז ער איז געוואָרען אומהיילבאַר, און צו אומהיילבאַרקייט, ווייסט איהר דאָך וואויל, איז קיין שום רפואה ניטאָ.

איז פאַר איהם נאָר איין טרייסט געבליבען: אַזוי ווי די מענשהייט שטעהט דאָך ניט אויף איין אָרט און זי האַלט אין איין פּראָגרעסירען, וועט זי פאַר זיין קראַנקהייט סוף כל סוף אויך געפינען אַ רפואה.

די קראַנקהייט האָט איהם אָבער זעהר אָפּגעשוואַכט, האָט ער ניט געקענט נאָכיאָגען די אַלץ אימער פּראָגרעסירענדע מענשהייט, וועלכע האָט געשפּרייזט מיט גוואַלדיג־גרויסע טריט. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אין „לאַין" צו וואַרטען אויף זיין ישועה צוגלייך מיט אַלע ליידענדע. ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט געקענט האַלטען אויף זיינע שוואַכע פיס, און ער האָט זיך געמוזט צולעגען אין בעט.

איך בין מעהר ווי זיכער און אני מאמין באמונה שלמה, אַז אין אַ הונדערט יאָהר אַרום וועט זיך צו זיין קראַנקהייט געפינען אַ רפואה. אָבער ער האָט אַזוי לאַנג ניט געקענט וואַרטען, און איז נעביך געשטאָרבען.

פון איין קוואַל.

צוויי שרייבער זיינען זיי געווען און ביידע האָבען אין איין נוסח געשריבען, אַזוי, אַז מען פלעגט ניט וויסען, ווער איז ווער, כאָטש זיי זיינען ניט געווען קיין צווילינג, און אפילו ניט קיין קרובים.

האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען אַ מחלוקה: ווער איז דער אָריגינעלער און ווער דער נאָכמאַכער? נאָר ווי גאַנאַל'ס

צוויי פאַרשווינגען באַבטשינסקי און דאַבטשינסקי: ווער האָט דער ערשטער — „עה“ געזאָגט?

די מחלוקה האָט זיך אַזוי צופלאַקערט, אַז עס איז זאָגאַר געקומען צו פּעטש און צו אַן עהרענגעריכט. האָט מען געמאַכט אַ חקירה ודרישה, און מען האָט אויסגעפונען, אַז ניט אונזער באַבטשינסקי האָט נאָכגעמאַכט אונזער דאַבטשינסקי'ן, און ניט אונזער דאַבטשינסקי האָט נאָכגעמאַכט אונזער באַבטשינסקי'ן, נאָר אַז זיי האָבען ביידע געשעפּט פון איין פרעמדען קוואַל — נאָכגעמאַכט אַ דייטשען שרייבער, און דערפאַר די עהנליכקייט.

איז אָבער דאַן ענטשטאַנען אַן אַנדער פראַגע: ווער האָט דער ערשטער געלייענט יענעם דייטשען שרייבער?

אין פופציג יאָהר אַרום.

אין פופציג יאָהר אַרום, אַז איך וועל לעבען, וועט מיין קליין אינגעלע, וועלכער איז ערשט דריי יאָהר אַלט און פערשטעהט דערפאַר ניט, אַז ער לעבט אין אַ היסטאָרישער צייט, צו מיר אַזוי זאָגען:

— איך בין דיר מקנא, פּאַפּאַ, וואָס דו האָסט געלעבט אין אַזאַ היסטאָרישער צייט! אַך, ווי שעהן עס האָט געמוזט זיין פון דער נאָהענט יענע צייט!

און איך זאָג צו איהם איצט, אין רעכטען מיטען פון דער היסטאָרישער צייט, אין וועלכער מיר אַלע האָבען די זכיה צו לעבען:

— מיין ליב קינד! ווי מקנא איך בין דיר, וואָס דו וועסט לעבען אין פופציג יאָהר אַרום בעת די היסטאָרישע צייט וועט שוין זיין היסטאָריע! אַך, ווי שעהן זי וועט אויסקוקען פון דער וויטענס!

ער וועט זעהן מלאכים, דאָ וואו איך זעה בלויז מענשען...

די טאַטעס און די פּאַפּעס.

רעדענדיג וועגען מיין קליין אינגעלע:

ער רופט מיך „פּאַפּאַ“. איך רוף מיין פאָטער „טאַטע“.

ווי געוואָלט וואָלט איך, אַז אויך איך זאָל זיין אַ „טאַטע“, ניט קיין „פּאַפּאַ“!

די קייט פון די טאַטעס רייסט זיך איבער, און עס נעהמט זיך פלעכטען אַ נייע קייט — אַ קייט פון פּאַפּעס.

און ערלויבט מיר ראָמאַנטיש צו ווערען, און צו קלאָגען אויפ'ן אונטערגאַנג פון די טאַטעס.

די מאַמעס האָט גראָד די צייט געשאָנעוועט. בלויז אַ קליי־ניגקע אָפּעראַציע האָט די צייט אויף זיי געמאַכט, און זיי האָ־בען זיך געראַטעוועט: פון „מאַמע“ איז געוואָרען „מאַמאַ“. ניט אַזוי גרוים דער וועהטאָג.

און מיין קינד רייצט זיך מיט מיר, וואָס איך האָב נאָר אַ מאַמאַ, אָבער ניט קיין פּאַפּאַ, כאָטש איך האָב אַ טאַטען ביז הונ־דערט און צוואַנציג יאָהר.

צווישען די שורות.

פאַראַן לעזער, וואָס עס איז זיי וועניג די וועלט: וויפיעל שורות דער שרייבער זאָל זיי ניט אָנשרייבען, ווילען זיי נאָך אַלץ זוכען צ ו ו י ש ע ן די שורות — זיי האָבען ליב צו לייענען צווישען די שורות.

דאָס נעהמט זיך פון דעם מענשענ'ס תאוה צו נאַקעטקייט.

די שורות זיינען פאַר יענע לעזער די קליידער, וואָס בעדע־קען דאָס נאַקעטקייט פון דעם שרייבער, און עס דוכט זיך זיי אויס, אַז דאָס נאַקעטקייט גופא געפינט זיך צ ו ו י ש ע ן די שורות, טוען זיי אַזוי, די בעלי־תאוה'ניקעס, די גייסטיגע ברילען און זוכען און נישטערן צווישען די שורות...

יאָ, שורות, ווי פרויען־קליידער, רייצען די פאַנטאַזיע פון דעם זינדיגען מענשען.

פאַרוואָס זאָל אָבער דער שרייבער שרייבען אויף צווישען די שורות, ווען מען צאָהלט איהם בלויז פאַר די שורות?

פראָ־בלעם.

רעדענדיג פון לעזער:

עס איז געווען אַמאָל אַ לעזער, דוקא גיט קיין עם הארץ, און דאָס איז זיין אומגליק געווען.

לייענען ווי עס שטעהט געשריבען, איז איהם ניט אָנגעשטאַנען, האָט ער דוקא געלייענט אַנדערש, ווי אַלע. אַזאַ איינגעשפּאַרטער איז דאָס געווען! האָט זיך געגרויסט מיט זיינע קענטעגישען, מיט זיין לומדות.

און דאָס איז געווען אין די צייטען פון פּראָ־דייטשען און פּראָ־עליים, האָט איהם דער „פּראָ" געגומען רייסען די אויגען, אַזוי, אַז אַ פּראָ־אדם איז פאַר איהם געוואָרען אַ פּראָ־אדם.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז ביים זעצער האָט זיך אויף איין שורה ניט אויסגעשטעלט דאָס וואָרט „פּראָבלעם", האָט ער עס צוטיילט, און האָט איבערגעלאָזען „פּראָ" אויף איין שורה און „בלעם" אויף דער אַנדערער.

האָט עס יענער לעזער איבערגעלייענט און פון „פּראָבלעם" איז ביי איהם געוואָרען „פּראָ־בלעם". איהר ווייסט דאָך „בלעם מיט'ן גרויסען מויל"?

און ווען ער האָט זיך מיט איינעם צוקריעגט, האָט ער אויף איהם אַ געשריי געטאָן:

„דו ביסט אַ פּ ר אָ ־ ב ל ע ם!"

דער טויט.

שוין פון אַ צייט, ווי דער טויט זוכט מיך צו פערנאַרען אין זיין תכריכים־נעץ.

ער זאָגט מיר צו כל הגליקען אויף י ע נ ע ר וועלט, אַבי איך זאָל איינשטימען צו פערלאָזען ד י וועלט.

ער זאגט מיר צו א שעהנע לויה מיט צוועלף קערידזשעס (אזויפיל האט זיך ביי איהם ארויסגערעדט!), טייכען טרערען, הספדים און נעקראלאגען, קדיש פאר מיין עלית־נשמה, יאהר־צייטען געפייערט מיט פראכט און גלאנץ, אן אייביגען אנדענ־קען אין הערצער, וועלכע קלאפען גראד ניט אייביג, אומשטערב־ליכקייט א. אז. וו.

ער ווייסט די מענשליכע שוואכקייט פאר צערעמאניעס.

איך אבער וויל זיך ניט לאזען פאנגען אין זיין נעץ. איך ער־קלער איהם, אז דאס לעבען איז צו שעהן, אום איך זאל עס פער־לאזען.

— אזוי? דאס לעבען איז צו שעהן זאגסטו? — רופט ער זיך אן, טייוולאניש־שמייכלענדיג — נו, וועל איך עס מיאוס מאכען, אז דו וועסט שוין ניט האבען וואס צו זשאלעווען...

און ער האט מיר גענומען פער'מיאוס'ען דאס לעבען...

ווי צו טרויערען.

זאגט איינער א פראקטישער, אויסגערעכענטער מענש פון די מענשען, וועלכע לעבען מיט א חשבון כדי צו שטארבען מיט א צייט:

נאטירליך, מוז א מענש טרויערען, ווען עס קומט אויף איהם א גרויסער בראך, אבער ער מוז עס טאן מעשה ציוויליזירטער מענש, עס זאל ניט שאדען צו זיין געזונד, צו זיין בע־קוועמליכקייט, ניט מעשה בארבאר: רייסען אויף זיך די ערשט פערקעמטע האר, די אקארשט אויסגעפרעסטע קליידער, שיטען אש אויף.ן נאר־וואס געהערטאניקטען קאפ א. אז. וו.

דאס טרויערען דארף זיין היגיעניש, עסטעטיש א. אז. וו.

דער טרויער דארף זיך אנהויבען א צוויי שטונדען נאך א גוטען מאלצייט, כדי צו געבען דעם עסען צייט איבערצוקאכען אין מאגען.

דער טרויער טאָר ניט זיין זעהר טיף, ווייל א טיפער טרוי־ער איז צו שעדליך פאַר׳ן געזונד. און אזוי ווי מיר לעבען אין א דור פון וויסענשאַפט, קאָנען מיר ערפינדען אן אינסטרומענט אזא אויף צו מעסטען די טיפקייט פון דעם טרויער, אזוי ווי עס איז דאָ אן ערד אן אינסטרומענט אויף צו מעסטען די טיפ־קייט פון ים. א האַלבער אינטש די טיף איז די והותר, ווי טייער עס זאָל ניט זיין דער מענש, נאָך וועלכען מיר דאַרפען טרויערן.

קריעה רייסען איז ערלויבט, אָבער מען דאַרף פאַר דעם אויסקלייבען אן אַלט רעקעל: דאָס נייע איז אן עבירה.

אזוי הייסט טרויערן איינער א פּראַקטישער, אויסגערע־כענטער מענש פון די מענשען, וועלכע לעבען מיט א חשבון, כדי צו שטאַרבען מיט א צייט...

אידענטיפיקאַציאָנס־קאַרטע.

מוסר׳ט מיך א פריינד:

סטייטש, ווי אזוי געהט דאָס אום א מענש אהן אן אידענ־טיפיקאציאָנס־קאַרטע צווישען אזוי פיעל אויטאָמאָבילען און אנדערע געפאהרען?

א צוויליזירטער מענש דאַרף ביי זיך תמיד טראָגען אן אידענטיפיקאציאָנס־קאַרטע מיט׳ן בעוואוסטען נוסח: פלוני בן פלוני... אין פאַל פון טויט לאָזט וויסען דעם און דעם...

מען דאַרף תמיד זיך ריכטען אויפ׳ן טויט. ווי מען טרעט אריבער די שוועל פון הויז, מעג מען זיך ריכטען, אז מען וועט צוריק ניט קומען. על כן טאָר מען פון הויז ניט ארויסגעהן אהן אן אידענטיפיקאציאָנס־קאַרטע.

מאָלע וואָס, מען קאָן אזוי צוריבען און צומאָלען ווערען, אז מען זאָל א פנים פון א מענשען ניט דערקענען, און אוועק־געהן אויף יענער־וועלט ווי א בראָדיאַגע, אהן א פּאַספּאַרט...

א מענש טאָר ניט אומגעהן אהן אן אידענטיפיקאציאָנס־קאַרטע צווישען אזוי פיעל עקסידענטס.

און מיין פריינד ראט מיר צו בעזארגען זיך וואס שנעלער מיט אן אידענטיפיקאציאנס־קארטע, קיין מינוט ניט צו פער־לירען.

— און טאמער חלילה וועט דיר בעשערט זיין פערברענט צו ווערען, — ווארענט ער מיך, — זאלסטו די ערשטע זאך זעהן צו ראטעווען די אידענטיפיקאציאנס־קארטע... ס'איז זעהר וויכטיג! א כפרה דאס לעבען, אבי די אידענטיפיקאציאנס־קארטע געראטעוועט...

צוויי בעקליידער.

אמאל זיינען געווען צוויי ברידער, ביידע בעקליידער: איי־נער האט בעקליידט מענשען, דאס הייסט, ער איז געווען דאס וואס מען רופט א שניידער, און דער צווייטער האט בעקליידט אן אמט, דאס הייסט ער איז געווען דאס וואס מען רופט „דיע־נער פון פאלק", כאטש בעצם איז ער געווען גרעבער פון פאלק.

מיר זאגען „ער האט בעקליידט אן אמט" ניט דוקא צוליב דעם ווארט־שפיל, נאר ווייל ער אליין, אום צו פערשטארקערען זיין אויטאריטעט, האט געשפראכען דייטש, וואס ער האט גע־נאשט פון דער אידישער ביהנע.

נאר ווי די מעשה זאל ניט זיין — דער ברודער, וואס האט בעקליידט דעם אמט, האט בעסער אויסגעמאכט, ווי דער ברו־דער, וואס האט בעקליידט די מענשען, ווייל איהר דארפט וויסען, אז אן אמט איז פיעל דאנקבארער ווי א מענש. אן אמט זעהט גוט צו בעצאהלען זיין בעקליידער, אבער ניט אזוי איז דער מענש.

דארף איך נאך אייך ברענגען ראיות, אז צו זיין א גא־ווערנאר, למשל, איז בעסער ווי צו זיין א שניידער, כאטש דער גאווערנאר נעהמט ניט מעהר ווי צעהן טויזענט טאלער א יאהר?

און נאך א מעשה וועל איך דערצעהלען וועגען אנ־דערע צוויי ברידער.

אויך זיי זיינען אמאל געווען, ווי די טבע איז פון א מעשה צו דערצעהלען.

האט זיך איין ברודער פערזינדיגט געגען דער נאטור — (זיך איבערגעגעסען אדער ניט דערעסען — דער גוטער יאהר ווייסט איהם!) און איז קראנק געווארען, און דער צווייטער ברודער האט זיך פערזינדיגט געגען געזעץ און האט גע'הרג'עט א מענשען — דאס ערגסטע, וואס מיר קענען זיך פארשטעלען.

זיינעןביידע ברידער פערזאורטיילט געווארען צום טויט: דער וואס האט געזינדיגט געגען דער נאטור, איז פערזאורטיילט געווארען פון א דאקטאר, און דער וואס האט געזינדיגט געגען דעם געזעץ, איז פערזאורטיילט געווארען פון א ריכטער.

אזוי ווי דער דאקטאר איז א זעלבסטהערשער, האט ער מיט זיין אייגענעם כח פערזאורטיילט זיין קרבן. דער ריכטער האט זיך אבער געפיהרט דעמאקראטיש, האט ער פערזאורטיילט זיין קרבן מיט דער הילף פון פאלק — פון א דזשורי.

האט דער מעדיציניש־פערזאורטיילטער געווארט און גע־ווארט אויף זיין טויט, און דער טויט איז ניט געקומען. איז דער פערזאורטיילטער געגאנגען אלע טאג צום דאקטאר מאנען דעם טויט און דער דאקטאר האט גענומען א טאלער צי צוויי, און גארנישט. ניטא קיין טויט!

און דער געזעצליך־פערזאורטיילטער איז געשטארבען אויפ'ן עלעקטרישען שטול זעקס א זייגער פארטאג, דעם 20טען יאנו־אר, אזוי ווי דער ריכטער האט געזאגט. א קונץ געווען צו טרעפען!

דעמאקראטיע האט געזיגט!

וויסענשאַפטליכע עקספּערימענטען.

אַמאָל, אין צייטען פון יקרות און עקאָנאָמיע, האָט מען גע־נומען פינף מענשען און זיי אָוועקגעזעצט אויף אַ דיעטע פון קובעבע מיט לאַקריץ, כדי צו בעווייזען, אַז מענשען קענען אויך לעבען פון קדחת מיט כשר׳ע פּאַדים, אַבי זיי זאָלען ניט בעטען קיין גרעסערע שכירות און ניט בעקלאָגען זיך אויפ׳ן יקרות.

זיינען פיער פון די פינף געווען ניט קיין נאַראָנים און נאָך יעדען מאָלצייט פון קובעבע מיט לאַקריץ האָבען זיי אריינגע־ריבען אַ פונטיגען סטייק כדבעי. אָבער דער פינפטער האָט גע־וואָלט עהרליך דיענען דער עקספּערימענטאַלער וויסענשאַפט, האָט ער נאָך די קובעבע מיט די לאַקריץ גאָרנישט געגעסען.

און אַלע טאָג האָט מען די פינף מענשען געוואויגען, און מען האָט ממש געזעהן, אַז די דיעטע טוט אויף וואונדער: אַלע פינף צוזאַמען געווינען אין וואָג, מעהר נישט דער פינפטער, דער יאָלד, איינער אַליין קומט אָפּ פון טאָג צו טאָג.

פיער וואָכען האָט מען די פינפען אַזוי געקאָרמעט מיט קובעבע און לאַקריץ, דערנאָך האָט מען פערעפענטליכט די רע־זולטאַטען, וועלכע האָבען געלויטעט, אַז די פינף מענשען האָ־בען געוואונען דרייסיג פונט פון קובעבע מיט לאַקריץ, וואָס דאָס מאַכט אויס צו זעקס פונט אויף אַ מענשען, מעהר נישט איינער פון די פינף האָט פערלאָרען צוואַנציג פונט.

דער עקספּערימענט מיט דער דיעטע האָט זיך ארויסגעווי־זען זעהר צופרידענשטעלענד: פון קובעבע מיט לאַקריץ גע־ווינט מען זעקס פונט אין פיער וואָכען!

„קום צו זיי!“

מיין כאַנדריקעווער לאַנדסמאַן, דער אייראָפּעער, האַלט, אַז גאָר דאָס גאָלד איז ביי די אומות העולם, אפילו ביי די בול־גאַרען, און ביי אונז איז דורכאויס פסולת.

ביי זיי איז ליטעראַטור, ביי זיי איז פילאָזאָפיע, ביי זיי איז קונסט, ביי זיי איז פּאָליטיק, ביי זיי איז... א. אַז. וו.

וואָס זשע, אידען קענען שרייבען? אידען קענען דענקען? אידען קענען מאָלען, זינגען, שפּילען א. אַז. וו.?

אַך, ביי זיי!

— וואָס ליעגסטו דאָ איז געמייזעכץ? — טענה'ט ער צו מיר, — קום צו זיי, וועסטו זעהן אַ בראַנדעס, אַ בערגסאָן, אַ איזראַעלס, אַ מאַרקס, אַ לאַסאַל, אַ זאַנגוויל, אַ רובינשטיין, אַ דיזראַעלי, אַן אַנטאָקאָלסקי, אַ היינע! אַך, קענען זיי! וואָס זשע, אונזערע אידען קענען עפּעס? קום צו זיי!

אָבי אונזערע נאַציאָנאַליסטען האָבען ליב פּירצוהאַלטען בראַנדעס'ן, בערגסאָנ'ען א. אַז. וו., פאַרוואָס זיי זיינען ניט ביי אונז! ווען זיי בלייבען חלילה מיט אונז, וואָלט מיין כאַנד־ריקעווער לאַנדסמאַן דער איירעפּעער זיי זיכער ניט אנערקענט.

די טראַגעדיע פון אַן אַנאַרכיסט.

שעקספּיר האָט אפילו געזאָגט, אַז אַ נאָמען איז נאַר־ישט. קענט איהר אָבער זיך פאָרשטעלען די טראַגעדיע פון אַן אַנאַרכיסט, וואָס טראָגט אַזאַ נאָמען ווי „גאָטליב“?

ער, דער פערברענטער אַנאַרכיסט, דער פריידענקער, דער אָפיציעלער גאָט־פאַיטער, זאָל טראָגען אַזאַ באַרבאַרישען נאָמען ווי „גאָטליב“!

זיינע פאַנאַטישע עלטערן האָבען עס איהם זיכער אָפּגע־טאָן!

אָ, וויפיעל שמערצען דער נאָמען האָט איהם פערשאַפט! ווי ווערט מען פטור פון אַזאַ פערפלוכטען נאָמען?

— ווענדט זיך אין קאָורט, — האָב איך איהם געראַטען.— קאָורט וועט אייך ערלויבען איבערצובייטען דעם נאָמען.

— ווענדען זיך אין קאָורט! — איז ער אַן אַנגעצונדענער געוואָרען, — דאָס הייסט, איהר פערלאַנגט פון מיר ניט מעהר

און ניט ווייניגער, אַז איך זאָל אנערקענען איבער זיך די אוי־
טאָריטעט פון דעם פערפלוכטען געזעץ, וועלכער איז ביי מיר ניט
ווייניגער פערהאַסט ווי די פערפלוכטע רעליגיאָן! נאָו סער!

וואָלט ער איגנאָרירט דאָס געזעץ און אָהן זיין ערלויבניש
זיך גענומען אַן אנדער נאָמען. איז ער אָבער אַ לענדלאָרד און
עס מאַכט זיך אַמאָל, מען דאַרף אַ טענאַנט מאַכען צו מופען
און ער מוז זיך ווענדען אין קאָורט און אָנגעבען דעם אמת׳ן
נאָמען.

דער מענש מיט׳ן קאַמערטאָן.

רעדענדיג פון מענשען, וואָס לעבען מיט חשבון און פיהרען
זיך נאָך בעשטימטע כללים:

ס׳איז געוועזען איינער אַזאַ, גראַד אַ זינגער נאָך דער פּראָ־
פעסיע, און אין דער גרעסטער געפאַהר, אין דער גרעסטער קאַ־
טאַסטראָפע האָט ער ניט פערגעסען, אַז ער איז אַ זינגער און
אַז ער האָט אַ שטימע, וועלכע ער דאַרף זעהר אָפּהיטען און צו־
ליב וועלכער נעבעך ער מוז גיסען אין האַלז אריין גאָגעל־מאָגעלס.

אַלס זינגער, האָט ער נאַטירליך מיט זיך שטענדיג ארומ־
געטראָגען אַ קאַמערטאָן.

איז ער איינמאָל פּאַרביי־געגאַנגען אַ פּלאַץ, וואו אַן אומ־
גליק האָט פּאַסירט און ער איז אַליין בכח ניט געוועזען צו העל־
פען, האָט ער געדאַרפט רופען נאָך מענשען צו הילף.

„ראַטעוועט!“ — האָט ער געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָבער
ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז אחוץ אַ מענש איז ער אויך
אַ זינגער מיט פליכטען צו זיין שטימע, און אַז ער האָט אַ קאַ־
מערטאָן אין קעשענע, האָט ער ארויסגענומען דעם קאַמערטאָן
און גענומען מעסטען די טענער — אויף וועלכען טאָן ער זאָל
רופען צו הילף.

און ביז וואַנען ער האָט דעם ריכטיגען טאָן געפונען, איז
שוין די הילף געוועזען צו שפּעט.

אין אַ צייט אַרום האָט מיט איהם אַליין געטראָפען אַן אומגליק: ער האָט זיך געטרונקען באָדענדיג אין טייך, און ניט האָבענדיג ביי זיך דעם קאַמערטאָן, האָט ער ניט געוואָלט פּטר'ען די שטימע, אום צו רופען נאָך הילף, און אַזוי איז ער דערטרונקען געוואָרען. אַבי די שטימע ניט גע'פּטר'ט...

יעדער מיט זיין גאָט.

אַ ביטערער קאַמף געהט אָן צווישען דעם זיידען מיט'ן איינִיקעל — אַ קאַמף איבער אַ וואָרט.

דער זיידע זאָגט: „גאָט", דער איינִיקעל — „שיקזאַל".

דער זיידע זאָגט: „מיר זיינען ביי גאָט אין די הענט", דער איינִיקעל — „מיר זיינען ביים שיקזאַל אין די הענט."

דער זיידע בעט זיך ביים איינִיקעל: „ווען דו זאָגסט, אַז דער מענש איז ביי זיך אַליין אין די הענט, וואָלט איך דיר מיין גאָט ניט אָנגעבונדען; אָבער אז דו גי'סט זיך איבער סאַי־ווי־סאַי אין אַן אַנדערענ'ס הענט, טאָ וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט דעם אַנדערען רופען גאָט, ניט שיקזאַל?"

ענטפערט דער איינִיקעל: „איך בין אַ פּראָגרעסיווער מענש, אַ פריידענקער, קאָן איך ניט דיענען צו דיין גאָט. איך מוז דיענען צו דעם שיקזאַל."

און אַזוי דיענט יעדער צו זיין גאָט, און דער זיידע ווערט פערפאָלגט פון זיין גאָט, און דער איינִיקעל — פון זיין שיקזאַל. וואָס איז די נפקא־מינה?

אינהאלט

סקיצען און בילדער

	זייט
דאס רויטע העמדעל	9
טאטע־מאמע	18
דער אינוואליד	27
נאך גאר א גרינער	33
זיין „וואוילטאג“	41
אוועקגעהענדיג פון שלאכטפעלד	49
א „לא־יוצלח“	64
אז עס ווילט זיך עסען	70
די מלחמה מיט׳ן בעל	79
א מאמע	88
א מיאוסקייט	93
תשובה	100
אויף וועמען געהט דער איד?	106
אויפ׳ן באל	112
די קעניגין פון ליבלאנד	117

הומארעסקעס און פעליעטאנען

זעלבסט־אויסלאכעריי	127
די אפשטאמונג פון פסעוודאנימען	129
אהן א נאמען	135

	זייט
א מעדיצינישע טרילאָגיע	143
דער הומאָר־צאַפּער	159
איך און מיין העלד	165
יאָגענדיג זיך נאָך א לעזער	172
שילטעו זיך איז אויך א פּרנסה	178
די דיסקרעדיטירטע דזשעקס	185
דער טשערמאַן פון די פּאַראַדאָקסען	190
אַן אָריגינעלער שרייבער	195
אלישע	199
הונדערט יאָהר הויזען	204
יאָגענדיג זיך נאָכ'ן לעבעלע ברויט	208
צוויי וואָס זיינען געגאַנגען	212
דער גלגול פון אַן אָקס	217
מיין געליעבטע	222
די עפּענטליכע מיינונג	227
דאָס שטאַרקע געשלעכט	233
ווי שרייבער זוכען טעמעס	236
אויפ'ן הויכען בארג, אויפ'ן גרינעם גראָז	241
די פיער צייטען פון יאָהר	246
די ליבע זאָל לעבען !	249
איך בין א קינסטלער !	254
המנ'ס פּורים־רעדע	257
אליהו הנביא אין אמעריקע	262
מזמור שיר לדעקאָריישאָן־דעי	268
וועגען מגילת רות	273
פּאָלעמישעס	276
כּאָנדריקעווע	283
א הספּד נאָכ'ן אינדיק	288
יענע וועלט	293
אינטערוויו מיט'ן מלאך־המות	296
מיניאַטיורען	300